STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05103

SEYFER TOYRE UN HOKHME

Joseph Danowsky

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph & Elaine Heckelman
in memory of
Sol & Bella Friedman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

תורה און חכמה

ענטהאלט

א. דרשות פאר אלע אידישע ימים טובים און נוראים.
ב. פונקען, אפאריזמען און הויכע בליציגע געדאנקען.
ג. וויסענשאפטליכע פראבלעמס אויף פערשידענע טעזיסען.

— פון —

רבי יוסף ב״ר אברהם אהרן דאנאווסקי
רב פון יאנג איזראעל אין די בראנקס, נ. י.

אויטאר פון פיעלע וויסענשאפטליכע, היסטארישע טעזיסען
אין פערשידענע שפראכען.

פרייז $1.50

ת ר צ ״ ג

YIDDISH SERMONS for HOLY DAYS

– BY –
RABBI JOSEPH DANOWSKY

געדרוקט ביי
דושענעראל לײנאטײפינג קא., 112 סאפאלק סטריט, ניו יארק

Copyright 1933
By RABBI JOSEPH DANOWSKY

Address:
RABBI JOSEPH DANOWSKY
912 KELLY STREET, BRONX, N. Y.

DEDICATED to YOUNG ISRAEL SYNAGOGUE OF THE BRONX

1042 Stebbins Avenue, Bronx, N. Y.

Being connected this present year 1933 with the above Branch and seeing its indefatigable labor and how the President, Vice-President and Officers do not spare their time and efforts to educate, produce, and promote the Jewish spirit among the young people . . . My Lectures on Maimonides, Spinoza, Bialick and others, which were successfully attended, the Hebrew History and "Shulchan-Aruch" courses for the Sisterhood which were so regularly visited, all these are giving me the courage and impulse to dedicate my Book to the proud sons, daughters and Mothers of Young Israel who deserve thanksgiving from All-Israel for their encouragement and teaching to young and old, even well learned men with College Degrees—doing their best to educate everybody for the worthy Young Israel cause.

I thank you, as Rabbi and Spiritual Leader, and dedicate this Book in everlasting appreciation to your living movement. I express my Blessings and Pride with you, Fellows and Friends.

RABBI DR. JOSEPH DANOWSKY

SYNAGOGUE

SAMUEL A. ZUCKER, *Pres.*
SAMUEL GELLER, *Vice-Pres.*
SIMON S. PANNUSH, *Treas.*
K. GOLDFARB, *Rec. Sec'y*
DAVID BROWN, *Cor. Sec'y*
SAM FEINBERG, *Fin. Sec'y*
SAM FINE, MOE FALK,
MAX KAPLAN, *Trustees*
DR. JACK SAKS, *Ch. Soc. Com.*
LEON USDAN

SISTERHOOD

FRIEDA EILENDER, *Pres.*
HELEN CINNAMON, *Ex-Pres.*
SALLY ZIPNICK, *Vice-Pres.*
FANNIE TULIBAUM, *Treas.*
RUTH APPEL, *Rec. Sec'y*
SARAH CINNAMON, *Fin. Sec'y*
ANNA HOROWITZ, *Cor. Sec'y*
MRS. MIRIAM RUSSELL

דער בריעף איז צוגעשיקט געווארען צום מחבר, פון דעם באריהמטען לאיער — אטארני האראלד גאלאגאר, א גרויסער געלעהרטער אויף דעם געביט פון לאו, אריענט שפראכען־קענער, באזיצער פון אייניגע דיגריעס (דיפלאמען):

My Dear Rabbi Danowsky:

Permit me to congratulate you on the publication of your sermons and lectures in book form. Having the honor of your acquaintance, and being one of the many that have heard your lectures with pleasure and profit, I can truthfully say, that in giving this "Sefer" to the public, you have conferred a great boon upon the community.

In my humble opinion, this book is a valuable contribution to Sacred Hebrew Literature. Your sermons will now be read by the thousands who could not crowd into your synagogues and lecture halls, and will lead them in the path of righteousness. You have devoted your life, hitherto, to a career of Teacher in Israel, and now future generations will also receive the benefit of your teachings. What better form of immortality can one desire?

The great mass of Jewish laymen will welcome your tract, written in Yiddish, as a beacon in the wilderness, a haven of refuge in time of distress, a sort of "Moreh Nevuchim" on an abridged scale. At the same time, the epigrams it contains, like the priceless jewels of the "Choshen and Aifud", can well adorn the verbal raiment of the "Kohen Godel" who preaches from the pulpit.

When Israel is threatened by Hitlers and Cuzas, when our brethern are driven from pillar to post, and are excluded from their own land of Israel, a

book such as this, revealing in every line the true Orthodox faith of our Ancestors, serves as a bulwark of strength against our enemies, a mocking challenge flung into their teeth, "Israel is still repeating its Shma Isroel."

In conclusion let me state that you have rendered the greatest service to the Jewish people, working as you are, amidst great difficulties, quietly and unostentatiously to spread the knowledge of the Torah, and I therefore nominate you as Member Number One in the Jewish Legion of Honor.

Respectfully,

HAROLD GOLOGOR

ב"ה.

מיין טהייערער הערר און חשוב'ער פריינד
הרב דר' יוסף דאַנאָווסקי!

איך רעכען זיך פאַר אַ פריווילעגיע וואָס מיר איז צוגע־טהיילט געוואָרען די עהרע צו זיין איינער פון אייערע פריינד. יעדעס מאָהל וואָס איך האָב געהאַט די געלעגענהייט אייך צו בעזוכען און צו פאַרברייננגען אין אייער אַנוועזענהייט איז עס מיר געווען אַ קורת רוח, אַ גייסטיגער פאַרגעניגען; ווייל אייערע ווערטער, אייערע זעטצע, זיינען אַזוי רייך אין תורה און וויסענשאַפט אַז זיי פלעגען מיר יעדעס מאָהל ברענגען אין באַגייסטערונג.

און עס איז מיר געווען אַ הימלישער פאַרגעניגען די אומ־צעהליגע מאָהל וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיין איינער פון די צאָהלרייכע פאַרזאַמעלטע אין פאַרשידענע שוהלען און ביי פאַרשידענע געלעגענהייטען, וואו איהר פלעגט האַלטען אייערע גייסטרייכע פאָרטראָגען. וואָס מעהר איך האָב אייך געהערט, אַלץ מעהר האָב איך געדורשט אייך צו הערען, ווייל שטענדיג האָט איהר געפונען אַ געלונגענעם וואָרט אין דער פאַסענדער צייט און ביי דער ריכטיגער געלעגענהייט צו ברענגען אייערע צוהערער אין באַגייסטערונג, און מיט אייער רעדע טאַלאַנט האָט איהר אימער געמאַכט דעם געהעריגען איינדרוק אויף אייערע צוהערער, אַז זיי האָבען אייערע ווערטער געמוזט נאָכדענקען.

און אויסער אייער רעדנערס קונסט האָט אייך נאָך גאָט גע־בענשט מיט אַ שריפטשטעלערישע פעדער, איך וואָלט דאָס רופען „השבעת הקולמוס", און דעם זעלבען דערפאָלג וואָס איהר האָט רעדענדיג פון דער בימה, האָט איהר אויך ווען איהר באַ־נוצט זיך מיט אייער פעדער, אייערע ווערטער, מינדליך אַזוי גוט ווי שריפטליך, מאַכען דעם נויטיגען ווירקונג, „זיי טוהען וואָס איהר ווילט, און באַזאָרגען דאָס וואָס איהר האָט זיי גע־שיקט". און יעדער וואָרט אייערער איז שטענדיג אַ פונק וואָס צינדט אָן אַ אידיש האַרץ מיט אַ פייער וואָס דערוואַרעמט און דערפרישט און לאָזט איבער אַן אונגעהויער איינדרוק פאַר אַ לאַנגע צייט.

* * *

די קנאַפּע זעקס צעהנדליג יאָהר פון מיין אייגענע וויניג־קייט קען איך איינטהיילען אין דריי חלקים: איין דריטעל — געלערענט אויפ'ן אַלט מאָדישען שטייגער אין חדרים און ישיבות; דאָס צווייטע — בין איך געווען פאַרליעבט אין דער העברעאישע שפראַך, האָב געשריבען אַרטיקלען אין הצפירה, המליץ, המגיד און אין פיעל אַנדערע העברעאישע און אידישע צייטונגען, האָב געהאָלפען זאב יעבץ שרייבען זיין „תולדות עם ישראל". געהאָלפען אליעזר בן־יהודה שרייבען זיין „מלון" און רעדאַקטירט דעם „הצבי". נאָכהער בין איך אַליין אויפגעטראָטען אַלס רעדאַקטאָר פון אַ אידישע צייטונג „אונזער ברודער". אין יענער צייט האָב איך געהאַט די עהרע צו שטעהן אין פאַר־בינדונג מיט די לויכטענדע שטערען פון אונזער ליטעראַטור. און איך שעץ מיר גליקליך אויך אייך, רבי דאַנאָווסקי, צו קענען רעכנען אין דער רשימה פון מיינע געהויבענע פריינד.

* * *

עס איז מיר געווען אַן אמת'ע פרייד צו הערען אַז אַ טהייל פון אייערע גייסטרייכע פאָרטראַגען און טיפזיניגע דרשות גיט איהר איבער צום דרוק. און איך בין זיכער אַז דעם זעלבען גרויסען נאָכפאָלגערשאַפט וואָס אייער רעדען אין דער עפענט־ליכקייט האָבען געצויגען, מיט דעם זעלבען באַגייסטערונג וועט אויך אייער געשריבענער וואָרט אויפגענומען ווערען פון אונזערע פּראָפעסיאָנעלע רעדנער אַזוי גוט ווי פון דעם אידישען עולם, וואָס לעכצט נאָך אַ וואָרט וואָס זאָל זיי באַגייסטערען און זאָל זיי דערנעהנטערען לאביהם שבשמים, וואָרום אייערע ווערטער זענען אַ קוואַל פון העכסטען סאָרט אידישע אינספּיראַציע.

איך ווינש אייך האַרציג אַז דער ספר אייערער זאָל נאָך ווידער געדרוקט ווערען אין מעהרערע אויפלאַגען, און ער זאָל אייך פאַרשאַפען די מעגליכקייט צו פאַרעפענטליכען די מעהרע־רע פערלדיגע און אינהאַלטסרייכע דברי תורה און חכמה וואָס איהר באַזיצט אין מאַנוסקריפּט, און זאָל גאָט געבען זיין ברכה אין אַלעם וואָס איהר טהוט.

און איך וועל ענדיגען מיין שרייבען מיט די הייליגע ווער־טער פון אונזערע חז"ל (תענית ה'): אַ מאַן איז געגאַנגען אין וויסטעניש, ער איז געווען מיד, הונגעריג און דורשטיג, האָט ער געטראָפען צו אַ בוים וואָס זיינע פרוכט זענען זיס, זיין שאָטען

איז דערקוויקענד און אַן אלבאסטער קלאָהרער וואַסער געהט פאַרביי איהם. האָט ער געגעסען די פרוכט, האָט געטרונקען דאָס וואַסער און האָט זיך אָפּגערוהט אינ׳ם שאָטען. אַז ער האָט געהאַלטען ביי אַוועק געהן, זאָגט ער: בוימעלע! בוימעלע! דיינע פרוכט איז אַזוי זיס, דיין וואַסער אַזוי קלאָהר און דיין שאָטען אַזוי אָנגענעהם, מיט וואָס זאָל איך דיר אַלזאָ בענשען? מיין ברכה איז: אַז די פלאַנצונגען וואָס וועלען פון דיר איבער געפלאַנצט ווערען זאָלען זיין געראָטען אין דיר!

וכן למר!

שמואל טיקטין

ועל הברכה יעמדו:

אבי הרבני התורני יר״ש ואיש תרומות ר׳ אברהם אהרן ב״ר יוסף שליט״א, ואחי צבי ומשפחתו, בנימין ומשפחתו, יעקב ומשפחתו, ואחי המלומד המשכיל מר פנחס ומשפחתו בארץ הקדושה, אחי צדוק בצרפת ואחותי חנה ומשפחתה.

ואחרון אחרון אשתי מרת רעללא בת ר׳ שלום הכהן תחי׳, ובני המלומדים ובתי הצעירה, ביחוד בני הבכור יעקב, אמן ובלשן שעזרני בהרבה מקומות ומ״ע.

ברכת ד׳ תלוה אותם בכל אשר יפנו.

ויזכרו לברכה ויברכו מר זאב יוזדען עם אשתו ובניו וכלותיו בעד אהדתם אל הספר שיודפס.

באַמערקונג

צוליעב די שווערע דעפרעשאָן-לאַגע קען איך מיט אַמאָהל דעם גאַנצען ספר ניט דרוקען, און לאָז איצט נאָר דעם ערשטען חלק אַרויס, די אַנדערע צוויי חלקים אויף אַלע פרשיות התורה און הפטורות, גלייכצייטיג די באורי המקרא לפי מבקרי המקרא, זיינען שוין אויך דרוק פאַרטיג, נאָר צוליעב עקאָנאָמי מוז איך אָפּהאַלטען מיט׳ן דרוקען זיי אַ קליינע ווייל.

דער אויטאָר.

יום ו׳ לסדר „ועל פני כל העם אכבד״, התרצ״ג.

שלום וברכה לידידי הרב החכם ובלשן שפתותיו נוטפות מור עובר רבי יוסף דנובסקי נ״י, ויזרח כשמש בצהרים.

מאד מאד התענגתי לקרא את דרשותיך המצוינות שאתה עומד להדפים ואמרתי לפעלא טבא „ישר״, „יפוצו מעינותיך החוצה״ ו„תן לחכם ויחכם עוד״. אחרי דעתי אותך זה כעשר שנים מאז באת לכהן פאר בתור מורה לתלמידי ישיבת תפארת ירושלים. והנני מעיד בזה שגם התלמידים, גם הוריהם, גם כל מנהלי הישיבה שבעו רצון מעבודתך, כי הצלחת לטעת נטעי נעמנים על תלמי לבותיהם למען יפרחו וישגשגו ויעלו מעלה מעלה בתורת ה׳ ובמצוותיו.

ואני מכיר אותך, בתור דרשן ומטיף מצוין שבכחך להלהיב לבות השומעים ולהשפיע עליהם לקרב לבותיהם לאביהם שבשמים מרומם רוחם ומקרב רחוקים.

ועתה לך בכחך זה, הלך והשפיע, הלך ונטע — וזכה את הרבים.

ואני תקוה שספרך זה ימצא מהלכים בין רבבות עמנו והביא לך ברכה.

בברכה מרובה ובהערצה,

שלך,

י. ר. ריפס,

מזכיר ישיבת תפארת ירושלים

CHARLES GOLDMAN JUDAICA LIBRARY
YM-YWHA OF NORTH JERSEY

בע"ה יום א' בהר, תרצ"ג.

מסירת מודעה

אין אידיש שרייב איך מיינע דרשות, ווייל איך וויל אַז אויך די יעניגע וואָס נעהמען אויף אַ הויכען רעיון און אַ גוטען געדאַנק נאָר דורך דער אידישער שפּראַך זאָלען אויך קענען לערנען, שטודירען, זיך פאַרטיעפען אין די הויכע געדאַנקען וואָס איך ברענג דאָ אין מיין ספר.

איך מייד אוים פילאלאגיש-פאנעטישע כללים, אויך די אָרטאָגראַפי באַנוץ איך די אַלטע מעהר, ווייל ספרים און תורה ווערען נאָר דורך איבערגעבונגען, מסורות געלערנט, און וואָס די שפּראַך-פאָרם איז עלטער איז זי מעהר מסוגל פאַר בעגייסטערונג, אינספּיראַציע, און בעזונדערס, ווייל איך שרייב עס פאַר'ן רב, משכיל, תלמיד חכם און סתם בעל הבית, און די אַלע זענען צום אַלטען סטיל מעהר צוגעפּאַסט.

איך וויל אויך דערמאָנען, אַז אַ גרויסער טהייל פון דאָס געשריבענע אין מיין ספר, זענען ניט אָריגינעל, איך האָב זיי בלויז איינגעפריימט, בעאַרבייט און בע'טעמ'ט, נאָר ווייל זיי זענען געזאָגט געוואָרען פריהער דורך מיר פאַר דער עפענטליכקייט, בין איך אויטאָריזירט זיי ניט אויסצולאָזען און אַריינברענגען זיי אין מיין ספר, און בין גלייכצייטיג מודיע אַז דאָס מיינט ניט „זיך פאַרפּוצען אין פרעמדע פעדערען", נאָר איינפאַך מזכה זיין דעם כלל מיט די שעהנע רייכע טעזיסען.

און אויב מען געפינט עהנליכע געדאַנקען אויך אין אַנדערע דרוש-ספרים, איז עס ווי ר' חיים וואָלאָזשנער זצ"ל האָט געזאָגט: „אויפ'ן גלייכען וועג געהען אַ סך מענשען, דעריבער טרעף איך און נאָך אַנדערע צו די זעלבע צילען".

דער אויטאָר.

יוסף ב"ר אברהם אהרן וישפה דאַנאָווסקי

אויטאָביאָגראַפיע.

ס'איז אַ כלל אַז אַ ספר מוז האָבען הסכמות און הקדמות, אָן דעם איז עס ווי אַ גוף אָן אַ נשמה, אַזאַ ווערטעל זאָגט דער

העברעער „ספר בלי הקדמה כגוף בלי נשמה". אַ פאַקט איז אָבער אַז זעלטען ווען אַ סטודענט אָדער אַזוי אַ לעזער זאָל זיך גריבלען אין הקדמות און הסכמות ווען דער אינהאַלט זאָגט גאָר ניט, פאַרקערהט, אויב דער אינהאַלט איז גוט — איז עס די בעסטע הסכמה. דערפאַר לאָז איך הסכמות פאַר דער צווייטער אויפלאַגע און אַנשטאָדט אַן הקדמה וועל איך זעהר קורץ דערצעהלען איבער'ן מחבר, און אַ ביאָגראַפיע זאָגט שוין פיעל מעהר ווי אַן איינלייטונג אָדער פאָררעדע. „ווילסטו דעם דיכטער קענען זאָלסטו אים דיכטערס לאַנדע געהען", זאָגט דער דויטש. קענענדיג די אויטאָביאָגראַפיע פון מחבר גיט עס שוין אַ רעפלעקשאָן, אַ בעלייכטונג איבער געוויסע שטריכען און שאפען פון דעם אויטאָר.

געבאָרען אין יעדוואבנע לאָמזער גוב. אַ שטעטעל ביין דייטשען גרענעץ, די גאַנצע שטעדטעל, אידען ווי קריסטען, האָבען אימער גע'שמ'ט מיט זייער ליבע צו וויסען, שטודירען און אינטעלעגענטען פון בארוף. דער טאָג פון מיין געבורט וויים איך ניט, ווי אַלע קליינשטעטלדיגע, וואָס האָבען אַזאַ מין ידיעה ניט גענומען אין אַנבעטראַכט. דער יאָהר וויים איך איז געווען 1885. מיין פאָטער זאָל געזונט זיין ר' אברהם אהרן, אַ איד אַ יושב אהל, יום ולילה זיצט ער און לערנט, אַ מלמד און אַ מרביץ תורה לתינוקות של בית רבן. מיין מוטער, עליה השלום, ישפה איז געווען אַ אשה צנועה פון דער אַלטער וועלט, פול מיט ליבע און מסירת נפש צו אַלעם וואָס איז אידיש און הייליג. מיין ערשטע יוגענד האָב איך אין ישיבות פאַרבראַכט, ווי לאָמזער ישיבה, סלאַבאָדקע און קאָוונע. געלערענט פריהער בקיאות נאַכהער חריפות. צו מיין 16טען יאָהר-עלטער האָב איך שוין געהאַט אַן אטעסטאט פאַר 4 קלאַסען גימנאַזיע, אַ גרויסע ידיעה אין הוראה און אַ בוכשטעבליכער קענער פון דער העברעאישער שפראַך. אין „המליץ" פעריאָדיש געשריבען איבער צייט פראָבלעמען אונטער פסעוודאנימס און אַלץ אָריגינעל. צו מיין 19טען יאָהר, אַלס עקסטערני אין מאריאמפאל, סואוואלקער גובערני, אויסגעהאַלטען די עקזאמענעס צו אטעסטאט זרעלאסטי, דאַן געשריבען אין „נאוואסטי", „בירזשעוואיא וויעדאמאסטי" נאוועלען. באַלד נאַכהער בין איך אַוועק אין דייטשלאַנד און אין קעניגסבערג אָנגעקומען אַלס סטודענט אויפ'ן טעאָלאָגישען דאַן מאַטעמאַטישען פאקולטעט. צוליעב

פּאָליטישע מאָטיווען בין איך אויסגעוויזען געוואָרען פון קעניגס-בערג און בין אָנגענומען געוואָרען אין דעם ראַבינאַקל סעמי-נאַריום פון פראַנקפורט אַם מאַין. מיטגעאַרבייט אָפּט אין די „רונדשוי". דער ברוויזענדער רעוואָלוציאָנערער יאָהר 1906 האָט מיר צוריק אַהיים געבראַכט אין פּולין, וואו איך האָב איינינע שולען מיט העברעאיש-רוסיש-פּויליש-דויטש אונ-טעריכט, געעפענט, אַ פּרעבעל שולע לויט די בעסטע מוסטער-האַפטע פאָדערונגען. צו 1914 האָב איך פאַרפערטיגט אַ כרעס-טאָמאַטיע מיט עטימאָלאָגי און סינטאַקסישע איבונגען אין העב-רעאיש, דייטש און רוסיש פאַר סטודענטען פון העכסטען שול יאָהר. מיט'ן מלחמה אויסברוך איז עס מיט אַלע מיינע חפצים און פאַרמעגען ווי אויך אַלע מאַנוסקריפּטען פאַרניכטעט גע-וואָרען. פרישמאַן און קרינסקי ע"ה האָבען זיך זעהר וואַרם געהאַט אָבגערופען וועגען דעם. אונטער דער דייטשער אקופּאציע האָב איך אַ רעגירונגס שטעלע אַלס אַנוואלט און שול מייסטער איבער אַ גאַנצען ראַיאָן פערוואלטעט, מיטגע-אַרבייט אין דער דייטשער אויסגאַבע „ביאַליסטאָקער נייעס". אין 1923 בין איך אין אמעריקא אָנגעקומען, באַקומען אַ שטעלע אַלס לעהרער אין ישיבת תפארת ירושלים אונטער דער הנהלה פון הרב הג' ח. י. מאָזעסאָן, דער באַריהמ-טער פּעדאַגאָג און פּרינציפּאַל און דער געלערענטער מר. ריפּס, סעקרעטאַר. אין „טאָגעבלאַט" אונטער דער רעדאַקציע פון „בובליק" האָב איך געאַרבייט ביז די צייטונג האָט זיך פאַר-מאַכט. גלייכצייטיג אין „אַמעריקאַנער" אונטער „מאַגידאָוו'ס" רעדאַקציע אויך וועכענטליך מיטגעאַרבייט. פאַרטראָטען דעם „בית מדרש הגדול" אין איסט בראָנקס, טעמפּעל און שולען און גלייכצייטיג „בית ישראל" אין ברוקלין אַלס רבי, און האָב איבעראַל געליפערט מיין תורה אין פאַרשידענע ענינים.

אין 1924 בין איך אויפגענומען געוואָרען אין וואַשינגטאָן ד. ס. פון פרעזידענט קולידזש, פון קאָנגרעס און סענאַט, וועגען מיין אַפּיעל צו זיי פאַר'ן פאַראייניגען די פעמיליעס פון די דעקלעראַנטען און פיוטשור סיטיזענס און האָב אַ דאַנק גאָט מצליח געווען, ווי אין קאָנגרעשאָנעל רעקאָרדס איז געשריבען וועגען מיר.

אין פעברואַר, 1933, בין איך אָנגענומען געוואָרען אַלס רב און גייסטליכער פיהרער פון דער יאָנג איזראַעל שוהל,

1042 סטעבינס עוו, וואו זעהר א גרויסע צאהל יונגע און אלטע, כן ירבו, קומען הערען מיינע לקטשורם אדער דרשות.

א גרויסען טהייל פון מיינע דרשות גיב איך דא דעם לעזער — און בין זיכער אז יעדער וועט צופרידען זיין, ווייל איך זאלעווע ניט מיין מיה און צייט און וויל דעם עולם געבען דאס בעסטע וואס ער דארף באקומען בע"ה.

אויב אבער יעמאנד האט וואס צו באמערקען אדער אויס-צוזעצען זאל ער זיך ווענדען גלייך צום מחבר, און אין דער צווייטער אויפלאגע בע"ה אז איך וועל זוכה זיין וועל איך עס אלעם פאבלישען.

מיט מיין פולסטען צוטרויען צום לעזער און גלויבען בעה"ש אין מיינע כחות טרעט איך צו דער ארבייט צו, און דאנק אלע-מען אין פאראוים.

א גרויסען טהייל „פונקען" פון די גרעסטע וועלט און אי-דישע חכמים ברענג איך אין דעם ספר, ווייל דער רעדנער מוז קלינגענדיגע געדאנקען און שארפע ציטאטען (קוואוטיישאנס) פארטראגען פאר'ן צוהערער. די אודיענס, ר'צוהערער איז שטענדיג פיין פיהלענד און ער כאפט אויף בליציגע געדאנקען ווען זיי ווערען נאר לאנגזאם און גוט פארגעבראכט. אבוואהל ס'זאגט זיך א ווערטעל: „מיט פרעמדען שכל קען מען ניט לעבען", אבער קיינמאל קען מען אריגינעל ניט זיין אין דרשות. און דעריבער וועט עס נוצען פאר דרוש מאטעריאל פאר יעדען קלאס רעדנער ווער ס'זאל ניט זיין, ניט נאר פון פולפיט (בימה) נאר אין אלע געזעלשאפטליכע קרייזען קען מען עס פארברענגען און ערקלעהרען לויטן אייגענעם פערשטאנד.

דער וויסענשאפטליכער טהייל איז אויך זעהר וויכטיג פאר יעדען רעדנער, צו בע'טעמ'ען זיינע רייד מיט הויכע רעיונות, דערמאנען אפט א פילאזאף און זיין כאראקטער אין בעצוג צו אונזער תורה און חכמה. מיט איין ווארט, דער ספר איז א קטן הכמות ורב האיכות. די קוואליטי פאר צעהנפאכט די קוואנטיטי.

יוסף דאנאווסקי

סליחות

קומי רוני בלילה לראש אשמרות, שפכי כמים לבך נכח פני ד׳. (איכה ב׳)

שטעה אויף, זינג ביינאכט, צוגעה זיך אין מע־לאדיען ווי וואסער פאר גאט.

דער שמש קלאפט אין די לאדענס, א שטיק פארטאג, אין די נאכט שטילקייט קלינגט אב זיין שטימע מיט א מורא׳דיגען עכא: שטעהט אויף לעבודת הבורא! און ווייסט איהר ווער דער ערשטער שמש, וואס האט דעם מנהג איינגעפיהרט איז עס געווען? — ירמיהו הנביא, איז עס געווען, וואס האט געוועקט און גערופען: קומי רוני בלילה.

און דער זעלבער ירמיהו, וואס האט דעם „קומי רוני״ פראקלאמירט, האט אויך דעם „בכה תבכה בלילה״ געשאפען, און די חז״ל פרעגען: וואס שטעהט עפעס „בלילה״, ערקלעהרען זיי „כל הבוכה בלילה — כוכבים ומזלות בוכים עמו״, אדער „מפני שכל הבוכה בלילה מי ששומע את קולו בוכה עמו״, דער ביינאכטיגער וויינען ריהרט אלעמענס הערצער, רופט טרעהרען ארויס און מיטלייד אפילו ביי שטומע נאטור וועזענס, פאר־שטעהן מיר אלזא די נוצליכקייט פון ביינאכטיגען וויינען, און מכח זינגען ביינאכט זאגען די חז״ל, אז די אמת׳ע פאלקס טראגעדי ליגט ניט אין וויינען נאר אין זינגען, אונזער מוזיק, אונזערע נשמה טענער גיסען זיך אוים מיט אזא פיהלענדע אומעטיגקייט, מרה שחורה, טרויער, א ים פון טרערען באגליי־טען אונזערע סקארבאווע נגונים. דער בכה תבכה און דער קומי רוני ביידע, סאי אין וויינען און סאי אין זינגען זעהען זיך די פינסטערע גלות נעכט מיט זייערע טרויעריגע פאלגען, ווייל מיר זינגען אנדערש, אין גאנצען אנדערש פון די אנדערע פעל־קער, זיי זינגען ביים אנקומען פון פריהלינג איבער פויגעל זאנג, און מיר זינגען ביים פויגעל אבשייד, ביים הערבסט. מיר זינגען: עבר קציר כלה קיץ ואנחנו לא נושענו::: זיי זינגען: הנצנים נראו בארץ, די נאטור גרינט, פויגעל זינגען, בוימען בליהען, בלומען קנאספען און מיר זינגען: יבש חציר נבל ציץ, גראז טריקענט, בלומען וועלקען... זיי זינגען מה יפית ומה

נעמת אהבה, ווי שעהן און פּרעכטיג די ליבע איז... און מיר: טבעתי ביון מצולה, כ'טרינק זיך אין טיפען אָבגרונט, קען ניט שטעהן, ווער פאַרפלייצט...

זיי באַזינגען, הייסט עס, די שעהנקייט פון דער נאַטור, הימעל, האָריזאָנט, ליכטיגקייט און פרעהליכקייט, די שטאַרקע וואַסער וועללען, בלומען און בוימען מילדקייט און ליבע, און מיר: איבער דעמערונגען, בין השמשות'דיגס, פינסטערניש, ווילדער־ניש קעלט און פראָסט...

קומי רוני בלילה איז די גרעסטע פאָלקס טראַגעדיע וואָס צוגיסט זיך און ווייקט זיך אין טרערען, אַ געזאַנג וואָס גיט אַרוים אַ שרעקליכען טרויער עכאָ, וואָס פאַרנעהמט די אַל־וועלט, מיר זינגען ביינאכט, טראַכט דעם וואָס די נאַכט איז אַזוי גרוים און לאַנג, ווייל נאָר ביינאכט פיהלען מיר אונזער איינזאַמקייט, דעם ד' בדד ינחנו.

און אויפשטעהענדיג צו סליחות ביינאַכט זענען מיר מקיים דעם קומי רוני בלילה און לשמוע אל הרנה ואל התפלה, אָבער אונזער רנה, אונזער געזאַנג איז בלויז טרויעריגע עראינערונגען: ערומים נותרנו ורבתה הרעה, כל עיר על תלה בנויה ועיר ד' מושפלת עד שאול תחתיה, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך...

דער שמש וועקט אונז קומי רוני בלילה, ווייל דער רמב"ם זאָגט: אויב ניט פריהער קען חו"ש ווערען צו שפּעט, און דאָס בעטאָנט דער נביא ירמיהו, אויב וועקען מוז מען פריהער, בויען — מוז ווערען פריהער אַ פּלאַן געמאַכט, און אום אויסצו־מיידען אַ בכה תבכה בלילה מוז פריהער קומען אַ קומי רוני בלילה, ווייל ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה, און נאָכ'ן קומי רוני בלילה זאָגט דער נביא, הערט זיך גאָטס שטימע, יהי אור, קומי אורי כי בא אורך...

פונקען

זה יתנו — כזה, דרש'ענען די חז"ל, אַז גאָט האָט משה'ן געוויזען אַ פייערדיגע מטבע, באַמערקענדיג, כזה יתנו, ווען מען גיט זאָל זיין מיט פייער, התלהבות, ווייל אָהן עקזאַלטאַציאָן, אָהן ברען, איז יעדע נתינה קיין נתינה ניט.

סליחות

דער ערשטער סליחות זאָגער איז געווען אברהם אבינו. בעטענדיג פאַר סדום האָט ער געזאָגט: השופט כל הארץ לא יעשה משפט? אין געריכטס טערמינאלאָגיע מערקען זיך אימער די צוויי ווערטער: „דין" און „יושר" — רחמנות. דער ריכטער מוז משפט'ן לויט'ן געזעץ, ער מוז היטען דעם קאָדעקס לויט אַלע רעגעלען, יקוב הדין את ההר, אבנייגען פון דין, מוחל זיין אָדער פאַרמילדערען אַ שטראָף קען נאָר יענער, ווער ס'שטעהט העכער פון דין, אין אַ מאָנאַרכיסטישע לאַנד איז עס דער קעניג און אין אַ רעפּובליק — דער פּרעזידענט אָדער דער גאָווערנאָר, ווי מיר בעטען אַל תבוא במשפט אתנו, ווייל דורך משפט איז לא נצדק בדין, נאָר דורך רחמים קענען מיר באַפּרייט ווערען. און דאָס האָט אברהם געבעטען: השופט כל הארץ, גאָט וואָס איז די העכסטע אינסטאַנץ פון אַלע לאַנדס געריכטען לא יעשה משפט, דו דאַרפסט ניט צאָהלען לויט די פאַרדינסטען, משפט טוהט דאָך אַ קליינער ריכטער אויך, פאַר דיר פּאַסט גאָר ניט קיין משפט צו טאָהן, דו דאַרפסט רחמים טאָהן.

דער מדרש ברענגט, בשעת מתן תורה, אמר הקב"ה לישראל, תנו לי ערבים שתקימו, גיט מיר, זאָגט גאָט גוט־זאָגער, זשיראַנטען וואָס זאָלען זיין פאַראַנטוואָרטליך אויב איהר וועט אייער וואָרט ניט מקיים זיין, האָבען די אידען אַנגעוויזען אויף די אבות אברהם, יצחק און יעקב, האָט גאָט זייערע זשירעס ניט אָנגענומען, האָבען די אידען געזאָגט: אויב ניט אונזערע אבות טו לאָז זיין אונזערע קינדער, זיי האָט שוין גאָט יאָ אָנ־גענומען, פרעגט דער עמק יהושע, ס'איז דאָך אַ בפירושע גמרא, קטן אינו יכול להיות ערב, קינדער קענען קיין זשיראַנטען ניט זיין. ענטפערט דער עמק יהושע, אַז גאָט האָט זיי ניט פאַר ערבים אָנגענומען, נאָר אַלס משכון, פּלעדזשעס, און די גמרא זאָגט אין בבא מציעא: המלוה על המשכון על זמן ועבר הזמן ולא פרע יש שקונה ויש שלא קונה, אויב איינער לייהט געלד אויף אַ משכון פאַר אַ געוויסע צייט און די צייט איז אַריבער און דער משכון איז ניט געוואָ־ייזן אויסגעלייזט, קען זיין אַז

דער משכון זאָל געהערען צום מלוה. אין אַלע פאַון שאַפּס אַז דער טערמין לויפט איבער ווערט דער משכון פאַרקויפט, ניט אַזוי איז אָבער ביי אונז דער דין, זאָגט די גמרא, רואים אם בזמן פגע המלוה את הלוה מחפש אחרי ממון ואינו משיג לא יכול המלוה למכור כי יגאל, אויב דער לייהער טרעפט אונטער־דעסען דעם בעל המשכון ווי ער זוכט ערגעץ אַן הלוואה נור ער קריגט ניט, איז אַ פאַקט אַז ער וויל אויסלייזען נאָר ער קען ניט — קען דער מלוה דעם משכון ניט צונעהמען, ווען אָבער ער טרעפט דעם לייהער אין אַ סאַלאָן טרינקענדיג וויין, ביר, דאַן מיינט עס, אַז ער האָט זיך שוין מיאש געווען פון משכון און ער קען איהם פאַרקויפען, קומט רב אחא מדפתא און זאָגט: גם שותה שכר אינו סימן שלא רוצה לגאלו, הוא שותה מעצמת דאגותיו, אפילו אַז ער טרינקט ביר מיינט עס ניט אַז ער איז זיך מיאש פון זיין דינג, ניין, ער טרינקט אום זיינע נערווען צו באַרוהיגען, באַטויבען זיי, ער וויל זיין צער שטילען, און אויב מיר זענען די תורה ניט מקיים בעטען מיר אויך ביי גאָט ברוך הוא ער זאָל אונזערע משכנות ניט נעהמען אפילו ווען מיר זענען שכור פון די הבלי עולם הזה, מיר ווילען בלויז אונ־זערע צרות פאַרגעסען, און דעריבער זאָגען מיר: לך ד׳ הצדקה, דו גאָט טוסט אונז צדקות, אָבער ולנו בשת הפנים, מיר שעמען זיך, ווייל מיר קענען אונזער חוב ניט צאָהלען, דעריבער איז דלתיך דפקנו כדלים וכרשים, ווי אָרימע לייט שטעהען מיר ביי דיין טיר און בעטען: סלח לנו אבינו וברכנו בשנה טובה ומאושרה, אָמן.

פונקען

שלמה המלך זאָגט: מי יתנך כאח לי, אמצאך בחוץ אשקך — הלואי וואָלסטו מיר אַ ברודער זיין ווען איך טרעף אין גאַס און קוש זיך מיט איהם, ווייל אַם מיינסטען קושען זיך אידען אין בית-מדרש און בייסען זיך אין גאַס, אין דער גע־שעפטליכער וועלט. זאָגט שלמה, וואָלסטו מיר אַ ברודער זיין, אַז אויך אין גאַס זאָלען מיר זיך ניט בייסען.

סליחות

קומי רוני בלילה, שפכי כמים לבך, שאי אליו כפיד. (איכה ב׳ י״ט)

ס׳באגינט מיט הערבסט, א קאלטער ווינד בלאזט, א דריב־נער רעגנען קאפעט, אומעטיג ווערט אויף דער נשמה, ס׳פיהלט זיך איבעראל די ימים נוראים, אלע טאג הערען זיך די קולות פון שופר, וואס רופען צו תשובה, און ווארפען פאר איינס א פחד... און נאך מעהר און נאך שרעקליכער איז דער שבת פאר סליחות, ווען ס׳איז נאך פינצטער וועקט דער שמש צו תהילים, מיט אזא אומעטיגען סקארבאווען נגון: ר׳ משה צו תהילים — צו תהילים שטעהט אויף. קלאפט זעהר שטארק אין די לאדענס, אן אומעט כאפט יעדען ארום, עפעס פיהלט זיך מיט אלטקייט, מיט הערבסט, מיט טראפען טרערען ווי די נאטור וויינט מיט, באלד, באלד קומט דער יום הדין און מען דארף קלאפען אין די טיהרען פון בית דין של מעלה, מען וועט דארפען אריבער׳גנב׳ענען דעם גרענעץ פון אלטען יאהר צום נייעם, און ווער נאך ווי אידען ווייסען ווי שווער ס׳איז א גרענעץ גנב׳ענען! פיעלע ווערען געשאסען, דערטרונקען, געכאפט און אין די טורמעס פערשפארט און יעדער איד פיהלט די געפאהר און פרעגט:

— נו, און וואס וועט זיין מיט מיר? וועט אונז געלונגען זיך אריבער כאפען דעם גרענעץ, אדער ס׳וועט שמעקען מיט טויט?

מיט אזעלכע אומעטיגע באלאנס געדאנקען געהט יעדערער אהיים פרייטאג צונאכטס מיט׳ן געדאנק אויפצושטעהן מארגען צו תהילים און ביינאכט צו סליחות. שרעקליך איז געווען דער שבת־צו־נאכטס ווען דער שמש פלעגט מיט א גראבען שטעקען קלאפען אין די לאדענס מיט א יאמער געשריי: — שטארקט זיך און שטעהט אויף לעבודת הבורא! שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות! דער ווינט טראגט פאנאנדער אין דער גאנ־צער שטעטעל די שטימע פון דעם סליחות רוף, אלע כאפען זיך אויף פון שלאף מיט אימה; טוהען זיך אן שנעל, כאפען די

CHARLES GOLDMAN JUDAICA LIBRARY
YM-YWHA OF NORTH JERSEY

סליחה מיט זיך און אין דער פינצטער איילט מען זיך אין שוהל אריין, ניט צו פארשפעטיגען דעם ערשטען קדיש פון סליחות. און יענע אידען וואס האבען זוכה געווען צו האבען א מזרח שטאט און פארשטעהן נאך אויך פירוש המלות, זענען אזוי אומעטיג מיט דעם „הנשמה לך והגוף פעלך"... רבונו של עולם, די נשמה פון מיין קערפער איז דיינע און דער קערפער איז דיין שאפונג און האב רחמנות אויף דער נשמה, לאז איהר נאך זיין אין דעם קערפער. און נעבען יענע פיהלענדע מזרח אידען שטעהט אן אלטער מאן, געבויגען אין דרייען, קוים וואס זיינע פיס טראגען איהם, א ווייכע שפעטער שרייט ער מיט אלע זיינע כוחות אין א קוים הערבארע הייזעריגע שטימע: „אל תשליכנו לעת זקנה ככלות כוחינו אל תעזבנו"; פארלאז אונז ניט צו אונזער עלטער, א, רחמנות, גאטעניו; און הינטער זיי שטעהט א מיטעלער גוט געלערענטער איד, א משכיל און א חכם, אויך אביסעל פארמעגליך, ער שרייט אויך: „לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כי אם כדלים וכרשים דפקנו דלתיך"; מיר קלאפען אין דיינע טויערען אין די שערי רחמים ווי בעט־לער, און טרערען באנעצען זייערע סליחות. עפעס פיהלען זיי, אז ביי היינטיגען באלאנס זענען זיי הינטערשטעליג, עפעס פארשטעהן זיי, אז זיי זענען ווי יענע תהילים זאגער, די ערגסטע און צו מאהל די וויכטיגסטע...

מען דערצעהלט, א גרויסער עשיר אין א קליין שטעדטעל איז געפערליך קראנק געווארען, די דאקטוירים האבען איהם אויפגעגעבען, קיין מעדיצינישער מיטעל קען איהם ביים לעבען דערהאלטען, נאר גאט אליין קען איהם העלפען. אזוי האט ערקלעהרט א גרויסער פראפעסאר וואס איז געבראכט געווא־רען צום חולה. שפעט ביינאכט, די קינדער ארום זיין בעט זעהען ווי ער גוסס'ט שוין, זענען זיי צום רב געלאפען מיט א געוויין: רבי, ראטעוועט, זאגט תהילים! דער רב איז ארונ־טער אין גאס, שפעט ביינאכט זעהט ער ווי צעהן אידלאך געהען צושפרייט, שטיל און איילענדיג, האט ער זיי אפגעשטעלט.

— וואו געהט איהר אזוי שפעט ביינאכט, אידען?

— רבי, מיר געהען גנב'ענען. היינט איז דא א סך גענז אריין אין שטאדט, מיר מוזען דאך מאכען א לעבען, רבי.

— וויפיעל וועט איהר פאַרדינען יעדער פון אייך, אַז דער דזשאַב וועט אייך געלינגען — פרעגט דער אַלטער רב.

— צו 3 רובל אויף אַ חלק!

— אויב אַזוי גיב איך אייך צו 3 רובל און אָן ריזיקע, קומט אַריין אין שוהל און זאָגט תהילים פאַר אַ קראַנקען, זאָגט דער רב.

— גוט, רבי, מסכים, שרייען אַלע.

און זיי זענען אַריין אין שוהל, געווען איז עס סליחות צייט, און האַרציג מיט טרערען האָט זיך זיי געזאָגט אַזוי געשמאַק דער תהילים, און דער קראַנקער האָט אָנגעהויבען שוויצען און ווערען בעסער. די קינדער זענען געקומען זעהן ווער די תהילים זאָגערס זענען עס, און דערזעהן האָבען זיי אַלע גנבים, אונטער־וועלט מענשען. זאָגען זיי צום רב: „רבי, קיין בעסערע תהילים זאָגער האָט איהר שוין ניט געפונען"? — ניין, ענטפערט דער רב, כ'האָב געזעהן אַז אַלע טויערען אין הימעל זענען פאַר אייער פאָטער געווען שוין פאַרשלאָסען, און אויפצוברעכען שלעסער איז קיין בעסערע פון זיי ניטאָ. — דאָס וואָס איך זאָג „זיי זענען די ערגסטע און צו מאָהל די וויכטיגסטע".

און נאָך סליחות זעצט זיך דער עולם אַרום אַ לאַנגען טיש און דער רב געהט לערנען אַ פּרק משניות, נאָר וועלענדיג דעם עולם מהנה זיין מיט אַ גוט וואָרט אַז גאָט איז אַ רחום ווי אין פסוק שטעהט, ורחמיו על כל מעשיו, דערצעהלט ער זיי אַ מדרש, רבי תנחומא זאָגט: געווען איז אַ מעשה מיט אַ אידישען אָרי־מען שניידער אין רוים, איז אַמאָהל ערב יום כפור געגאַנגען אין מאַרק פיש קויפען, מעהר ווי איין פיש איז דאָן אין מאַרק ניט געווען צו פאַרקויפען, האָבען זיך ביידע געדונגען אויפ'ן פּרייז, דער אידישער שניידער, און דעם איפרכוס'עס (גראַדאנאַ־טשאַלניקס) קוכער, און דער שניידער האָט איהם אויסגעדונגען און געקויפט.

ביים איפרכוס טיש ווען ס'איז קיין פיש צו דינער געווען האָט ער זיין קוכער געפרעגט, וואו איז די פיש, כ'האָב דאָך געהייסען פיש קויפען. האָט זיין דינער איהם דערצעהלט מיט'ן אידישען שניידער וועלכער האָט אַ קאָלאָסאַלע סומע אויפ'ן פיש געספּענדעט. דער איד איז גערופען געוואָרען צו געבען אַן ער־קלעהרונג, ווי ערלויבט ער זיך אויסצודינגען דעם גראַדאנאַ־

טשאלניק. האט דער איד ערקלעהרט, אז מיר האבען א יום טוב וואס איז ביי אונז זעהר טייער, אונזערע זינד ווערט אין איהם פארגעבען, איז ניט ווערטה צו ספענדען צו אזא יו״ט? זיין ענטפער און ערקלעהרונג איז אנגענומען געווארען, און גאט האט איהם פאר זיין שמחה און תשובה מאהבה מזכה געווען אז ווען ער האט דעם פיש געעפענט האט ער א טייערען דימענט געפונען אין איהם. און דעריבער האט דער רב געענדיגט: שטארקט זיך אידען לעבודת הבורא, ווייל שווערע וואלקענס פארציהען זיך איבער'ן אידישען האריזאנט און מיר מוזען אונזער הימעל קלאר האלטען, און נאר דורך תשובה ומעשים טובים קענען מיר עס מאכען, ווייל רבי לוי יצחק בערדיטשעווער זצ״ל איז היינט ניטא וואס זאל קענען זאגען צום כביכול: רבונו של עולם, ווילסטו אונז פארשרייבען צו א גוטען געזונטען יאהר, מהיכי תיתי, סכנת נפשות איז דוחה יום טוב, אבער טאמער חו״ש קלערסטו אנדערש, טו ווער ערלויבט עם דיר צו מחלל יום טוב זיין?

פונקען

ר' לוי יצחק באַרדיטשיווער פלעגט יו״כ רעדען אידיש צום רבונו של עולם און זאגען: רבש״ע, איך בין שוין אלט און שוואך, איך דארף זיך צוויילען אויפשטעהן צו סליחות, זאגען א סך תפלות, ודוים, פיוטים, און דו בינסט דאך דער אלמעכטיגער, ביי דיר איז דאך קיין אלטקייט און שוואכקייט ניטא, און קיין סך בעטען מיר דיר ניט, נאר איין ווארט זאג ארויס, נאר איין ווארט: סלחתי.

און א צווייטען מאהל האט ער געזאגט:

רבש״ע, אביסעל סחורה האב איך דיר געבראכט און לאמיר זיך בייטען, כ'האב דיר געבראכט חטאים עוונות ופשעים, און איך פארלאנג פון דיר פאר דעם: סליחה, מחילה וכפרה, מיינסטו דאך אז איך וועל זיך שוין באנוגענען מיט דעם, ניין, רבונו של עולם, איך וויל א צוגאב צו דעם אויך, בני חיי ומזוני.

ראש השנה

(פאַר תקיעות)

רבותי! דער תוקע שטעהט שוין גרייט מיט'ן שופר אין האַנד און באַלד וועט ער בלאָזען תקיעה שברים תרועה, נאָר איידער ער בלאָזט מאַכט ער אַ ברכה מיט כונה — לשמוע קול שופר — און לשמוע מיינט ניט נאָר הערען מיט די אויערען, נאָר אויך פיהלען מיט'ן הארצען און מח, „אם לא שמיע לי", אויף גמרא לשון מיינט עס „לא סבירא לי", ס'איז מיר ניט פאַרשטענדליך.

לאָמיר אָבער בעטראַכטען דעם אויסזעהן פון שופר, אין אָנפאַנג שמאָל און צו די ענדע ברייט, וואו דער תוקע נעהמט אין מויל איז ער שמאָל, פון וואַנען דער קול געהט אַרויס איז ברייט, אזוי איז אויך דער לעבען פון צדיקים, אין אָנפאַנג קליין, אָרים, שמאָל, און אין די ענדע ברייט, ווערענד דער לעבען פון רשעים איז ריכטיג פאַרקעהרט, פריהער ברייט און די ענד איז שמאָל. און דאָס בעטאָנען די חז"ל: „זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם, זקני עמי הארץ כל זמן שמזקינים דעתם מטורפת עליהם" (קנים פ"ג), אַ תלמיד חכם אַז ער ווערט עלטער ווערט ער לאַגישער, אויסגעהאַלטענער, אַן עם האָרץ אָבער פאַרלירט גאָר זיין פערשטאַנד צו זיין עלטער, ווייל נאַטירליך איז, ווען אַן עפּעל פאַלט אַרונטער פון בוים צו דער ערד, איז פון אָנפאַנג געהט עס שווערער, און וואָס ער דערנענטערט זיך צו דער ערד, ווערט ער מאַגנעטיש צוגעצויגען, ווערט ער גרינגער אין פאַלען. אָבער אַ שטיין, ווען מיר וואַרפען צום הימעל איז פון אָנפאַנג לויפט ער שנעל נאַכהער ווערט ער שוואַכער און שוואַכער און דאָס איז דער וועג צו אונטערשיידען פון אַ נאַטירליכען ביז אַ געקינסטעלטען. דער צדיק מוז פון אָנפאַנג ליידען צרות, יסורים, און צו די ענד האָט ער שוין רוהיגקייט. ביי רשעים איז אָבער פאַרקעהרט, פון אָנפאַנג — קאַמפאָרט, באַקוועהמ־ליכקייט, און די ענד איז צרות און יסורים, ווייל דעם צדיק'ס וועג איז נאַטירליך און דעם רשע'ס וועג איז געקינסטעלט.

און אַזוי זאָגט שלמה אין משלי: „אורח צדיקים כאור נוגה, הולך ואור עד נכון היום, דרך רשעים באפלה לא ידעו במה יכשלו". אורח מיינט אַ שמאָלע וועג און דרך מיינט אַ ברייטע וועג. און אַזוי איז עס. ווען דער מענש לעבט לויט'ן אויסזעהן פון שופר, שמאָל דאַן ברייט, קען ער מאַכען הערען דעם קול השופר, אַז ער טוהט אָבער פאַרקעהרט, פריהער ברייט נאָכהער שמאָל איז זיין שופר בלאָזען גאַנץ אומזיסט, ווייל דאָס איז אַ כלל אַז אויב נאָר מן המצר קראתי יה, איז ענני במרחב יה...

און די ברכה איז ניט לתקוע קול שופר נאָר לשמוע קול שופר, ווייל בעלי תקיעות האָבען מיר גענוג, אונז פעהלט צו־הערער בלויז... יעדערער איז אַ תוקע פאַר זיך, אָבער הערען יענעם וויל ער ניט, קיינער וויל ניט ווערען קיין מושפע, נאָר אַ משפיע. דיסציפלין פעהלט אונז, אַ בעל דעה וויל יעדערער זיין. און דעריבער בעטען מיר מיט כונה „לשמוע קול שופר", און „שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות, און דאַן וועלען מיר זוכה זיין צו הערען דעם איין שופר — ותקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לד' בהר הקדש בירושלים.

פונקען

שלמה המלך האָט מתקן געווען ערובין און נטילת ידים, ערובין מיינט מען זאָל זיין אַ מעורב עם הבריות און נטילת ידים מיינט מען זאָל זיין אָפּגעשייט פון אַלעם אַרום.

* * *

אַ קינד האָט זיין פאָטער געפרעגט, וואָרום ווען איך בין געווען קליין און מען האָט מיר געלערענט געהן האָבען זיך אַלע געפרעהט, און ווען איך האָב מיין זיידען גענומען פיהרען איבער'ן הויז צו געהן האָבען זיך אַלע פאַנאַנדערגעוועהנט. — ווייל, ענטפערט דער פאָטער, ווען אַ פאָטער לערענט אַ קינד געהן איז די צייט פון פרעהען זיך, ווען אַ קינד נעהמט אַן אַלטען לערנען געהן איז אַ צייט פון וויינען צו ערוואַרטען...

ראש השנה

אמר ר׳ כרספדאי אמר ר׳ יוחנן ג׳ ספרים נפתחים ברה״ש, דריי ביכער ווערען רה״ש געעפענט, אחד של רשעים גמורים ואחד של צדיקים גמורים ואחד של בינונים, איינער פון אמת׳ע צדיקים, איינער פון אמת׳ע רשעים און איינער פון מיטעלען קלאַס, צדיקים גמורים נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים טובים, רשעים נכתבים ונחתמים לאלתר למיתה ובינונים תלוין ועומדים מרה״ש עד יום הכפורים, זכו נכתבים לחיים לא זכו נכתבים למיתה, (רה״ש ט״ז).

דוכט זיך אַז אין פּראַקטישען לעבען ווערט דער גאַנצער מאמר ניט רעאַליזירט. ס׳טרעפט אַז אמת׳ע צדיקים שטאַרבען גלייך נאָך יו״כ און אויף רשעים קען מען דעם טויט ניט דער־בעטען. נאָר די קשיא פרעגט שוין תוספות אויפ׳ן אָרט און ענטפערט, אַז דער מאמר איז באַזירט אויפ׳ן נצחיי׳ן לעבען, עס מיינט חיי עולם הבא, און אַזוי זאָגט אויך דער גר״א זצ״ל, אַז דער עיקר לעבען איז דער גייסטליכער, רוחניות׳דיגער אויפ׳ן עלמא דקשוט. מיר ווילען עס ערקלעהרען מיט אַ משל: געלעבט האָט אַמאָהל אַ גוטער קעניג וועמען אַלע אונטערטאַ־נער האָבען אַלע זעהר געליעבט. צו זיין קראָנאַציע האָט ער געפרעגט ווער האָט עפּעס אַ ביטע, זענען די זעלנער צוגעגאַנ־גען און געזאָגט: אייער מאַיעסטעט, מיר זענען אייערע טרייעסטע קנעכט געווען און זענען און ווילען זיין, אָבער אין אַ מלחמה ווערט שטענדיג געגעבען איין טאָג רוה צו באַגראָבען די טויטע, צווישען די געפאַלענע זענען אויך דאָ לעבעדיגע פערוואונדעטע וואָס קענען נאָך אַ מעדיצינישע בעהאַנדלונג געזונט ווערען, זיי נויטיגען זיך אין גרויסע פּראָפעסאָרען, און אַ פאַקט אין דער לעצטער שלאַכט איז אַ שווער פאַרוואונדעטער סאָלדאַט געלע־גען צווישען די טויטע, דער דאָקטאר איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ קוק געטאָהן און געהייסען איהם מקבר זיין מיט די טויטע, דער פאַרוואונדעטער האָט אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען דורך פינגער צייכענס, ווייזענדיג אַז ער לעבט מען זאָל איהם ראַ־טעווען. האָט דער דאָקטאר איהם געזאָגט, דיין טויט איז בע־סער ווי דיין לעבען, ווייל דיינע מינוטען זענען געצעהלטע און

דיינע יסורים שרעקליכע, און מען האָט איהם באַגראָבען אַ לע־בעדיגען, ווילען מיר דיר בעטען דו אַליין זאָלסט אונטערזוכען די פאַרוואונדעטע און דו אַליין וועסט דאָך אַזאַ אַכזר ניט זיין דיינע אונטערטאנער, דיינע קינדער אַזוי גרויזאַם צו בעהאַנד־לען. דער קעניג האָט זיי צוגעזאָגט זייער ביטע צו דערפילען און מיט אויגען פול טרעטען האָבען זיי איהם געדאַנקט.

דאָס זאָגט תוספות, אַז ר׳ יוחנן׳ס מאמר געהט אויף חיי עולם הבא וואָס איז דער עיקר, ווייל דער לעבען און טויט פון עולם הזה איז נאָר אַ משל, און נאָר א מיתה נצחית, אָבשטאַר־בען אויך פון עולם הבא, דאָס מיינט טויט. און דאָס זענען די דריי קלאַסען, די צדיקים אויב זיי ווערען אפילו לייכט פאַר־וואונדעט ווייל „אין צדיק בארץ אשר לא יחטא״, איז ער אָבער אויסער געפאַהר און דורך תשובה ווערט ער אויסגעהיילט צום חיים נצחיים. דער צווייטער קלאַס זענען די אמת׳ע רשעים וואָס אַפילו ביים לעבען הייסען זיי מתים, ווערען גלייך גע־מאַרקט. דער דריטער קלאַס, די בינונים, געפערליכע קראַנקע, פול מיט עברות, אָבער האָבען נאָך אין זיך לעבען, ווייל זיי גלויבען אין גאָט און זיין תורה, ווערען פאַרמשפט צום טויט, זאָגט דער ווילנער גאון אַז יו״כ זיצט גאָט אַליין, רחום בדין, און משפט זיי מיט זיין רחמנות און זיי קריגען אַלע אַ רפואה שלמה.

און דעריבער מוז זיך יעדער רעכענען אַז ער בעלאַנגט צום מיטעל קלאַס וואָס דאַרף האָבען גאָטס רחמנות און בעטען מען זאָל איהם ניט רעגיסטרירען צווישען די טויטע, זאָל יעדער ווייזען אַ סימן אַז ער לעבט נאָך און דאַן וועט גאָט אַליין ברחמיו אייך רעגיסטרירען צווישען די צדיקים, און איהר וועט האָבען אַ שנת חיים ושלום גאולה וישועה, אָמן.

פונקען

מתוקה שנת העובד אם מעט ואם הרבה יאכל והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון. דער אַרבייטער וואָלט גאַנץ געשמאַק געשלאָפען צו ער עסט פיעל אָדער ווייניג, נאָר דאָס וואָס ער זעהט אַז דער רייכער איז זאַט לאָזט איהם ניט שלאָפען.

ראש השנה

די אידישע תורה האָט ניט רעגיסטרירט די טעג פון די פאָלקס-העלדענס געבורט, זי האָט אָבער יא פאַרצייכענט דעם דאַטום פון אַנדערע ווען זיי זענען געשטאָרבען, און אויב מיר זאָלען וועלען וויסען דעם דאַטום ווען משה רבנו איז געבאָרען געוואָרען, דאַרפען מיר פריהער אויסרעכענען ווען ער איז געשטאָרבען און ערשט דאַן קענען מיר קומען צו זיין געבורטס-טאָג, (קידושין ל"ח).

מיר האָבען אַ מסורה, ווען דוד המלך איז געשטאָרבען, מיר ווייסען אָבער ניט ווען ער איז געבוירען געוואָרען, בכלל האָט די אידישע תורה ניט געוואָלט צופיעל פאַרגעטערען די ערשטע פאָלקס פאַטריאַרכען, סיי די פיזישע, סיי די גייסטיגע העלדען, מען זאָל זיי ניט פאַרהייליגען פאַר געטער און דינען צו זיי ווי אַנדערע פעלקער טוהען עס צו זייערע העלדען. און טאַקע צוליעב דעם זעלבען טעם האָט די תורה ניט מעלים גע-ווען זייערע מעלות און גלייך אויך זייערע חסרונות, כדי מען זאָל וויסען אַז אַלענפאַלס זענען אַלע ניט מעהר ווי שטערבליכע מענשען און ווערען אונטערוואָרפען דעם געטליכען געריכט.

און אויב די אידישקייט האָט ניט באַצייכענט דעם געבורט פון איהרע העלדען אינדיווידועל, האָט זי אָבער יא פאַרצייכענט דעם געבורט פון דער אַלגעמיינער מענשהייט און זייער פלעג טאָג, דאָס זענען פסח און ראש השנה. „בכ"ה באלול נברא העולם נמצאת ביום ראש השנה בשעה הראשונה עלה במחשבה לברא אדם הראשון ונמצא רה"ש יום הולדת של אדם הראשון וחוה הראשונה" (סנהדרין ל"ח), מיינט עס דער טאָג פון דער מענשליכער שאַפונג, און דער פאָלק ישראל פייערט דעם יאָהר-טאָג פון דער מענשליכער בריאה, און ער בעט אויך פאַר'ן שלום און הצלחה פון דער גאַנצער מענשהייט, צום גאָט פון דער אַלמענשהייט: „אשר זכר כל המעשים לפניו בא, ועל המדינות ובריות בו יפקדו להזכירם לחיים ולמות".

צום אַלמענשליכען יו"ט רה"ש האָט מען אויך צוגעלייגט דעם נאַציאָנאַלען געפיהל פון „זכר ליציאת מצרים", לויט אַ מסורה אַז ברה"ש בטלה העבודה מאבותינו ממצרים (רה"ש

י״א). לויט דעם רעיון, איז דער יום טוב אויך אַ נאַציאָנאַלער וואָס וועקט אין אונז אויסער מענשליכע פליכטען אויך אידיש נאַציאָנאַלע, און דעריבער בלאָזען מיר שופר מיט׳ן קרן האיל, אַרויסווייזענדיג אונזער מסירת נפש צו אונזערע הייליגקייטען, די עקדה איז דער בעסטער סימבאָל פון טרייהייט און אָפּפער־וויליגקייט צו אונזער גאָט, און גלייכצייטיג דערמאָנט עס אונז אויך דעם קול השופר פון אונזער רעליגיעזע נאַציאָנאַלע פייער־געבורט, „וקול שופר חזק מאד ויחרד כל העם אשר במחנה״, און מיר זענען טיטולירט געוואָרען מיט׳ן נאָמען „עם סגולה״, און דער עיקר דערמוטיגט אונז דער שופר צום אחרית הימים, פון מענשליכע אַלגעמיינע פרייהייט פון „ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לד׳ בהר הקדש בירושלים״, און „כל יושבי תבל ושוכני ארץ כנשוא נס הרים תראו וכתקוע שופר תשמעו״.

די ראש השנה׳דיגע תפילות רעדען מעהרסטענס איבער׳ן קאָלעקטיווען מענשליכען מהות. „ובכן תן פחדך על כל מעשיך... ויעשו כלם אגודה אחת״... און גלייכצייטיג איבער׳ן נאַציאָנאַלען אידעאַליזם, „שמחה לארצך וששון לעירך וצמיחת קרן לדוד עבדך״... און ווידער אַלגעמיינער אידעאַליזם, „וכל הרשעה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ״..... און כדי אָבצואוועגען וועלכער שטרעבונג איז שטאַרקער, אַלגע־מיינער אָדער נאַציאָנאַלער, ענטפּערט אונז אַ גמרא אין בבא מציעא פ״ז: „היניקה בנים שרה, וכי כמה בנים היניקה? אמר ר׳ לוי: אותו היום שגמל אברהם את יצחק בנו עשה סעודה גדולה, היו כל אומות העולם מרננים ואומרים: ראיתם זקן וזקנה שהביאו אסופי מן השוק ואומרים בננו הוא, ולא עוד, אלא שעושין משתה גדול להעמיד את דבריהם. מה עשה אברהם? הלך וזימן את כל גדולי הדור ושרה זימנה את נשותיהם וכל אחת הביאה את בנה עמה בלא מיניקתה ונעשה נס בשרה אמנו ונפתחו דדיה כשני מעינות והיניקה את כלם״. מענשען האָבען געצווייפעלט אויב שרה איז יצחק׳ס מוטער, האָבען זיי זייערע קינדער געבראַכט, שרה האָט זיי געזייגט, האָבען זיי זיך איבערצייגט אַז שרה איז געטליך געהאָלפען געוואָרען.

אַלע פעלקער שרייען נאָך היינט צו טאָג אַז דער אידישער פאָלק איז שוין צו אַלט און איז ניט פעהיג מעהר אויפצולעבען אַ לאַנד, קומען מיר היינט און זויגען אויך פרעמדע לענדער און ווייזען דער וועלט אַז מיר זענען נאָך גאַנץ רייף און צו־געפּאַסט צום פאָלקס שאַפען און בויען, און קיין געדאַנק וועט אונז ניט שטערען אונזער אידעאַל... ווייל די זעלבע שרה וואָס האָט פרעמדע קינדער געזויגט, זעהענדיג אַז ישמעאל געהט ניט אין אברהם׳ס וועגען, והוא מצחק — בעבודה זרה ובשפיכות דמים, האָט זי געזאָגט, גייסטיג קען ער ניט ירש׳ענען מיט מיין זוהן און האָט איהם ארויסגעטריבען, און נאָכהער בלעטערען זיך אונזערע עפּאָכען און מיר שטויסען זיך אָן... אין די עלי׳ס, וואָס זעהענדיג אַז זייערע קינדער געהען ניט אין זייערע דרכים, קלייבען זיי בעסער שמואל׳ס אוים פאַר זייערע נאָכפאָלגער, און דאַן אַן עפּאָכע פון דוד׳ס און שלמה׳ס, ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל, עמוס און אַזוי ווייטער, חגי ומלאכי, עזרא און נחמיה... אַט דאָס אַלעס דאַרפען מיר היינט ראש השנה אין יום הזכרון גע־דענקען, און דאַן ביים קלענסטען חשבון הנפש וועלען מיר די פולסטע תשובה און חרטה האָבען און וועלען דאַדורך זוכה זיין צו די גאולה האמיתית בציון וירושלים.

(לויט ניסנבוים)

פונקען

וואָלפאל זאָגט: ס׳לעבען איז אַ קאָמעדי פאַר דעם וואָס דענקט און אַ טראַגעדי פאַר דעם וואָס פיהלט.

סאלאן דער גריכישער חכם זאָגט צו קרעזוס דעם לידישען קעניג: מען קען אויף קיינעם ניט זאָגען אַז ער איז גליקליך כל זמן ער לעבט נאָך.

סאקראטעס זאָגט (ווען זיינע תלמידים האָבען איהם גע־הייסען אַנטלויפען פאַר זיין טויט): זאָל בעסער שטאַרבען אַן אומשולדיגער איידער אַ פאָלק זאָל דעמאָראַליזירט ווערען. זיין מאָטאָ איז געווען: ערקעננע דיך זעלבסט, כ׳וויים אַז איך בין אומוויסענד.

ראש השנה

מתכנסים מלאכי השרת לפני הקב"ה ושואלים אימתי רה"ש ויה"כ? והקב"ה משיב: ולי אתם שואלים? נלך לב"ד של מטה, שנאמר תקעו בחדש שופר בכסא ליום חגנו כי חוק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב. (ילקוט שמעוני, תהילים)

רבותי!

פון נעכטען ביז היינט איז בלויז איין טאָג אַוועק, און מערקט דעם רושם וואָס דער טאָג האָט אין אונזער לעבען גע־מאַכט, אין דעם טאָג איז ניט נאָר אַ שנוי אין טעג נאָר אין יאָהרען געוואָרען, נעכטען האָבען מיר אויפ׳ן לוח געזעהן שנת תרצ"ב און היינט תרצ"ג, איבער נאַכט איז שוין אַנאַנדער לוח, אַנאַנדער יאָהר, נעכטען ביי דעמערונגען האָבען זיך די זון און לבנה צוזאַמענגעטראָפען, צוזאַמענגעשטויסען, און די ענדע איז געוועזען אַז אַ נייער יאָהר האָט זיך געבילדעט, אַ דאַנק יענער באַגעגעניש.

מיר פאַרמאָגען אָבער לוחות פון צוויי סאָרטען, אַזוינע וואָס יעדער טאָג ווערט אָבגעריסען ווייל אַן און פיר זיך איז עס אונאָבהענגיג, גאַנץ אַליין, איז קאָנעקטעד מיט די איבריגע טעג אין יאָהר בלויז, ווייל אַ דינער דראָט האַלט זיי צוזאַמען, און זיי ציילען זיך לויט די טעג פון יאָהר, יעדער טאָג אַנאַנדער בלעטעל, אין דעם צווייטען פריהמאָרגען ווערט דער נעכטען אָרונטער געריסען און אַוועק געוואָרפען. אָט דער זעלבער לוח פון אָנהויב יאָהר איז ער דיק, גראָב, היינגט אויפ׳ן וואַנט מיט שטאָלץ, ווערט אָבער פון טאָג צו טאָג דינער, מאָגערער, ווענ־י־גער, און צום לעצט בלייבט פון איהם בלויז אַ סקעלעט, אַ מצבה וואָס שטעהט אויף איהר פה נקבר שנה שלמה, און אַ צווייטער לוח פאַרנעהמט זיין אָרט — ס׳איז אָבער נאָך אַ סאָרט לוח דאָ וואָס פון איהם רייסט מען שוין ניט קיין בלעטלאַך, מען האַלט איהם, בלעטערט איהם, זוכט אין איהם אַ רונדען יאָהר, אָבער צום סוף יאָהר פאַלט זיין חשיבות אַזוי ווי דער אפריימ־קאַלענדאַר, ער הייסט שוין אַ פאַר־יאָהריגער לוח, ניט מעהר נוצבאַר, ניט מעהר גאַנגבאַר, ער איז נאָר גוט פאַר׳ן אומניצ־

ליכען געברויך. זיך גוט צוקוקען צו די לוחות שפיגלען מיר זיך אליין אב אין זיי, דער גרעסטער טייל מענשען זענען אבריים בלעטלאך, געהט א טאג אוועק איז ער פארשוואונדען אין די אונענדליכע עוויגקייט, און די מענשען ווערען עלטער, קעלטער, דינער, שוואכער, מאגערער, און יאהר איין יאהר אוים ביז זיי ווערען סקאלעטען. רוחי חבלה ימי נזעכו, קברים לי (איוב י׳), יעדער טאג איז א קבר פאר׳ן נעכטען, און קיינער לייגט קיין בלומען אויף אזוינע קברים, זיי באצירען יא די קברים מיט דיסטעלען און דערנער, און אויב ס׳גיבען אויך מענשען א מינא־ריטי, וואס זייער לעבען איז ווי דער 2טער סארט לוח וואס קיין טאג בלעטלאך ווערען ניט געריסען פון איהם, ווייל יעדען טאג ווערט זייער באנק בוך שווערער, זייער פראפערטי גרעסער, אבער סיי ווי סיי וועט אזא לוח אויך ווערען א „פאראיאהריגער לוח״, ווייל נאכהער ווי די ארומיגע וועלען אלעם זיך צונעהמען בלייבט עם פאר די אייגענטימער אלטע לעערע בלעטלאך.

און לכן מענשענס־קינד, איז דער ערשטער טאג תשרי זיי וויסען דיין ראש השנה, און וויים אז אלעם וואס דו האסט אנ־געזאמעלט אין פארלויף פון דעם יאהר זענען עם בלויז פוסטע בלעטלאך פון נעכטיגע טעג וואס פאר דיר וועלען זיי זיכער קיין ווערטה האבען, דיין גאנצער כבוד, און רוהם איז בלויז שעהנע בלומען אבער אהן פרוכט, רה״ש וועלקען אזוינע בלומען און פארלירען זייער ווערטה, די מצוות ומעשים טובים, די פרוכט דאס האט א קיום לויט ווי דער פסוק זאגט אין נשא „ואיש את קדשיו לו יהיה, את אשר יתן לכהן לו יהיה״, אויב א מענש האט חולין און קדשים מיינט עם אז די חולין איז זיינע גאר ניט, זיין חלק איז נאר די קדש, וואס קיינער קען עם פון איהם ניט גזל׳ענען, ווייל „קדשים כל היכי דאיתא ברשותא דמריא איתא״ און את אשר יתן לכהן לו יהיה, א מענש מיינט אז אויב ער גיט דעם כהן איין פופציגסטעל אדער זעכציגסטעל מיינט עם אז איהם בלייבט 59 חלקים און איין חלק דעם כהן, ניין א טעות, איהם בלייבט נאר דער חלק פון כהן, ווייל רה״ש איז א טאג פון באלאנס, אינווענטארי מאראל און עטיקס...

ראש השנה

(צום חרבן און שחיטה אין א"י אין תר"צ)

מיט'ן „יום אתמול כי יעבור", דער נעכטיגער אוועק-געה־ענדיגער טאג, איז דער לעצטער יאהר פארשוואונדען פאר עוויג פון אונז, און ער איז אריין אין חשבון פון יענע אלע יאהרען משׁשת ימי בראשית, וואס בילדען ביי אונז בלויז פרקים אין היסטאריע, און א נייער יאהר מיט זיין גלאנץ און פראכט וועט באהערשען אונזער וועלטעל.

ראש השנה! ביי א גרויסען קוואנטיטום מענשען איז ניט היינט דער ערשטער טאג אין יאהר, בלויז ביי א קליינעם, אפשר דעם מינימאלסטען טהייל פון פעלקער, ביים אידישען פאלק, אליין איז היינט רה"ש, ביי אלע פעלקער און נאציאנען איז היינט א געוועהנליכער טאג. מיר אבער רעכענען זיך כלל ניט מיט זיי, ביי אונז איז עס אבער היום הרת עולם פאר דער גאנ־צער וועלט און „ועל המדינות בו יאמר", און מען פרעגט זיי ניט אויב זיי שטימען איין אדער פראטעסטירען, אזוי איז עס, דער חדש תשרי איז מזל מאזנים, אלע ווערען געוואויגען און געמאסטען מי להשפיל ומי להרים.

רה"ש איז דער וועלט יאהרצייט, דער טאג וואס פארצייכענט דעם כלל און פרט, זיין צוקונפטיגען יאהר אם לשבט אם לחסד, אלע פעלקער באמת דארפען זייער באלאנס מאכען אום רה"ש נאכזעהן זייערע פארדינסטען און קרעדיטען, זייערע דעבעטס און קרעדיטס, און אויב זיי שטעלען אויף זייער באלאנס און זעהן אז זייערע חשבונות שטימען איז עס אבער ניט ביי אונז, א גרויסע שטארקע וועלט מלחמה געגען אונז האט זיך פאראייניגט, ענגלאנד וואס האט געוואלט זיין אונזער פרא־טעקטארשע אונזער באשיצערין האט אונז פארראטען, די איב־ריגע פעלקער אפלאדירען איהר און דער „ועניי בני ישראל דוויים סחופים ומדולדלים", און ונגעו דמי אבות ובנים ודמי רחמניות וילדיהן, דמי חתנים וכלות, חסידים וחסידות, דמי הגונים והגונות, דמי אחים ואחיות אין ארץ ישראל, אין רו־מעניען, רוסלאנד און בוקאווינא, און אונזער נקמה אקט ליגט בלויז אין די ווערטער: ארץ אל תכסי דמם.

יא, רבותי, יעדער אינדיווידום, יעדער פרט פון אונז האָט אויך צרות הכלל און אַ גרויסער טייל פון אונז שטעהען מיט שמערצליך צובראָכענע פיהלענדע הערצער, וויסענדיג אַז זייערע פליגעל זענען שוין אָבגעהאַקטע, די בלומען פאַרוועלקטע, די האָפנונגען — אויפגעגעבענע, און אַז זייער זון געהט אונ־טער, און דאָך שרייען זיי מיט'ן נביא צוזאַמען, מבליגיתי עלי יגון, עלי לבי דוי, כ'שטאַרק זיך איבער מיינע וויטאָגען און קוק ניט אויף די פריוואַטע צרות נאָר זאָרג פאַר די צרות הכלל, אונזערע ברידער אין רומעניען זענען „כצאן לטבח יובל", און געגען די מאָראַל פון תורת משה האָבען די אַראַבער געהאַנ־דעלט, מבטל געווען דעם „אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד", זיי זענען דאָס מתיר בנוגע צו אידען און שחט'ן אפילו בסכין פגומה, די תוכחה ווערט מקוים אויף אונז אין פרט, דער מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה פיהלט זיך אין גאַנץ יוראָפּ און אַזיען — און דאָך געגען אונזערע בלוטיגע טרויעריגע היסטאָ־רישע דאַטומס און פאַרשמירטע בלעטער וואָס עראינערט אונז היינט אין טאָג פון חשבון הנפש, איז עס דאָך ביי אונז היינט יום טוב און מיר פרעהען זיך, ווייל „שמחת יום טוב מצוה", ווייל אויב אונזערע שונאים האָבען אַלעם פון אונז שוין אַוועק גערויבט, האָבען זיי אָבער ניט די מעגליכקייט פון אונז דעם שופר צו רויבען, דער טראַדיציאָנעלער שופר וואָס הויבט אָן מיט אברהם'ן וירא והנה איל אחר נאחז בסבך בקרניו, זאָגען די חז"ל, וואָס שטעהט איל אחר אַנאַנדער באַראַן, און וועֶר איז דער ערשטער געווען? זאָגען זיי אַז יצחק איז געווען דער ערשטער, און דער שופר וואָס ווערט געמאַכט פון די איל הערנער זאָגט עדות אויף אונזער שטאָלץ און מסירת נפש, און אַנטקעגען אַזאַ עדות שרייט אוים כביכול אַליין „אַל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה", דאָס איז דער זעלבער שופר פון מתן תורה „ויהי קולות וברקים על ההר וקול שופר חזק מאד", דאָס איז דער שופר פון יובל „והעברת שופר תרועה וקראתם דרור בארץ לכל יושביה ושבתם איש אל אחוזתו ואל משפחתו, ער פראָקלאַמירט אַלגעמיינע מענשהייט, פרייהייט, קולטור און אידען קאַמפּף און ער איז דער זעלבער פון שופר של משיח „בשופר גדול יתקע ובאו האובדים בארץ אשור

והנדחים בארץ מצרים", און דעם שופר קענען זיי ניט באַרויבען, און ווען מיר הערען דעם קול השופר איז אמת פון איין זייט דערמאָנט עס אונז טרויעריגע פאַלגען פון די עקדות, אָבער גלייכצייטיג ווייזט עס אונז דעם עתיד פון קול שופר של משיח וועלכער מאַכט אונז גליקליך און פרעהליך, און אַ פאָלק וואָס קען שרייען אשרי העם יודעי תרועה און שרעקען זיך ניט פאַר'ן תקיעה און שברים נאָר האָבען אין זינען דעם תרועת נצחון קען מיט שטאָלץ זאָגען נאָכהער אשרי יושבי ביתך, מיר וועלען נאָך זיצען אין אונזער בית אבות בארץ האבות, אין בית ישראל בארץ ישראל, אָמן.

פונקען

אַ מלמד האָט נאָך אַ האַלב יאָהר קנעלענדיג ביי אַ ישוב'ניק פאַרדינט הונדערט רובל, האָט ער זיין קאַפּיטאַל גענומען און זיך געלאָזט אויף יו"ט געהן אַהיים, אונטערוועגס האָט ער זיך געלייגט אָברוהען, האָט ער די 100 רובל אַריינגעלייגט אין חומש'ל ביי לא תגנב און איז איינגעשלאָפען, אַ קלוגער גנב איז פאַרביי, געפונען דעם חומש'ל צוקאָפּען דעם שלאָפענדען מלמד, האָט עס געעפענט און דערזעהן 100 רובל, ביי לא תגנב האָט ער די 100 אַריינגעלייגט צו זיך אין פּאַקעט און 50 רובל אַריינגעטאָהן ביי „וחי אחיך עמך", און איז אַוועק, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ כאַפּ געטאָהן דעם חומש און געפונען 50 רובל, האָט ער זיך באַרוהיגט, פאַרט אַ גנב אַ בר אורין, אַריינגעלייגט ביים פּסוק וחי אחיך, נו, און עס געלאָזען ליגען און איז ווייטער איינגעשלאָפען. איז פאַרביי אַנאַנדער גנב האָט אויך דאָס צוגענומען און פאַרבויגט די בלאַט אין חומש פון „לא תותירו ממנו עד בקר".

* * *

אַ הויפען ציגעל איז נאָך קיין הויז ניט, טענער אַליין זענען נאָך קיין נגון ניט.

* * *

מיט די זעלבע ציגעל בויט מען אַ שוהל און, להבדיל, אַ קלויסטער, אַ פּאַלאַץ און אויך אַ טורמע.

ראש השנה

והיה יום אחד, הוא יודע לד׳, לא יום ולא לילה,
והיה לעת ערב, יהיה אור. (זכריה י״ד)

אָט דער „איין טאָג" וואָס דער פּראָפעט זכריה האָט געזעהן האָבען מיר דעם גאַנצען יאָהר געזעהן פון איין זייט. אַ קלאָרער מאָרגען מיט שעהנע זונענשטראַלען וואָס וועקט ביינקונגען צו אַ שעהנערען בעסערען געגענוואַרט ווי דער עבר, די פאַרגאַנגענהייט, און פון דער צווייטער זייט: אַ שרעקליכע פינסטערע נאַכט, שטורם און דראנג, שחיטות און אונטערדריקונגען אין מאַנכע אייראָפּעאישע פּראָווינצען, אַ נאַכט, וואָס עס וואָלט זיך זעהר וועלען אַזוינע נעכט זאָלען זיך ניט אומקעהרען, אַ קריזיס נאַכט, און אַז מען פרעגט די „נאַכט וועכטער", איבער'ן קומענדען מאָרגען זייער סאַרקאַזם דערצעהלט אונז שוין אַז ניט נאָר אַ טאָג נאָר אפילו דעמערונגען האָבען מיר ניט צו ערוואַרטען פון זייער זייט, און מיר טאַפּען אין דער פינסטער, פּאָגראָמירטע, באַרויבטע, צובראָכענע, הונדערטע אידישע שטעדט און קהלות חרוב אין רוסלאַנד, אָהן צאָהל הרוגים אין די אַנדערע לענדער, אויב ניט הרוגים פון שווערד איז עס אַ פאָלגע פון דער עקאָנאָמישע לאַגע און זיי זענען „הונגער פערשמאכטע"... די אידישע האַרץ ברומט און שטורעמט, ברויזט צווישען האָפנונג און שרעק, האָפנונג צו אַ טאָג, און שרעק פאַר פינסטערע נעכט, אָבער די נאַכט איז נאָך ניט אַוועק, אַלע וואַלד חיות, מענשען חיות לויערן נאָך, דער בלוטיגער אידען הפקרות מבול האָט נאָך ניט אויפגעהערט, דער שעפּעלע איד צושפּרייט איבער'ן כדור הארץ ליגט נאָך געבונדען פאַר די אויגען פון די רויב חיות און סתם חיות פאַרצוקט צו ווערען... הכפירים שואגים לטרף — ואל מעונותם ירבצון ויצא האדם לפעלו, נאָר דער איד מיט זיין שטאַרקען בטחון צו גאָט שרייט: לך יום אף לך לילה אתה הכינות מאור ושמש, אָט דער „מאור" דאַרף עס קומען און ער וועט ניט זיין אַ קאַלטער פראָסטיגער טאָג — „לא יהיה אור יקרות וקפאון", נאָר אַ וואַרעמער ליכטיגער טאָג „אור נוגה כאור

של עולם הבא, כאור היום בו יחבוש ד׳ את שבר עמו ומחץ מכתו ירפא (תנחומא בראשית א׳).

און היינט אין יום הזכרון שטעהט דער אידישער פאָלק פאַר׳ן „שופט כל הארץ״, מיט טריפענדיגע בלוט און צאַפּלענדיגע נשמות, און בעט — ניט נקמה בעט דער איד, נאָר ווי־סענדיג אַז ער איז אַ קרבן אויפ׳ן מזבח פון „ממשלת הזדון״ בעט ער נאָר „ממשלת הצדק והמשפט״, און די ממשלה פון צדק און משפט וועט קומען, יענע האַנד פון בלשאצרן שרייבט היינט אויך שוין: „מנא מנא תקיל ופרסין״, נאָר אויב אַט יענע היט־לעריסטען און שפּראַכענקענער, קענען די שריפט ניט לעזען, זייער בעלאָהנונג וועלען זיי זיכער קריגען „והיה לעת ערב יהיה אור״, ריכטיג ווען ס׳דוכט זיך אַז עס ווערט פינסטער — ערשט דאַן הויבט אָן לייכטען דעם אידען...

פונקען

די פאַרגאַנגענהייט איז שוין פאַרגאַנגען, די צוקונפט איז נאָך אויך ניטאָ, בלייבט נאָר די פאַרבייגעהענדע געגענוואַרטס־צייט, וועלכע דויערט אַזוי ווייניג ווי די שאַפונג וואָס ווע געשאַפען אין דעם מאָמענט.

* * *

ס׳שטעהט: ווער עס היט דעם פייגענבוים עסט זיין פרוכט, מיינט עס, אַפילו ער האָט דעם בוים ניט געפלאַנצט נאָר געהיט זיינע פרוכט זאָל ניט ווערען פערדאָרבען, וועט ער שוין עס עסען.

* * *

דאָס שווייגען איז ווי גאָטס מזבח און דער מענש איז מחלל דעם מזבח דורכ׳ן רעדען.

* * *

יעדער מענש דאַרף האָבען אָפּגעקליבען זיך אַ נאָהענטען פריינד, וואָס זאָל זיין זעהר אינטים מיט איהם, ער זאָל איהם קענען דערצעהלען אַלעס וואָס ער האָט אויפ׳ן הארצען, ווי יהודה און חירה, וואָס האָט געקענט דורך איהם שיקען אַ ציגעלע צו תמר׳ן.

ראש השנה

צוויי חדשים אין אידישען לעבען קאָנקורירען ווער פון זיי זאָל זיך רעכענען דער ערשטער, ניסן הייסט „ראש חדשים" און תשרי הייסט „ראש השנה", דאָס איז לויט די מחלוקת פון רבי אליעזר און רבי יהושע אויב די וועלט איז באַשאַפען גע־וואָרען אין תשרי אָדער ניסן, אויב די אבות זענען אין תשרי אָדער ניסן געבוירען געוואָרען אויב די אידען וועלען אין תשרי אָדער ניסן אויסגעלייזט ווערען, ניסן איז געווען „ראש החדשים", אידען זענען פון מצרים ארויס אין ניסן, דער משכן איז אויפ־געשטעלט געוואָרען אין ניסן, דעם ירדן איז מען אַריבער אין ניסן, און יריחו איז אויך אין ניסן איינגענומען געוואָרען, שלמה'ס בית המקדש איז אָבער דערפאַר באַנייט געוואָרען אין תשרי, און דאָס איז פאַרבליבען ביים פאָלק פאַר אַ געזעץ, אין תשרי ווען ער איז פריי פון זיין אַרבייט, און ער ווייס זיין פאַר־דינסט פאַר'ן נעקסטען יאָהר, צו געהן אין ירושלים מיט פאָמפּ און פּאַראַד, עזרא הכהן האָט די תורה געבראַכט פאַר'ן קהל צו לייענען דעם ערשטען טאָג אין תשרי (נחמיה ח' ג'), און דאַן האָט דער פאָלק געטאָהן „תשובה מאהבה", און דעריבער איז פון דאַן פאַרבליבען דער חודש אָלס „תשובה חודש", און ראש השנה איז געווען דער אָנהויב פאַר תשובה, זיי האָבען אָנגע־נומען ווי ר' אליעזר אַז אין תשרי איז די וועלט בעשאַפען גע־וואָרען און אדם הראשון איז אין ערשטען טאָג פון תשרי באַ־שאַפען געוואָרען, און אין דעם טאָג איז ער אַריין אין גן עדן און אין דעם זעלבען טאָג האָט ער געזינדיגט און אַרויסגעטריבען געוואָרען פון גן עדן (סנהדרין ל"ח) און מיר „כאדם עברו ברית" ווי אדם האָבען מיר געזינדיגט און באַשטראָפט געוואָרען, אַריין זענען מיר אין ארץ ישראל, אונזער ערדישער גן עדן, און אַרויס־געטריבען געוואָרען (בר"ר י"ט), קומט דער ראש השנה'דיגער שופר און וועקט אונז צו תשובה, תשובה מיראה, דער שופר זאָגט אַז מיר שלעפּען זיך אין גלות'ן ארום פון בבל און יון און מדי, אדום. אָבער די ענד איז אַז מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען, ווייל אונז אויפצולעבען קען נאָר אונזער שופר, ניט דער שופר

פון יון און רוים. ער איז דער שופר פון „באַרג סיני", דער שופר התורה, שופר פון משיח, שופר פון אברהם, „וד' אלהים בשופר יתקע", און דער שופר וועט אויסרופען: „שובו לבצרון אסירי התקוה" (זכריה ט') און אַז דער פאָלק וועט תשובה טאָהן וועט גאָט זיי מוחל זיין און זאָגען: איך רעכען אייך מיין פאָלק ישראל ווי היינט געבאָרענע (ויקר"ר כ"ט).

אַ מסורה האָבען מיר אַז שרה רחל און חנה זענען גע-ענטפערט געוואָרען אין ראש השנה (רה"ש י"א) און דעריבער לייענט מען די תורה און הפטורות וועגען זיי אין רה"ש. רה"ש אַלזאָ זענען מיר דערמאָנט געוואָרען מיט יצחק'ן, דער סימבאָל פון מסירת נפש, די עקדה, יוסף דער סימבאָל פון נאַציאָנאַליזם און שמואל פון תורה פאַרשפרייטער צווישען כלל, און דאָס צו געדענקען אין יום הזכרון איז זעהר וויכטיג פאַר אונז אין אונ-זער היינטיגער עפּאָכע אפילו.

פונקען

אַ נישט אויסגעפּרובירטער פיינד איז ווי אַ נישט גע-עפענטער נוס.

*   *   *

האָט אַ מענש געגען דיר געזינדיגט — מיינט עס, ער האָט געגען זיך אַליין געזינדיגט.

*   *   *

יעדער ספר האָט זיך זיין אייגענשאַפט, איינער מאַכט לייכטער דעם אָפּ-אָטעמען, אַ צווייטער דריקט די האַרץ.

*   *   *

ר' נחמן ברעסלאווער זאָגט: דריי סאָרטען אַלטע מענשען זענען דאָ וואָס מען גלייכט זיי ניט; אַן אַלטען זעלנער, אַן אַל-טען מלמד און אַן אַלטען חסיד. אַ אַלטער זעלנער — איז אַ בע-ווייז אַז ער איז ניט קיין קלוגער, וואָלט ער קלוג זיין וואָלט ער שוין לאַנג אַן אָפיציר געווען. אַן אַלטער מלמד — וואָלט ער קיין גראָבער יונג ניט זיין וואָלט ער שוין לאַנג אַ רב געוואָרען, אַן אַלטער חסיד — וואָלט ער אַן אמת'ער חסיד געווען וואָלט ער אַ „רבי" געוואָרען.

כל נדרי

רבותי !

אין היינטיגען הייליגען אָווענד וויל איך צו אייך רעדען בלויז איבער די הייליגקייט פון דעם אָווענט פאַר וועלכען מיר אַלע שרעקען זיך אַזוי, וועלכער מיט זיינע אומעטיגע טענער, סקאַרבאַווע נגונים באַשאַפט אין אונז אַזוינע שרעקליך אומעטיגע עראינערונגען און סקעפּטיציזם. פייערדיגע צונגען שוועבען פאַר אונזערע אויגען און מיר זעהן נאָך ים׳ן פון פערניכטונג, אונטערגאַנג און טויט שרעק. און אַלע שוהלען, האָלם, זענען געפּאַקט מיט מענשען וואָס זענען געקומען זיך פּראָטעקטען דאָ אונטער די פיער הייליגע ווענט, מעג ער זיין רעפאָרם, פריגעזאַנען אָדער אַפילו אַנ׳אַטעאיסט, קומט ער אַהער זיך פּראָטעקטען, אַהער, אין דעם אָרט וואו ס׳איז די נעסט פון דער אידישער נשמה. און מיין תפלה איז: שומר ישראל, גאָט פון ישראל וואָס דו היטסט איהם שוין אַריבער 2000 יאָהר אין גלות, „שמור שארית ישראל", היט די אמת׳ע האַרציגע געבליבענע טראַדיציאָנעלע אידעלאַך דיינע, אָבער ואַל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל, אויך יענע ראַדיקאַלען וואָס גלויבען דיר ניט נאָר ביי אַ צרה, ערשט שרייען זיי „שמע ישראל", פאַרלאָז זיי אויך ניט, ווייל ישראל אע״פ שחטא — ישראל הוא, און ער פאַרמאָגט אַ אידישען ליכט קוואַל, קענסטו איהם ניט אויסשליסען פון כלל ישראל רבש״ע, און היינט צינדען מיר ליכט, „אור זרוע לצדיק", דער שלעכטער דאַרף קיין ליכט, זיינע מעשים טוהט ער אין דער פינסטער, דאַגעגען דער גוטער טוהט אַז אַלע זאָלען עס זעהן. ווען אַ קינד ווערט געבוירען צינדט מען ליכט צו זיין ברית מילה, פיהרט מען איהם צו דער חופּה — ווייטער מיט ליכט, ביי יציאת נשמה — ווידער ליכט, יאָהרצייט ליכט און יו״כ ליכט און רק ליכט, ווייל נר ד׳ נשמת אדם, און מיר דערמאָנען רק די טויטע, אַבוואָהל די לעבעדיגע האָבען קיין אָרט ניט, און זיי פיהלען עס ווען זיי צוגיסען זיך אין די תפלה פון „אַל תשליכנו לעת זקנה", און אָנגעטאָהן ווי מלאָכים אין ווייסען זאָגען מיר תפלה זכה, און צוליעב אונזערע פינף חושים

ליידען מיר פינף ענוים און דאַוונען 5 תפלות, און אין דער ערשטער עראינערן מיר אונז דעם „ויום טוב היה עושה כהן גדול" אין יו"כ, און ביי אידען איז געווען שמחה וששון, אין הערבסט די שעהנסטע צייט פון יאָהר, די פעלדער פול מיט אָפגעשניטענע גאָלדענע זאַנגען, די בוימער באַדעקט מיט זאַפ־טיגע פירות, די בהמות — געפיטערט זיך אויף די פעטע גרינע לאַנקעס, די זון האָט די ערד געבאָדען אין ליבליכע שטראַלען, די פויגעל האָבען קאָנצערט אָבגעגעבען פון די צווייגען אין וואַלד, און איבעראַל איז געווען פול מיט פרייד פון לעבען. און היינט אַ גרויסער יאוש איבעראַל, פאַגראָמען און גרושים וואו נאָר מען טוהט אַ קוק, בלוט דורשטיגע פעלקער טרינקען אונ־זער בלוט און מיט טרערען גיסענדע אויגען זינגט זיך דער איד זיין יעלה תחנוננו מערב, אַ וועלט פול מיט פיין, אומגליק, מאָרד און רדיפות, צוריסען ווערט די אידישע צאַווייטאָגטע הארץ ביים טיפען אומעט פון די מעלאָדי אין כל נדרי. געווען אין שפּאַניען אין פערדינאַנד און איזאַבעלאַס צייט האָט דאַן מיגועל, אַ פריינד פון קעניג, געהיים די מאַראַנען צו כל נדרי גערופען, און ווען די זון האָט זיך פייערדיג אונטער די אלהאמברא בערג און אונטער די גאָלדענע קופּאַלען פון די קירכען און קאַטעדראַ־לען אונטערגעטונקט, זענען אידען געהיימע ווי שטנ'ם צו מיגועל'ס פּאַלאַץ געגאַנגען, און אין מיטען די תפלה האָבען די אינקוויזיציע באַנדיטען זיך אַריינגעריסען אין מיגועל'ס פּאַלאַץ און אַלע מיט מיגועל'ען צוזאַמען אויפ'ן שוידערליכסטען אופן אויפ'ן אויטאָ דע פע פאַרברענט מיט די לעצטע ווערטער פון שמע ישראל אויף זייערע ליפּען, און די טענער פון עקזאַלטאציע, פחד, ווייטאָגען און מאַרטירער רוף פון שמע ישראל האָבען דאַן מוזיקער אין די סקאַרבאָווע נגונים אַריינגעלייגט יו"כ ווען די קדושים מאַרטירער זענען פאַרברענט געוואָרען על קדוש השם. די צווייטע און דריטע תפלה דערמאָנט אונז דעם גליק פון דער עבודה צייט און דעם אומגליק פון דעם אין לנו לא כהן לא אישים וכו׳, און דעריבער זעהן מיר אַז נאַריש איז דער אליל הזהב, מענשען האָבען געגוג גאָלד געהאַט און דער גאָלדענער קאַלב קען ניט העלפען, איין שעה תשובה, גוטען ווילען, טיפע זכרונות, מענשען-ליעבע און גאָטספאָרכטיגקייט קען וועקען

און ברענגען אונז צו אונזער גליק און האָפנונג, און לאָמיר טאַקע האָבען אַלע אַ גמר חתימה טובה, אָמן.

פונקען

1) צייטען בייטען זיך און מיר מיט זיי — משתנות העתות, משתנות גם השטות.

2) איבערצייגונגען זיינען פאַר'ן אמת געפעהרליכער ווי טעות'ן.

3) אַלץ פאַרלירט דער מענש מיט די יאָהרען — יוגענד, שעהנהייט, געזונדהייט, נאָר איין זאַך בלייבט איהם — זיין נאַרישקייט.

4) אירדען איז מענשליך, זאָגט געטהאַ.

5) נויט האָט קיין געזעץ.

6) אַ געזונטער שכל איז נאָר אין אַ געזונטען קערפּער, (לאַטיין שפּרוך).

7) דער ווילנער גאון זצ"ל זאָגט, אַז צדקה איז איינגע-טהיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: ר"ת פון: זהב, כסף ונחשת.

זהב — זה הנותן בריא, דער נדבן גיט געזונטערהייט.

כסף — כשיש סכנה פודה, דער גיט נאָר ווען אַ סכנה דראָהעט זיין הויז.

נחשת — נתינת חולה שאומר תנו, ווען ער איז שוין קראַנק הייסט ער געבען.

8) אַלכּסנדר מוקדון זאָגט: מיין פאָטער דאַרף איך דאַנ-קען פאַר מיין לעבען, מיין רבין אַריסטאָטעלעסן פאַר וואָס איך פיהר אַ ווירדיגעם לעבען.

* * *

פון גן עדן צום גיהנום איז ווי אַ האָר פון מילך.

* * *

דאָס פאַלען פון אַ בלעטעל איז אַ וואונק צו די לעבעדיגע.

* * *

מאַכען געזעצען איז לייכטער ווי היטען זיי (נאַפּאָלעאָן).

* * *

דאָס געזעץ איז דער פיינד פון שוואַכען (געטהע).

יום כפור

דעם טאָג משפט גאָט מענשען און פעלקער צום גוטען אָדער חו"ש פאַרקעהרט, און ווייל גאָט איז אַ רחום און וויל זיינע ברואים גוטס טאָהן האָט ער דעם טאָג באַשטימט פאַר אַ טאָג פון סליחה ומחילה, ער פאַרגיט זיין פאָלקס חטאים און רייניגט איהם פון זיי. די סליחה וכפרה אָבער איז נאָר אַ פּראָדוקט פון תשובה, אַז אַ מענש טוהט תשובה, קעהרט זיך צו גאָט, איז מקבל אויף זיך אויף ווייטער ניט צו זינדיגען און האָט חרטה אויף דעם עבר, ווערט דער מענש גערעכענט ווי אַ קינד וואָס איז איצט געבוירען געוואָרען מיט אַ קלאָרע ריינע נשמה, ווי די גמרא זאָגט אין יומא: „אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם — אביכם שבשמים", פאַר גאָט איז גענוג אַז מען איז זיך מטהר במחשבה אין די זינד פון בין אדם למקום, אָבער עברות שבין אדם לחברו אין יום הכפורים מכפר עד שירצה את חברו. אַ מענש קען אין יענעמס האַרץ ניט אַריינדרינגען, דאָ מוז די תשובה זיין אַ אויסגעשפּראָכענע מיט ווערטער און יו"כ איז דער לעצטער טאָג פון עשרת ימי תשובה וואָס אַ מענש דאַרף דעם טאָג זיך מאַכען אַ חשבון הנפש און זעהן אַרויס צוגעהן ריין, ווייל אויב דער אידישער גאָט איז „אל קנא ונוקם", האָט ער איין טאָג אין יאָהר דאָך באַשטימט צו פאַרגעבען די אידען זייערע זינד, דאָס איז אַ בעוויז אַז ער קען זיין פאָלקס נשמה אַז אינערליך אינסטינקטיוו איז זי ריין, נאָר די לעבענס אומשטאַנדען ברייננגען איהר צו ווערען פאַרטויבט אין די טומאה און זינד פון די טעגליכע פאָדערונגען. מיר דערמאָנען היינט „מצרים" אַלס פאַרטיידיגונגס וואָרט אַז אויף אַלע זינד איז ניט אונזער שולד, ווען משה האָט געזאָגט: „למה ד' יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים", זאָגט דער מדרש, משה האָט געזאָגט: רבש"ע, פון וואַנען האָסטו זיי אַרויסגענומען? פון מצרים? וואָס האָבען געדינט שעפּסען קעלבער, האָבען זיי אויך אַ עגל געמאַכט... און גאָט האָט עס אין אַכט גענומען און משה'ן נאָכגעגעבען, און באַשטימט דעם טאָג יו"כ.

און האָבען מיר מיט טויזענד זעקס הונדערט יאָהר צוריק גע'הרג'עט אַ נביא אום יום כפור, ווען יואש אחזיהו'ס זוהן מיט

די שרי יהודה האָבען פאַרלאָזען גאָטס תורה און זיינע טראַ־
דיציעס, און געדינט דעם בעל און אשרה, און אַז ס'איז געקומען
יו"כ און דער נביא האָט זיינע פייערדיגע ברענענדע ווערטער
ווי שוועבעל געשאָטען איבער'ן פאָלקס מעשים, ניט שאָנעווען
אפילו דעם קעניג, און שטיינער און קלעפּ האָבען אָנגעהויבען
פליהען צום נביא, און זכריה איז אום יו"כ טויט געפאַלען אין
גאָטס חצר פאַר'ן גאַנצען פאָלק אונטערען פאָלקס ווילען, און
זיינע בלוט וואָס האָט געשפּריצט איבער די שטיינער פון דער
עזרה האָבען ניט גערוהט, און יענער טראָפּען בלוט האָט אָנ־
געהויבען קאָכען, זומזען די ווערטער „זאָל גאָט זיך רעכענען",
מען האָט די שטיינער מיט זייף געוואַשען, מיט פּאָטאַש געריבען,
ס'העלפט ניט, די בלוט קאָכט, זיט, זאָל גאָט ראַכע נעהמען...
און מיט צוויי הונדערט יאָהר שפּעטער קומט נבוזראדן חרב
מאַכען גאָטס הויז, און באַמערקענדיג די קאָכענדיגע בלוט זאָגט
ער: איך וועל עס שטיל מאַכען און שחט'אוים אַלע סנהדרין,
רבנים, פּיהרער, בחורים און מיידלאַך, ישיבה קינדער, און די
בלוט קאָכט, דאַן שרייט ער אוים: זכריה, זכריה, די בעסטע
האָב איך שוין אויסגע'הרג'עט, ווילסטו איך זאָל אַלע טויטען דאָ!
ניין, אַ נביא אפילו פון „אל נקמות" וויל אַזאַ נקמה ניט, און די
בלוט שווייגט... און נבוזראדן פיהלט עס און טוהט תשובה,
אַנטלויפט און שיקט אַ צוואה אַהיים, און ווערט אַ איד אַ גר
צדק (גיטין נ"ז).

דאָס איז אַ קורצע געשיכטע פון אַ נביא ביי אידען און אַ
טיראַן א בארבאר.

700 יאָהר שפּעטער, די רוימער הערשען איבער ירושלים,
בית המקדש און כהנים, און וויטער גיסט זיך בלוט אויפ'ן
קעניגליכען באַפעהל, דער רוימישער קעניג האָט געלאָזען פאַר־
גיסען די בלוט פון איין אידען וואָס איז שפּעטער געוואָרען זייער
גאָט, זייער נביא, און אויך זיינע בלוט רוהט ניט, שוין
טויזענד נייען הונדערט יאָהר קאָכט זיין בלוט אין די הערצער
פון מיליאָנען מענשען און רוהט נימ, ס'רופט צו נקמה, טויזענ־
דער אידען, סנהדרין, רבנים, לידערס און סתם אידען זענען שוין
גע'שחט'ן, גע'הרג'ט געוואָרען על קדוש השם און די בלוט
קאָכט, און יענער שרייט: „דאָס וויל איך — ביז איינעם זיי

אומצוברענגען״ ! און עלילות פאַרשידענע מאַכט מען יאָהר איין יאָהר אוים, און אידישע בלוט פליסט, רינט, און קיינער פון די שוחטים ווילען ניט נאָכפאָלגען דעם ביישפיעל פון נבוזראדן דעם בארבאר, ווייל יענער איז אַ רעגרעסיסט געווען און היינטיגע זענען דאָך פראָגרעסיסטען...

אַ עהנליכע אילוסטראַציע דערצעהלען מיר יו״כ פון יונה בן אמתי.

עס פאָהרען אויפ׳ן שיף פראָסטע מאַטראָזען, סיילערס, גע־צענדינער, און אַ שטאַרקער שטורעם הויבט אָן ברעכען די שיף, זיי ווערען פאַרצווייפעלט, שרייען צו גאָט, וואַרפען זייערע פראָוויזשאָן אין ים, וואַרפען גורל צו געפינען דעם שולדיגען צוליעב וועמען דער שטורעם איז: און פלוצים אַ פרעמדער, אַ איד, געהט צו און ערקלעהרט זיך אַז ער איז דער שולדיגער, און הייסט זיך אַריינוואַרפען אין ים, זיי אָבער, יענע געטצענדינער, ווילען נאָך ניט אַזאַ פאַרברעכען באַגעהן, זיי אַרביימען שווער ווייטער די שיף צו פיהרען, זעהענדיג אַז דער שטורם האַלט אָן, פרובירען זיי יונה׳ן אַרונטער לאָזען און אויפהויבען צוריק פון ים אַרויס, עס העלפט ווייטער ניט, שטעהט: וייראו האנשים את ד׳ יראה גדולה, און...

אַזוי האָבען זיך באַרבאַרען געפיהרט מיט טויזענד זיבען הונדערט יאָהר צוריק, מענשען וואָס פלעגען מקריב זיין מענש־ליכע קרבנות צו זייערע געטער.

און היינט ?

היינט איז אַ צייט פון פראָגרעס, ליבע און גוטסקייט, סליחה וכפרה ווערט געלערענט איבעראַל, און היינט אויב אַ שטורעם ברעכט אוים אין אַ לאַנד און די סיילערס פיהלען אַז די שיף איז אין סכנה איז אָן טענות כאַפט מען דעם אידען און מען וואַרפט איהם אין ים אַריין... דער אידישער פאָלק ווערט איבעראַל פאַרפאָלגט, און האָט קיין צוטרוי צו די סאָציאַלע הומאַניטעט, דער לעבען האָט אונז שוין לאַנג געמאַכט פאַר סקעפטיקער ליידענדיג אַזוי פיעל איבעראַל. דער איינציגער טרייסט אונזערער, יום כפור, איז דער אידעאַל פון אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה, פון אָנהויב תפלה און דער לשנה הבאה צום סוף תפלה — דאָס שטאַרקט אונזער האָפנונג אויף דער

תפלה פון נקום נקמת דם עבדיך השפוך. און מיר וועלען גע־חתמ'ט ווערען לשנת חיים ואושר, ברכות אין קץ, און בשוב ד' את שיבת ציון ותחזינה עינינו את ובנה ירושלים עיר הקדש, אָמן.

פונקען

1) וואָס שנעלער ס'איז אַ באַוועגונג אַלץ מעהר באַוועגונג איז עס. (לאַטיינ. שפּריכוו.)

* * *

2) תשובה דאַרף זיין מיט אַ גאַנץ צובראָכענע האַרץ, ניט ווי מיר בעטען, סלח לנו מחל לנו, און גלייך בעטען מיר שוין רפואה, פּרנסה, אריכת ימים — פאַר תשובה דאַרף מען ניט ערוואַרטען קיין פאַרגיטיגונג. (דער רופשיצער ז"ל)

* * *

3) אַ ישובניק האָט זיין זוהן געלערענט אויף רה"ש ביי־נאַכט אַז מען וועט איהם זאָגען דריי ווערטער „לשנה טובה תכתב", זאָל ער ענטפערען „גם אתם". נאָכ'ן דאַווענען געהט דער זוהן צו זאָגען דעם רב גוט יו"ט, זאָגט ער, רבי, איהר האָט געהערט דער כמר אין דאַרף האָט היינט איינגענומען אַ מיתה משונה. זאָגט דער רב: ימח שמו וזכרו (דריי ווערטער). זאָגט ער צום רב: גם אתם.

* * *

4) אם אין קמח אין תורה — זאָגט אַ רבי — קמח מיינט „מעל", מעל איז אַ ראשי־תבות משה עלה למרום, ווען ניט די מעל, משה'ס עליה למרום וואָלט קיין תורה ניט געווען...

* * *

עמערסאָן זאָגט: ס'לעבען איז אַ זייפענבלאָז, סקעפּטיציזם און אַ שלאָף אין אַ שלאָף.

יום זאָגט: אין דער צייט ווען מיר פיליזאָפירען וועגען לע־בען רוקט זיך דערוויל דער לעבען אַוועק פון אונז.

פרענקלין איז מסכים צו אונזער עטהיק: ס'לעבען דאָ איז נאָר הכנה פאַר'ן אמת'ן לעבען וואָס וועט קומען נאָכ'ן טויט, אַן הקדמה צום קונפטיגען לעבען, הייסט עס.

יום כפור

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ד׳ תטהרו.

רבותי!

דער פסוק איז ניט אויסדריקליך פאַרשטאַנען, יו״כ איז דאָך אפילו אויף עוונות און פשעים מכפר, און דאָ לעזען מיר נאָר אויף חטאים?

אין תענית זאָגט די גמרא: „לא היו ימים טובים לישראל כט״ו באב וכיו״כ״, אידען האָבען נאָך אַזוינע פרעהליכע ימים טובים ניט געהאַט ווי 15 טעג אין אָב און יום כפור — דאַן הייסט עס איז יו״כ געווען אַ לוסטיגער פרעהליכער טאָג. און היינט? היינט איז ער אַ טאָג פון וויינען, פון טרויער און זיפצען, וואו איז פאַרשוואונדען די אַמאָהליגע פייערליכקייט? ריכטיג איז אַז אַמאָהל זענען בעסערע צייטען געווען, ווי זיי משל׳ען דאָס, מיט אַ רייכען מאַן וואָס פלעגט שטענדיג צוריק קומען אַהיים געשעפטליך, ברענגען זיינע קינדער מתנות, ווען ער איז אַמאָהל פלוצים געוואָרען אַ יורד און אין הויז איז אויף קיין ברויט ניט געווען, די פרוי איז אויך קראַנק געוואָרען און ער איז געפאָהרען ברענגען מעדיצין און פאַר איינס ברויט פון שטאָדט פאַר זיינע קינדער אין דער קליין שטעדטעל וואו ער האָט זיך אריינגעקליבען, קומענדיג אַהיים פרעגען איהם זיינע קינדער: פאָטער, וואו איז דיין אַמאָליגע פאָטערליבע און גוטסקייט, פלעגסט ברענגען מתנות, ליבע און פריינדליכקייט, און היינט? — קינדער טייערע, האָט ער געענטפערט, איך בין דער זעלבער פאָטער מיט די זעלבע ווארעמקייט, נאָר דאַן בין איך געפאָהרען אין פרעהליכע שטימונגען, געשעפטליך, גוטמוטיג פלעג איך אַהיים קומען אַלעם אַזעלכער, היינט פאָהר איך אין אַפטייק, ביליגע ברויט ברענגען, איך פאָר מיט אַ אומעטיגען געמיט אַזוי קעהר איך זיך צוריק. דאַן פלעגט מען שיקען דעם כהן גדול בעטען אַ שנת ברכה והצלחה און „ובזאת יבא אהרן אל הקדש״, מיט׳ן „זאת״ איז ער אריין צו גאָט בעטען, און „זאת״ מיינט תורה, „וזאת תורת משה״, און „זאת״ מיינט שבת, „אשרי אנוש יעשה זאת״, פלעגט ער אריין אין קדש הקדשים און קע-

נען באַקעמפפען די מקטריגים, שטנים, מיט׳ן זאת, ווי עס שטעהט: אם תקום עלי מלחמה ב ז א ת אני בוטח, די תורה און דער שבת וועלען מיינע לאַיערס זיין, אָבער היינט, אַז דער בית המקדש איז חרב און מיר האָבען קיין כהן, קיין מזבח, און מיר קומען אַליין בעטען אבינו מלכנו שלח רפואה שלמה לחולי עמך, אַ פּאַטער, שיק אַ מעדיצין די פאָלקס קראַנקע, אבינו מלכנו, חמול עלינו ועל עוללנו וטפנו, אַ גאָט, האָב רחמנות אויף אונזערע קינדערלאַך, וואָס האָבען קיין ברויט און קיין קלייד, און קיין זכות פון תורה און שבת האָבען מיר אויך ניט, ווייל „לעינינו עשקו עמלנו אלו הבנים", אונזערע קינדער ווע־רען פאַרצוקט פון אונז אין אונזער געגענוואַרט און ווערען ער־צויגען ללא תורה וללא מצוות, דעריבער וויינען מיר היינטיגע צייטען אום יו״כ, ווייל די חז״ל זאָגען „וכל הבוכה על מיתת בני אהרן מובטח שלא ימותו בניו בחייו", ווער עס וויינט אויפ׳ן פריהצייטיגען טויט פון אהרן׳ס קינדער איז זיכער אַז זיינע קינדער וועלען פריה ניט שטאַרבען, עס מיינט, ווער עס וויינט אויפ׳ן יונגען דור, די בני אהרן וואָס שטאַרבען גייסטיג און זאָרגען אַז זיי זאָלען ניט אָבשטאַרבען, אַזוי טראַגיש גייסטיג, יענע וועלען שוין זייערע קינדער פאַרזאָרגען אַז זיי זאָלען שוין זיין אידען און ניט קיין רשעים וואָס בחייהם קרואים מתים. און דאָס איז דער רעיון פון פסוק, תשובה טוהט מען מאהבה, זאָגען די חז״ל, ווערען דאַן די זדונות — זכיות, מען טוהט אויך תשובה מיראָה, דאַן ווערען די זדונות — שגגות, דער גרעסטער טהייל אָבער טוהט תשובה מיראָה, ווייל מען האָט מורא פאַר׳ן טויט, ווערען די זדונות — שגגות, ונסלח לכל..... לכל העם בשגגה, און אויף די שגגות קומט עס יו״כ צו מכפר זיין, דע־ריבער שטעהט אין פסוק, כי ביום הזה יכפר... מכל חטאתיכם וועלכע זענען נאָר שגגות געמיינט, און די תשובה דאַרף זיין אַ אמת׳ע, מיט פול חרטה אויפ׳ן עבר און קבלה להבא, ווי מען זאָגט: „השיבנו ד׳ אלקיך ונשובה חדש ימינו כקדם", זאָגען די אחרונים אַז ק ד ם איז אַ ראשי תבות, קין, דוד, מנשה. קין האָט זיין ברודער הבל׳ן גע׳הרג׳עט האָט אָבער געטאָהן תשובה און גאָט האָט איהם געשיינקט, דוד האָט עובר געווען אויף אַ דין פון אשת איש מיט בת שבע, ווען ער האָט תשובה

געטאָהן האָט איהם גאָט מוחל געווען. מנשה האָט געדינט עבודה זרה, נאָך זיין תשובה האָט איהם גאָט מוחל געווען. און די זענען, לויט'ן רמב"ם, די שווערסטע זינד, גלוי עריות (דוד), שפיכת דמים (קין), עבודה זרה (מנשה) ,זאָגט דער רמב"ם: שובה ישראל עד ד' אלקיך, לעז ניט עד נאָר עד, גאָט זאָל אַ עדות זיין אַז דיין תשובה איז מיט'ן גאַנצען הארצען. ריכטיג, זאָגען די אחרונים, אַז אַמאָהל איז אַ איד געווען אמת אין גאַס און לעבען, האָט געהאַנדעלט כדין, אין שוהל אָבער איז ער געווען אַ שקרן, אַ ליגנער, זאָגענדיג אשמנו, גזלנו, על חטא שהטאתי... אַ ליגען, ער האָט עס ניט געטאָהן, היינט אָבער איז מען אַ שקרן אין גאַס, מען טוהט אַלע עולות און אין שוהל איז מען אמת'דיג, אשמנו, גזלנו... ריכטיג, אַ גנב, אַ גזלן, אַלעס ריכטיג, ווייל מען האָט שוין אפילו די תפלות אַזוי צוגע־פּאַסט אַז זיי זאָלען שטימען לויט'ן לעבען. ווען מען בענשט ראש חודש זאָגט מען ותתן ל נ ו חיים ארוכים, אַ גוטען לעבען בעט מען לנו, אונז, ווי עס קומט צו יראת שמים, זאָגט מען חיים שיש ב ה ם יראת שמים, יענע זאָלען דאָס האָבען, מיר נויטיגען זיך ניט אין דעם, און דעריבער מוז די תשובה זיין אַ פאָלשטענדיגע, דאַן זענען מיר זיכער אין האָבען אַ גמר חתימה טובה לנו ולכל ישראל, אָמן.

פונקען

די ערשטע העלפט פון אונזער לעבען זענען מיר מקריב אונזער געזונט אום צו שאַפען געלד. די אַנדערע העלפט פון אונזער לעבען, ווען מיר האָבען שוין אַלעס געשאַפען גיבען מיר אַוועק דאָס געשאַפענע — אויפצוהאַלטען אונזער געזונט.

* * *

ר' אברהם יעקב סאדיגורער זאָגט: אַ מענש דאַרף לערנען פון אַ באַן, טעלעגראַף און טעלעפאָן. פון באַן — אַז מען זאָל אַפילו אַ מינוט ניט פאַרשפּעטיגען, זאָנסט פאַרלירט מען די באַן. פון טעלעגראַף — מען זאָל איין איבריג וואָרט ניט רעדען, ווייל פאַר יעדער וואָרט מוז מען צאָהלען. פון טעלעפאָן — אַלעס וואָס מען רעדט דאָ, הערט מען דאָרטען.

סוכות

ולקחתם לכם — משלכם, איהר זאָלט נעהמען צו אייך — מיינט עס פון אייך, אייער אייגענע. אַ פאָלק ביי זיין ערשטען שטאפּ פון באַפרייאונג דאַרף ער אַלע זיינע גייסטיגע און מאַטעריאַלע כחות קאָנצענטרירען און פאַראייניגען, כדי צו קענען גרייכען דעם העכסטען פּונקט פון זיין פּאָליטישען, מאַראַלישען און לאָגישען ענטוויקלונגס פּראָגראַם.

דער אידישער פאָלק פייערט ניט נאָר זיין בעפרייאונג פון שקלאַפענטום, פון יציאת מצרים, נאָר אויך די אַנערקענונג פון זיין ערשטען „סטיישאָן" צו זיין פרייהייטס וועג חג הסוכות, ווייל פון רעמסס זענען זיי געגאַנגען קיין סוכות (שמות י"ב ל"ז). דאָ פיהלט דער פאָלק די פּאָעזי פון בעפרייאונג, פון אַרונטערוואַרפען דעם יאָך און ניט פיהלען מעהר די ריטער און קלעפּ פון די שוטרים. און שעהן קלינגען די ווערטער פון די חז"ל, „נעהמט אייך פון אייערם — משלכם". דער פאָלקס מאָראַל ווי ער זאָל ניט זיין דאַרף אונזערער זיין ניט גענומען פון אַנדערע, אונזערע נטיות, לעבענס-אַרטען דאַרפען זיין לויט די פאַרשריפטען פון אונזער תורה הקדושה, די אידיאַלע שטרעבונגען און מאַראַלישע פליכטען דאַרפען ניט זיין קיין גלות מאַראַל, באשר דער רעאַלער באַזיס וואַקעלט זיך אונטער אונזערע פיס, און אין און אַרום אונז פיהלט זיך חשך ואפלה, זוכען מיר דעריבער אַ שטראַל ליכטיגקייט אין דער אונזעהבאַרער צוקונפט. דער מדרש ויק"ר זאָגט: אם חיים אתה צריך — יסורים אתה צריך. אונזער תורה — אַ תורת חיים ווייסט דעם דרך החיים און הייסט דעם פאָלק פייערען די שמחות פון דער צוקונפט, וואו דער פאָלק זאָל זעהן פאַר זיך ברייטע האריזאָנטען וואָס זאָל ערקוויקען די נשמה פון פאָלק מיט שעהנע ריינע אילומינאַציאָנען פון דער וויטער צוקונפט. סוכות איז דער זכר פון די גאַנצע פערציג וואַנדערער יאָהרען אין דער מדבר און איז דער חג האָסיף, אַזוי ווי פסח איז דער חג האָביב און שבועות איז דער חג הקציר, נאָר דער חג האָביב זאָגט גאָר ניט איבער דאָס געזעלשאַפטליכע לעבענס-אַרטען, בלויז דער חג המצות זאָגט אָן דעם זכר פון עבר און באַנוגענט זיך מיט'ן מקריב זיין דעם עומר,

און דער חג הקציר — מיט'ן מקריב זיין די שתי הלחם, און זאָגט אָן דעם ושמחת לפני ד' אלקיך במקום אשר יבחר, אין ירושלים, איז דער חג האָסיף באַנוגענט זיך ניט מיט'ן נעהמען בלויז די פיער מינים אַליין, נאָר זאָגט אָן אַז די שמחה זאָל זיין אַ קאָלעקטיווע, אַ פאַמיליען שמחה, „ושמחת בחגך אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך והלוי והגר והיתום והאלמנה אשר בשעריך בכל מקום וואו דו געפינסט זיך (דברים ט"ז). פערציג יאָהר האָסט געוואַנדערט אין דער מדבר און משלך האָסטו גאָר ניט פאַרמעגט, אָבער איצט אַז דו בינסט שוין באַזאָרגט מיט ברויט אויף אַ גאַנץ יאָהר, מעג דיין שמחה זיין אַ פאָלשטענדיגע.

ולקחתם לכם משלכם, פון אייערע, נעהמט אייך אַ פרי עץ הדר, „די האָרץ וואָס איז גלייך צום אתרוג", זאָל זיין אייערע — אונזערע. די האָרץ דאַרף זיין וואך צו אַלע פאָלקסטימליכע זאַכען, די האָרץ דאַרף זיך אַ טרייסעל טאָהן ווען אַ פרעמדער ווינט הויבט אָן בלאָזען אין דעם אידישען לאַגער. אָבער „אַ טרוקענע האָרץ וואָס פיהלט ניט דעם שטאָך פון אַ נאָדעל" איז פסול ווי אַ טרוקענער אתרוג. די האָרץ דאַרף גאַנץ זיין מיט די פאָלקסהייליגקייטען, אָבער ווען ס'איז צושפּאָלטען איז פסול. מיט איין וואָרט, די האָרץ דאַרף זיין אונזערע, אַ איד פון אידען לאַנד לויט'ן אידישען גייסט, אַ האָרץ אָבער וואָס איז געגליכען צו אַ „אתרוג הכושי" איז פסול. ולקחתם לכם משלכם, נעהמט אייך די כפת תמרים, „די שדרה פון מענשען וואָס איז גלייך צו דער שדרה פון אַ לולב" דאַרף אייערע זיין, ס'זאָל ניט זיין קיין גלות שדרה וואָס אַנדערע בויגען און קרימען איהר אויס, זי דאַרף זיין גלייך ווי ווען מיר זענען געזעסען על אדמתנו. נעהמט משלכם ענף עץ עבות, „די אויגען זענען געגליכען צו אַ הדס", די אויגען דאַרפען שטענדיג קוקען וואָס ס'טוהט זיך אין פאָלק און צו די געשעהנישען פון אַרום, יעדער איד וואָס קען זעהן זיין פאָלקס לאַגע דאַרף פאַרשטעהן אַז „אַלע בלעטער געהען אַרוים פון איין נעסט", אַלע פאָלקס-פאַרטייען זענען גלייך, און אויב איין בלעטעל האַלט זיך גרעסער פון אַנדערע איז עס אַ „הדס שוטה", אַ נאַרישער הדס. מיר זענען אַלע פון איין נעסט פאַרטריבען געוואָרען און צו איין נעסט ווילען מיר זיך אומ-קערען, ולקחתם לכם משלכם ערבי נחל, „די מויל איז געגליכען

צו אַ ערבה״, ס׳דאַרף זיין אונזערע, מען דאַרף רעדען אונזער שפּראַך, לעבען נאָך אונזער רוח, אַלע דאַרפען זיין פאַראייניגט ווייל מיר זענען ברידער, אונזערע „ערבות״, די וואָס האָבען ניט קיין תורה, ניט מעשים טובים, זענען אונזערע עצמנו ובשרנו הם און אַלע ווער ס׳קען זיך פעראייניגען די שדרה, אויגען און מויל דאַרף זיין איינס און אויב איהר וועט אַזוי טאָהן: „אם עשיתם כך אותה שעה אני מתעלה — תרום רוח ישראל ויגדל כבוד תורתו״... און דאַן נאָך אונזער פעראייניגונג וועט דער רבונו של עולם אונזער צובראָכענקייט היילען און מיר וועלען פייערען בשמחה אונזערע ימים טובים בארצנו, אָמן.

* * *

אַ מעשה שהיה: אַ פּראָסטער ניט פאַרמעגליכער איד זיצט ביינאַכט און לערנט זיין שעור גמרא, די דינים פון גנבה, תשלומי קרן, כפל, ארבעה וחמשה. פּלוצלונג זעהט ער דורכ׳ן פענצטער אַ איד גנב׳ט זיך צו, צו זיין שטאַל און שלעפּט אַרויס בינטלאַך האָלץ. טוהט דער בעל הבית אַ ציטער און הויבט אָן שרייען: „הפקר — הפקר״, און לויפט אַרויס צום גנב, כאַפּט איהם אָן און שרייט אויס: געלויבט איז השם יתברך, גוט וואָס איך האָב דיר דערזעהן דורכ׳ן פענצטער האָב איך געקענט מפקיר זיין מיינע האָלץ און דיר מציל זיין פון אַן עברה. און גלייכצייטיג הויבט ער אויף די האָלץ לייגט איהם, דעם גנב, עס אַרויף אויפ׳ן פּלייצע און זאָגט: איך האָב דאָס מפקיר געווען, מעגסט עס נעהמען.

און האָט, אַזאַ איד געזעהן, ווי איינער גנב׳ט פון זיין שייער אַ זאַק קאַרטאָפעל און קען עס ניט אויפהויבען, לויפט ער אַרויס, פאַרגיט איהם די קאַרטאָפעל אויף זיין פּלייצע, זאָגענדיג: דערפאַר וואָס ער איז אַ גנב איז אַז מיר מאַכט זיך אַ מצוה פון עזב תעזב זאָל איך איהר ניט מקיים זיין?

פונקען

אַ ישובניק זאָגט: אַז האָבענדיג אַ תביעה צו גאָט קען מען קיין מאָהל ניט געווינען, ער האָט שטענדיג די בעסטע אַדוואָ־קאַטען: לאל עורך דין.

שמיני עצרת

וכי ירבה ממך הדרך כי לא תוכל שאתו, כי ירחק ממך המקום אשר יבחר ד' אלקיך לשום שמו שם... ונתת בכסף וצרת הכסף בידך... (דברים י"ד)
און אז ס'וועט צו ווייט זיין פאַר דיר צו טראָגען עס, דאַן פאַרקויף עס און נעהם די געלד מיט זיך...

מערקווערדיג קיין תפלה אינטערעסירט ניט אַזוי ווי די תפלה פון הזכרת נשמות, אַפילו יענע אידען וואָס זיצען אין קיין סוכה ניט און ווייסען אַפילו ניט פון די פיער מינים: אתרוג, לולב, הדס און ערבה, און האָבען אַפילו קיין אַהנונג ניט אַז מאָרגען איז שמחת תורה, אַפילו זיי קומען אויך צו הזכרת נשמות. דורך הזכרת נשמות געפינען מיר זיך אַלע אויף די בתי הקברות און מיר זעהן הני שופרא דבלי בארעא און מיר צוגעהען פון צער און פיין, אָבער איז דאָס ניט אתרתי דסתרי, זמן שמחתנו מיט הזכרת נשמות? „מת ביו"ט ראשון יתעסקו בו ארמאין, מת ביו"ט שני יתעסקו בו ישראל", אויב יעמאנד שטאַרבט דעם ערשטען טאָג יו"ט דאַרפען אראמאין זיך מתעסק זיין מיט איהם, און שמיני עצרת איז דאָך דער ערשטער טאָג, טו ווי מעגען מיר היינט זיך עוסק זיין מיט הזכרת נשמות?

ווען מיר באַטראַכטען אָבער אונזער בעל מוסף וואָס געהט בענשען גשם, אָנגעטאָהן אַ קיטל און אַ טלית, קליידער פון מתים, און וועט באַלד נעהמען זינגען: אַף ברי אתת שם שר מטר להעביב ולהענין להריק ולהמטיר... קבל ברצון שועת שואלי מים, אונזער חזן בעט עס פאַר ארץ ישראל, ווענען ר' יהודה הלוי רופט אָן „חיי נשמות אויר ארצך", הייסט עס האָבען מיר היינט 2 תפלות, הזכרת נשמות און חיי נשמות, ווייל די תפלה פון רעגען דערמאָנט דעם נשמות לעבען, און דיביידע תפלות זענען מענינא דיומא, ווייל היינט שמיני עצרת געהט מען אַרויס פון דער דירת עראי, די סוכה, צו די דירת קבע, די הויז, וואו מען וואָהנט כסדר, מיר דאַרפען אָבער וויסען אַז אַ יחיד האָט אַ דירת קבע און אַ גאַנצע פאָלק האָט אויך אַ דירת קבע.

אַ דירת קבע פון אַ יחיד מיינט הזכרת נשמות, ווייל יעדער

פון אונז האָט זיין אייביגע וואָהנונג — דאָס איז דער בית עולם, ווייל דאָ לעבען מיר נאָר אין אַ דירת עראי, אויף דער ווייל: „ימי שנותינו שבעים שנה", און פון זיבען טאָג ביז זיבעציג יאָהר איז ניט צו ווייט, די וויטקייט איז נאָר אין די קוואַנטיטי אָבער ניט אין די קוואַליטי, לויט ווי זיי ערקלעהרען דעם פסוק „ויבן לו בית ולמקנהו עשה סכות" (וישלח ל"ג), אַז דעם מענשענס לעבען איז נאָר אַ סוכה אין וועלכע דער שטן איז גרעסער פון דער זון, ולמקנהו עשה סוכות, אַ סוכה נאָר למקנהו, פאַר זיין גוף, אָבער ניט פאַר זיין עצם אליין, און אַז מען געהט אַרויס פון אַ דירת עראי צו קבע, דערמאָנען מיר די נשמות וואָס זיצען שוין לאַנג אין אַ דירת קבע און רוהען בצל שדי. יזכור אלקים את נשמת... אָבער מיט'ן דערמאָנען אליין איז נאָך ניט גענוג, מען דאַרף אויך אין זינען האָבען די דירת קבע פון פאָלק אלס פאָלק, די ארץ חמדה טובה ורחבה, דאָס „ארץ אשר ד' אלקיך דורש אותה תמיד מראשית השנה עד אחרית השנה" — ארץ ישראל, און ווען מיר בעטען אויף גשם אין די דירת קבע פון פאָלק דערמאָנען מיר אויך די נשמות, די וואָס וואָהנען אין די דירות קבע פון דער וועלט, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין.

און וכי ירבה ממך הדרך, אויב די וועג וואו אלע טייערע נשמות געהען אוועק איז ווייט, דער וועג פון עולם הזה צו עולם הבא אַ אונענדליכע ווייטקייט, טו וואָס קען העלפען די גאָלד זילבער אוצרות און פאַרמעגען, אַז דו ווייסט „כי לא תוכל שאתו", און אליין מוסטו זיך צוריק קעהרען צום אָרט „אשר יבחר ד' אלקיך לשום שמו שם", איז האָב איך נאָר איין עצה פאַר אייך, „וצרת הכסף בידך", אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו, גליקליך איז יענער וואָס קומט אהער מיט זיין לערנען אין האַנד, גליקליך איז אויך ווער עס קומט אהער מיט זיין געלד אין האַנד, געלד וואָס האָט געגעבען צדקה לצרכי הכלל והפרט, ווייל דאָס בלייבט תמיד אין דיין רשות: „ואיש את קדשיו לו יהיו איש אשר יתן לכהן לו יהיה" (נשא א'), ווען אַ מענש גיט טשאַריטי איז עס זיינע, זיינע איז אָבער ניט דאָס וואָס ער לאָזט זיך איבער, נאָר דאָס געגעבענע פאַר קדש, דאָס איז זיין, וצרת הכסף, איז דער ציעל פון הזכרת נשמות...

פריינדליכקייט

מיר זענען פון דער נאטור בעשאנקען מיט דער מתנה פון פריינדליכקייט און הערצענס פרייגיביגקייט פיעל מעהר, אלס די מענשען פון דעם גאר גרויען אור-אלטער דענקען ביז היינט צו טאג, טראץ דעם עגאאיזם, וועלכע מאכט פריהרען די וועלט אזוי ווי דער נארד איסט ווינד, דאך איז די גאנצע מענשליכע פאמיליע קאמפליט פארזונקען געפיהלפול אין דעם יסוד פון ליבע, וועלכע רינגעלט אלעמען ארום אזוי ווי א אונזעהבארער איטהער, ווי גרויס איז די קוואנטיטי, כמות פון מענשען וואס מיר טרעפען זיך מיט זיי אין פארשידענע הייזער, און עס איז גענוג ווען מיר אונטערהאלטען זיך מיט זיי א גאנץ קורצע צייט און מיר רעספעקטירען זיי און זיי אונז. ווי גרויס איז די צאהל מענשען וואס מיר באגעגענען אין גאס, אדער אין שוהלען, און מיט דער גאנצער וואכיגקייט פון אונזערע הערצער ערפרעהן מיר זיך זיי צו זעהן א צווייטען מאהל, די הארץ הערט און פארשטעהט.

* * *

דער איינציגער יסוד פון פריינדליכקייט איז דער אמת. א פריינד הייסט דער יעניגער מיט וועלכען איך ערלויב מיר צו דענקען פריי און אינטים, דאן געפין איך זיך אין געזעלשאפט פון א מענשען וואס ער איז אזוי קאנקרעט און פאסענד מיט מיינע אידעען און וואונשען, אזוי, אז איך קען ארונטער נעהמען פון זיך אפילו די לעצטע קליידער, וועלכע פארדעקען מיינע מיינונגען וועלכע קומען נאך די מאראלישע געזעלשאפטליכע פערלאנגען, וועלכע דעקען צו די כונה וואס ליגט טיעף אין הארצען בעהאלטען, דאס זענען די קליידער וואס קיין מענש טוהט זיי קיינמאהל ניט אויס. און איך קען ארומגעהן און זיך פריינדלען מיט דעם מענשען פון פולען צוטרויען און גלויבען פון פשטות, שלמות און איינפאכקייט, דורך וועלכע איין כע־מישער אטאם קען זיך מיט'ן צווייטען פאראייניגען. נאאיוויטעט איז א שעהנקייט וועלכע נאר אינדיווידועלע פערזאנען קענען עס באזיצען. יעדער מענש וועלכער לעבט איינזאם איז גוט־הערציג, נאאיוו, און קוים קומט אימיצער אריין צו איהם, הויבט

ער גלייך אַן זיינע קליידער צו טראָגען, ער פאַרשטעלט זיך, מאַכט זיך פרעמד. מיר זענען איינגעוואָהנט אָפּצושטויסען פון זיך די התקרבות פון אונזערע פריינד צו אונז און מיר בעהאַל־טען אונזערע געדאַנקען פון זיי אונטער הונדערטע קליידער און פארשטעלונגען.

כמעט יעדען איינעם ווען מיר טרעפען, פערלאַנגען פון אונז מיר זאָלען זיין העפליך און פריינדליך, ער האָט ליעב ווען מען שמייכעלט צו איהם און ווען מען חנפ'ט איהם אונטער. ער גלויבט, אַז ער, נאָר ער אַליין איז באַשאַנקען מיט גוטע פעהיגקייטען און שעהנע נאָבעלע געדאַנקען און אידעען אויפ'ן געביט פון רעליגיאָן און פערנונפט, און אַז קיינער דאַרף ניט צווייפלען אין זיין זיכערהייט. אָבער אַן אמת'ער געזוכטער פריינד איז דער וועמען מיין שאַרפער שכל אינטערעסירט ניט, נאָר איך אַליין; ער, מיין פריינד, פערוויילט מיר גוט און פער־לאַנגט פון מיר קיין פערגיטיגונג.

פונקען

איך האָב גוט געשפּילט מיין ראָלע, אַפּלאָדירט מיר (קעניג אקטאָוויאנוס פאַר'ן טויט).

* * *

אקאסטא געהט אַוועק אַזוי ווי ער איז געקומען (זיינע לעצטע ווערטער).

* * *

די פּאָעזי שטאַרבט ניט (צעזאר).

* * *

נאָך אַ רעוואָלוצי ווי נאָך אַ באַל, טוהט יעדער אָן זיין קאסטיום (בואסט).

* * *

פאַר אַ מענשען וועלכער וויל פּרובירען, איז קיין אונמעג־ליכעס ניט פאַראַן (אַלעקסאנדר מוקדון).

* * *

מאַכט באַזיצט נאָר דער וועלכער געווינט דעם צוטרויען פון המון (י. דאַנאָווסקי).

פונקען

ווען אַ איד וואָלט כאָטש אַ האַלבע האַנד פון גאָט געהאַט וואָלט אויך גוט געווען, אין בענשען זאָגען מיר: כי אם לידך המלאה, הפתוחה, הקדושה והרחבה, ווען ביי אידען וואָלט זיין המלאה און הפתוחה וואָלטען אויך שוין גוט זיין. ווי אַ רבי האָט מוסר זאָגענדיג זיינע חסידים האָט דערהערט ווי אַ קאָזאַק האָט אַ עפּען געטאָהן די טיהר און אַ געשריי געטאָהן: „יעווריי דאוואי קושאַט" (איד גיב עסען), זאָגט דער רבי, דער קאָזאַק וועט דאָך קיין איבעריגע ווערטער ניט רעדען, האָט ער דאָך געקענט זאָגען בלויז „דאוואי קושאַט (גיב עסען), צו וואָס האָט ער געזאָגט יעווריי (איד)? נאָר ער מיינט: יעווריי דאוואי קושאַט, אַ אידען גיב עסען, אויב דו וועסט קיין אידען ניט געבען וועסטו אַ קאָזאַק געבען.

* * *

געוואָלט האָב איך פערפאַסען אַ בוך די גרוים פון איין פער־טעל בויגען פּאַפּיר, און הייסען זאָל עס „דער מענש", און זיין אינהאַלט זאָל זיין „די גאַנצע מענשהייט", נאָר איך האָב חרטה געקריגען...

* * *

מען האָט זיך געקלאָגט פאַר אַ רבי'ן אויף די צרות הכלל, שרייענדיג: מאין יבא עזרי? פון וואַנען וועט אונזער הילף קומען? זאָגט דער רבי: איהר זאָגט דאָך פון וואַנען: מאַין פון גאָר ניט יבוא עזרי — ווילען מיר געהאָלפען ווערען, ווען די יהדות הויבט אָן אונטערגעהן, ווערען מיר גלייך געהאָלפען דורך נייע כחות...

* * *

בעקבתא דמשיחא חוצפּא יסגי — אין משיח'ס צייטען וועט די חוצפּה גרויס זיין, ערקלעהרט זיך עס מיט'ן פּסוק תחנונים ידבר רש ועשיר יענה עזות, דער אָרימאַן רעדט פריינדליך און דער רייכער — פרעך, דאָס איז ניט קיין חוצפּה ווען ער רעדט אַזוי, ווייל אַזוי רעדט אַ רייכער, אַז משיח וועט קומען וועט קיין געלד ניט זיין, „תכלה פּרוטה מן הכיס", און דאַן אַז איינער וועט רעדען פרעך וועט מען שוין זעהן דעם אמת'ן חצוף.

די עקדה

יצחק פרעגט זיין פאָטער: ואיה השה לעולה, וואו איז דער שעפּס פאַר'ן קרבן? ענטפערט איהם אברהם: השה לעולה, בני, דער שעפּס פאַר'ן קרבן, מיין זוהן. און זיי זענען ווייטער געגאַנגען, און ויבואו אל המקום, זיי זענען געקומען צו דעם אָרט, און עס שטעהט ניט „צום באַרג מוריה", זאָגט דער מדרש: וירא את המקום מרחוק — דער וואָרט „רחוק" קען ווערען אויסגעטייטשט, רחוק ווייט אין דיסטענס, אין שטח, און מען קען זאָגען רחוק — ווייט אין צייט. אברהם פרעגט יצחק'ן: כלום אתה רואה מה שאני רואה — זעהסטו דאָרטען דאָס זעל־בע וואָס איך. זאָגט יצחק: איך זעה הר משובח וענן קשיר עליו, אַ פּרעכטיגען באַרג נור אַ וואָלקען איז איבער איהם איבערגעצויגען. פרעגט אברהם זיינע בעגלייטער: זעהט איהר דאָרטען עפּעס? זאָגען זיי: יא, מיר זעהן גרויסע ווייטע מדבריות. זאָגט אברהם צו זיי: שבו לכם פה עם החמור, בלייבט דאָ מיט'ן אייזעל, זאָגען די חז"ל, ניט לייען עם — מיט, נור עם — פאָלק. ער זאָגט זיי: אייזעל פאָלק בלייבט דאָ, נאָכהער שטעהט ויקרא אברהם שם המקום ההוא ד' יראה אשר יאמר היום בהר ד' יראה. יעדער ווייס אז דער הר מיינט עס הר המוריה, איז דאָך אַ פראַגע, וואָרום שטעהט ניט ויקרא אברהם שם „ההר ההוא", נור „שם המקום ההוא"? זאָגט דער מדרש, אז פריהער איז דאָרט קיין באַרג ניט געווען נור אַ טאָל, נור אברהם האָט געבעטען: רבש"ע, עס פּאַסט ניט פאַר דיר אז דיין שכינה זאָל רוהען אויף אַ נידעריגען אָרט, איז דאָרט געוואָרען אַ באַרג און ער הייסט הר המוריה. נור כדי צו פאַר־שטעהן דעם מדרש, וועלען מיר פריהער לערנען אַ שטיקעלע גמרא: אז עבודה זרה איז אסור ווייס יעדערער און דער אָרט וואו עס איז עבודה זרה געשטאַנען איז אויך אסור בהנאה פאַרשטעהט אויך יעדערער. זאָגט אָבער די גמרא, דער אָרט וואו מען האָט אויף איהם געדינט צו דער עבודה זרה איז אסור נור לגבוה, פאַר גאָטעס דינסט, אָבער פאַר אַ הדיוט, ניט פון גאָטס נור פון מענשענסווענען איז עס מותר נור ווען דאָס איז מחובר. די אויבערפלעכע פון דער ערד איז דאָך מחובר, באַ־

העפט צו די גאַנצע ערד איז פאַר גאָטסוועגען, אויב מען האָט דאָרט עבודה זרה געדינט, אסור, פאַר פליין מענשען איז דער אָרט ניט פאַרבאָטען צו נוצען איהם, און ווייל דאַן האָבען מענ־שען געדינט צו די עבודה זרה נור אויף די בערגער, זענען די בערגער אסור צו גאָטס דינסטען, אָבער מותר פאַר׳ן אייגענעם געברויך. איז שוין יעצט רעכט די ווערטער פון פסוק און אויך דער מדרש, ווייל אויב דער הר המוריה איז אַ באַרג און די בערגער זענען דאָך פסול לגבוה, טו ווי האָט אברהם געמעגט מקריב זיין יצחק׳ן. לויט׳ן מדרש אָבער אַז דאָרט איז געווען אַ טאָל, ניט קיין באַרג, האָט דאָך שוין אברהם געמעגט עס נוצען לגבוה, דעריבער שטעהט וירא את המקום מרחוק, אַ עמק, ניט קיין באַרג איז עס דאַן געווען.

ווען אברהם האָט שוין יצחק׳ן געבונדען און גענומען דעם חלף צו שחט׳ן און מאַכען אַ ברכה על השחיטה, זאָגט שוין אַ מלאך ד׳: האַלט אָפּ, אברהם, האָסט שוין מקיים געווען די מצוה פון מסירת נפש, דיין טרייהייט צו גאָט האָסטו שוין דיין זוהן איבערגעגעבען, (אגב וויל איך באַמערקען, אַז שחט׳ן אַ מענשען דאַרף גאָט אַליין הייסען, פריי לאָזען אַ מענשען, מעג מען שוין צו דעם פאָלגען אַ מלאך אויך, ניט נור גאָט אַליין, דאַרף הייסען יענעם ניט טויטען...) זאָגט אברהם: איך האָב דאָך געמאַכט אַ ברכה על השחיטה, זאָגט צו איהם גאָט: האָב איך דיר געהייסען איהם שחט׳ן? איך האָב דאָך נור געזאָגט והעלהו עולה, גאָט האָט נור געוואָלט אַז אברהם׳ס אינפלוענס אויף זיין זוהן זאָל זיין אַזוי שטאַרק אַז ער זאָל זיך קענען מוסר נפש זיין פאַר גאָטס וועגען, און דאָס איז געשעהן דורך דער עקדה. דעריבער שטעהט ויקרא אברהם שם המקום ההוא ד׳ יראה, גאָט זעהט די מחשבה אָבער אַלע זעהען ניט, אשר יאמר היום בהר ד׳ יראה, היינט זעהען שוין אַלע עס. יצחק איז נור געווען אַ סעמפּעל און פון איהם קומען עס אַרויס די אַלע דורות וואָס זענען גע׳שחט׳ן און גע׳הרג׳ט געוואָרען על קדוש השם, ווי דוד המלך זאָגט: אספו לי חסידי כורתי בריתי עלי זבח — זיי זענען זיך מוסר נפש על קדושת השם. און דאָס זאָגט דער מדרש: אברהם פרעגט יצחק׳ן: וואָס זעהט ער? זאָגט יצחק: אַ פּראַכטפאָלען באַרג און עתיד, דעם מענשענס ציעל פון לעבען

דאַרף זיין נור די צוקונפט ניט דער היינט, מעג היינט זיין פאַר־וואָלקענד אָבער דער עתיד וועט שיינען, און דעריבער איז המאבד את עצמו לדעת אין לו חלק להעוה"ב, ווייל ער איז געגליכען צו אַ חמור וואָס זעהט נור דעם איצטער וחמור אבוס בעליו. דעריבער ווען ער שטאַרבט האָט ער קיין עולם הבא ניט. יצחק האָט געזאָגט, ער זעהט אַ פרעכטיגען באַרג, אַ גוטע לאַנד, און דער וואָלקען וועט אַריבער ווען די זון וועט שיינען, מען דאַרף פון וואָלקענס זיך ניט שרעקען. זאָגט אברהם: ריכטיג — דו פאַרשטעהסט מיין זוהן. אָבער די באַגלייטער האָבען געזעהן פון אידישען לעבען אַ גרויסען מדבר אָן אַ מאָרגען און אָן אַ היינט, זאָלען זיי די אייזעל־פאָלק בלייבען דאָ מיט זייערע באַגריפען זאָגט אברהם...

און אברהם מאַכט אַ ברית מיט גאָט נור ואת הצפור לא בתר זאָגט דער מדרש: שני עופות היו אחד לעולה ואחד לחטאת, את עולת עוף הבדילו ואת חטאת עוף לא הבדילו, דאָס מיינט ווען אידען גיבען אַרוים גרויסע מענשען גייסטער ווי שפינאָזאָ היינע, בערנע און איינשטיין איז מען מבדיל, זאָגט מען, יענע זיינען דייטשען, פראַנצויזען, און דער „איד" פון זיי ווערט אָבגעווישט, דאַגעגען אַזוינע מענשען וואָס מען גלייכט ניט ווי טראָצקי, א. א., דאָ איז שוין אין מבדילין, זיי רעכענט מען שוין צו צו אידען. און אברהם האָט אַזאַ פינסטערען גלות פאָראוים געזעהן, פרעגט ער: במה אדע? ווי וועלען זיי אידען בלייבען? זאָגט גאָט: גר יהיה זרעך און דער גלות וועט זיי שוין לייטערן...

פונקען

דער דייטשער קאַיזער היינריך דער פערטער איז אין 1077 יאָהר געשטאַנען אין קאַנאסא ביים פאָפסט גריגאָרים דער זיבעטער דריי טאָג באָרוועס און מיט אַן ענטבלויזטען קאָפּ, בעטענדיג מחילה פאַר'ן פוגע זיין דעם פאָפסט כבוד.

* * *

דזשעפראי טשאסער געב, 1340, האָט מחבר געווען זיין אומשטערבליכען בוך „קאַנטערבורי ערצעהלונגען".

וישלח

וועגען דער אינטערמערידזש מגפה
(געמישטע חתונות)

יעקב בעט זיך ביי גאָט אין היינטיגער סדרה: הצילני נא מיד אחי מיד עשו, העלף מיר גאָט סיי פון אַ ברודער און סיי פון אַ שונא, און פאַרלאָזען פאַרלאָזט זיך יעקב אויף זיינעם אַ מעסעדזש וואָס ער האָט צו עשו'ן געשיקט אין היינטיגער סדרה, כה אמר עבדך יעקב, אַזוי זאָגט יעקב: עם לבן גרתי, מיט לבן הרשע האָב איך געוואָהנט אַ צייט און ותרי"ג מצוות שמרתי, און דאָך האָב איך געהיט די מצוות און זיך פון איהם ניט אָבגעלערענט.

קומט לעצטען יאָהר פסח, געה איך אַריין צו אַ אידען אין הויז, זעה אַ שעהנע יום-טוב'דיגע שטימונג, מלוכה ממש, די שטוב באַלויכטען מיט עלעקטריק און ליכט אויפ'ן טיש. ער אין אַ קיטעל שעהן, אַ רעגעלער מלך, זי, זיין פרוי אַן אַלטע לעגענדארישע מלכה, די קינדער לייכטען ווי אמת'ע פרינצען, און דער טיש פאַרשטעלט מיט אַ שעהנער דעקאָריישאָן פאַנאָ־ראמע, ריפלעקשאָנס פון די עלעקטרישע לעמפלאַך ווי אַ קאַ־מערא אבסקורא, און פלוצים שטעלט זיך אויף דער „נאַכט מלך" און זאָגט די הגדה מיט אַזאַ התלהבות, חשק, און אַלע נאָך איהם: ברוך המקום, ברוך הוא, געלויבט איז גאָט וואָס האָט געגעבען די תורה צו זיין פאָלק ישראל, צא ולמד מה בקש לבן הארמי, דוכט זיך וואָס פיר אַ שיכות האָט עס צו דער סינערי, וואָס האָט לבן הארמי צו טאָהן מיט'ן היינטיגען „נאַכט מלך", שטעה איך פערטראַכט אַ ווײַלע, און קען זיך דאָך ניט באַהערשען און טו איהם אַ פרעג:

— ר' איד, וואָס איז מיט אייך אַזאַ שמחה מיט דער תורה, וואָס איהר דאַנקט רק גאָט פאַר איהר, אָט באַלד ווערט איהר אוים מושל, און אַלע צרות חזר'ן זיך ווידער באַלד איבער, און ווייטער קומט די תוכחה פון בבקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בקר, און דאָס אַלעס איז דאָך צוליעב דער תורה. אָט למשל, ווען מיר וואָלטען ניט מקבל זיין די תורה נור זיך אַסימילירט מיט אַלע גוים צוזאַמען און ניט זיין אַן עם לבדד

ישכון, וואָלטען מיר דאָך דעם לא תתחתן בם ניט געהאַט, אינ־טערמערידזש וואָלט געווען ערלויבט און סטעפאַן, יאָן, וואָלטען זיין אונזערע מחותנים, איידימס און שוואָגערס, וואָלטען זיי געלאָזען מאַכען אויף אונז גזרות, פּאָגראָמען, בלבולים און צרות? האַ?

אָבער דער איד, אויסהערענדיג מיין סטייטמענט טהוט אַ געשריי מיט עגזאַלטיישאָן, ברוך המקום, אָט טאַקע דערפאַר רבש״ע בינסטו געלויבט וואָס דו האָסט אונז געגעבען די תורה, וואָרום וואָס זאָגט איהר, אַז מיר וואָלטען זיך אַסימילירען וואָל־טען מיר ניט געליטען, צא ולמד... יעקב האָט זיך דאָך שוין אַסעמילירט און זעה דעם נחת וואָס לבן אַרמי האָט איהם פאַר־שאַפט... און יעקב האָט געמוזט שיקען זיין ברודער זאָגען אַפילו ביי לבן הרשע האָב איך די תרי״ג מצוות געהיט און זיין השפעה האָט אויף מיר קיין שליטה ניט געהאַט, בפרט דו אַ ברודער ערצויגען אין הויז פון יצחק און רבקה קענסטו געווים קיין השפעה אויף מיר האָבען און ניט מיט אַסימילאַציע וועט מען העלפען ישראל׳ן. ווי עס שטעהט אין פּרקי דר׳ אליעזר (ט׳): אַלע וואַסערן כל זמן זיי פליסען אויף דער ערד זענען זיי גוט, זיס און געבענשט און די וועלט האָט פון זיי הנאה, געהען זיי נור אַריין אין ים ווערען זיי ביטער, שלעכט, פאַר־שאָלטען און קיינער קען פון זיי קיין הנאה האָבען, „כל הנהרות כשהם מהלכים על הארץ הם טובים וברוכים ומתוקים ויש מהם הנאה לעולם, נכנסו לים הם מאורים ורעים ומרורים ואין מהם הנאה לעולם, כך ישראל שבוטחים בצל יוצרם הם ברוכים ומתוקים ויש מהם הנאה לעולם, ובזמן שהם סרים מאחרי יוצרם ובטחו בחקות העכו״ם הם נארים ורעים ואין מהם הנאה לעולם״. אַזוי אויך די אידען, כל זמן זיי געפינען פּראָטעקשאָן אונטער זייער גאָט זענען זיי געבענשט און גליקליך, טרעטען זיי אָבער פון גאָט אָפּ, דאַן ווערען זיי פערלאָרען, מיר טאָרען ניט פערשלונגען ווערען פון די ים כוואַלעס, מיר מוזען זיין אַן עם לבדד, ווייל די עשו׳ס האָבען אונז סתם פיינט אַפילו אַז מיר זאָלען זיך אַסימילירען, ווי דער מדרש דערצעהלט, אַז פרעה האָט זיינע מצרים גערופען און געזאָגט, אַז אַ אידישער משיח וועט געבוירען ווערען, און עס קען זיין פון אַ מצרי, זאָלען אַלע

וואַרפֿען די קינדער אין וואַסער, האָבען די מצרים געענטפֿערט, דורך אַ מצרי׳שען קינד וועלען אידען קיין מאָהל ניט האָבען אַ ישועה, זיי רוהיג...

און דאָס איז דער רעיון פֿון היינטיגער סדרה, ווען יעקב שיקט מלאכים צו עשו׳ן, בעטאַנט ער איהם באַלד, אמת טאַקע, כה אמר עבדך יעקב, וואָס דו ווילסט קענסטו זאָגען און לאַכען פֿון יעקב׳ן, ווייל ער רופֿט זיך עבדך, דיין קנעכט, אָבער ניט ריהר אָן יעקב׳ס רעליגיאָן, דאָס וועט שוין יעקב ניט ליידען, ווייל עם לבן גרתי, און אַ גרעסערער חכם להרע ווי לבן בינסטו ניט און דאָך תרי״ג מצות שמרתי און ואחר עד עתה, איך האָב נאָך געקענט ווייטער זיצען, נור איך בין אַוועק פֿון איהם ווייל ואשלחה לאדוני, איך וויל דיר זאָגען אַז דיין שנאה צו מיר איז אַן אומזיסטע, ווייל דו מיינסט אַז איך האָב דיינע ברכות פֿער־כאַפּט, ניין, געבענשט האָט ער מיר מטל השמים און איך פֿאַר־מאָג שור וחמור צאן ועבד ושפחה...

פֿונקען

ראָזעטאַשטיין. אין בריטישען מוזעאום געפֿינט זיך היינט צו טאָג דער שליסעל פֿון דער מענשהייט דער ראָזעטאַ־שטיין. דער שטיין האָט אויף זיך די אַלט מצרי׳שע היראָגליפֿען שריפֿט, די שפּראַך באַשטעהט פֿון בילדער פֿון חיות, עופות, בוימען, בלומען א. ז. וו., און יעדע בילד האָט אַנאַנדער מיין, און לויט די בילדער לעזט זיך יענעמס מחשבות׳ן פֿערלאַנגען א. א. וו. די מאַסע האָט אָבער אויך געהאַט אַ פֿאָלקס שפּראַך וואָס האָט זיך גערופֿען דעמאַטיק שפּראַך. אויפֿ׳ן ראָזעטאַשטיין איז געשריבען היראָגליפֿיש מיט אַן ערקלעהרונג אין דעמאַטיק און גריכיש, געפֿונען האָט מען דעם שטיין אין דער שטאָדט „ראשיד״ אין מצרים, די אייראָפּעער רופֿען די שטאָדט „ראָ־זעטא״. דער שטיין איז פֿאַרשריבען געוואָרען מיט 2250 יאָהר צוריק.

* * *

ניט זאַכען ווירקען אויפֿ׳ן מענשען, נאָר די מיינונגען וועגען זאַכען, זאָגט עפּיקטעיטוס.

ויקרא

שלום עליכם — עליכם שלום

רבותי! ווען איך קום צו אייך צום ערשטען מאהל, אדער ווען מיר קענען זיך אפילו, נור מיר האבען זיך שוין לאנג ניט געזעהן, רייכען מיר זיך די הענד און זאגען: „שלום עליכם", און דער צווייטער ענטפערט: „עליכם שלום".

פרעגט זיך אימער די זעלבע קשיא, פארוואס ענטפערט דער בעגריסטער ריכטיג פארקעהרט, אז מען זאגט איהם „שלום" פריהער נאכהער „עליכם", זאל ער אויך אזוי ענטפערען פריהער „שלום" נאכהער „עליכם", פארוואס פאנגט ער אן פריהער „עליכם" נאכהער „שלום"?

ווען דער רייכער פריץ בועז איז ארויסגעקומען, דערצעהלט די מגילת רות, צו זיינע ארבייטער אין פעלד ווען זיי האבען געשניטען די תבואה, האט ער זיי באגריסט מיט די ווערטער „ד' עמכם", „גאט זאל אייך העלפען" — האבען זיי איהם גע־ענטפערט מיט'ן ד' צו ענד, „יברכך ד'" — „זאל דיר בענשען גאט", אויך פארקעהרט ווי ער האט געזאגט. ווען מיר טרעפען א מאן געהענדיג אין אוועגט און פרעגען איהם: — וואו געהסטו? — צו א מיטינג, אן אספה, ענטפערט ער. פרעגט מען איהם: — ווייסטו שוין דארט, וואס צו זאגען? — ניין, ענטפערט ער, איך וועל הערען וואס אנדערע זאגען וועל איך זאגען ריכטיג פארקעהרט ווי יענע.

וויל איך עס פארענטפערען מיט א מדרש.

אויפ'ן פסוק: אדם כי יקריב מכם קרבן לד', זאגט דער מדרש: הדא הוא דכתיב, דעריבער שטעהט אין פסוק, „אדם להבל דמה וימיו כצל עובר", א מענש האט קיין ווערטה ניט, ווייל זיינע יאהרען לויפען און פארשווינדען ווי א שטן.

איך גלויב אז קיינער קען ניט פארשטעהן די כונה פון מדרש.

דער דין איז אבער אזוי, ווען א מענש וויל א נדר טאהן אויף מקריב זיין א קרבן דארף ער זאגען „קרבן לד'", ווען ער זאגט אבער פארקעהרט, „לד' קרבן", אין זה נדר, איז דאס קיין נדר ניט, ווייל ווען ער רעדט ארויס דעם ערשטען ווארט לד'

אַליין, קען דאָך טרעפען, ער זאָל חו"ש שטאַרבען, שטום ווערען און ניט קענען אַרויסריידען דעם וואָרט קרבן, איז לא די וואָס דער נדר איז גאָר ניט איז ער דאָך אונטערוואָרפען אַן עונש אויך פאַר'ן מוציא זיין שם שמים לבטלה, דעריבער דאַרף מען פריהער זאָגען „קרבן", נאָכהער לד', און אויב עס זאָל חו"ש טרעפען אַ סבה, איז ער דאָך ניט פעראַנטוואָרטליך, ווייל „קרבן" אַליין מיינט גאָר ניט.

דוד המלך האָט אויף זיך געזאָגט: עשיתי משפט וצדק בל תניחני לעושקי. פרעגען דאָך אַלע: מה נפשך, אויב ער האָט „משפט — גערעכטיגקייט" געטאָהן, האָט ער דאָך קיין צדקה ניט געקענט עס רופען, האָט ער אַלס מושל צדקה גע־טאָהן, קען ער עס דאָך קיין משפט אַנרופען, ווייל ביי משפט איך דאָך יקוב הדין את ההר, אַן רחמנות מוז דער שולדיגער ווערען בעשטראָפט. דער ענטפער איז אָבער: דוד המלך איז געווען אַ רב אויך, ווי ער זאָגט אויף זיך: בשעה שכל מלכי מזרח ומערב ישנים יושב אני ועוסק בשפיר ובשליה ומתיר אשה לבעלה— אין דער צייט ווען אַנדערע קעניגע שלאָפען זיץ איך און שטודיר אין די שווערע דינים פון טהרה און טומאה און פסק'ן שאלות, איז אַז צו דוד'ן פלעגען קומען צוויי בעלי דינים, אַ רייכער מיט אַן אָרימאַן, און דוד האָט גע'פסק'נט לויט'ן דין אַז דער אָרימאַן דאַרף באַצאָהלען, פלעגט דער לעצטער אַנ־שטעלען אַ רחמנות פּנים, און זאָגען: איך זעה איין מיין שולד, איך בין אָבער אָרעם און פאַרמאָג ניט צו באַצאָהלען, פלעגט דוד אַרויסנעהמען זיין טשעק בוך, אַנשרייבען אַ טשעק אויף דער סומע, געבען עס דעם אָרימאַן, ער זאָל באַצאָהלען יענעם רייכען. מיינט עס, אַז דוד האָט געטאָהן צדקה צום אָרימאַן און משפט צום רייכען, אַז מענשען האָבען זיך דערפון דער־וואוסט, האָט מען אָנגעהויבען שותפות מאַכען, אַן אָרימאַן מיט אַ רייכען געהען צו דוד'ן צו אַ דין תורה, און דוד גיט געלד און מען צוטיילט זיך נאָכהער פיפטי־פיפטי (העף־העף ווי די אַמע־ריקאַנער רופען עס), גלייך אויף גלייך, אַז דוד האָט דאָס דער־פיהלט, האָט ער אַ געשריי געטאָהן: רבונו של עולם, איך טו טאַקע משפט און צדקה אָבער זיי באַרויבען דאָך מיר, בעט איך דיר „בל תניחני לעושקי", לאָז מיך ניט באַרויבען.

זאָגט די גמרא אין שבת: דוד האָט ביי גאָט געבעטען: הודיעני ד׳ קצי — זאָג מיר, רבש״ע, ווען וועל איך שטאַרבען? האָט איהם ג־ט געזאָגט: ווען וועל איך דיר ניט מגלה זיין, נור דער טאָג אין וועלכען דו וועסט שטאַרבען וועט אויספאַלען שבת. פון דאַן אָן איז ווי נור די פרויען פלעגען בענשען שבת ליכט און אין שוהל פלעגט מען מקבל שבת זיין, האָט שוין אָנ־געהויבען דוד זיך שרעקען און אַזוי מורא געהאַט ביז מוצ״ש נאָך הבדלה. אַלזאָ, האָט דוד געמעגט אַ גאַנצע וואָך זאָגען ביי אַ נדר לד׳ קרבן, ווייל ער איז דאָך זיכער געווען אַז ער וועט ניט שטאַרבען אין דער וואָכען.

זאָגט אָבער די גמרא: המקדים בשלום מאריכין לו ימיו — ווען איינער באַגריסט זיין פריינד פריהער איז מען איהם מאריך ימים דערפאַר, און שלום איז דאָך ג־ט׳ס נאָמען, איז דעריבער דער־ערשטער באַגריסער מעג זאָגען שלום פריהער, ווייל ער האָט דאָך אַ זכות פון אַריכת ימים. דער באַגריסטער, ער האָט דאָך ניט קיין זכות, מוז ער שוין פריהער זאָגען עליכם נאָכהער שלום. אַזוי איז אויך מיט בועז׳ן, ער פריהער האָט געמעגט זאָגען ד׳ עמכם, זיי ענטפערענדיג האָבען געמוזט זאָגען יברכך ד׳. דאָס זאָגט דער מדרש: אדם כי יקריב קרבן מוז ער זאָגען „קרבן לד׳״, ווייל אדם להבל דמה, אַ מענש אַליין האָט קיין ווערטה ניט...

פונקען

די וועלט איז צו אַ לייטער געגליכען, איינער געהט אַרויף און איינער — אַרונטער.

* * *

דער רופשיצער ז״ל פלעגט זאָגען: וישלח יעקב מיינט: וי—שלח, די עצבות שיק אוועק פון זיך.

ער זאָגט אויך: אין לנו שיור רק התורה הזאת, קיין זאַך איז אונז ניט אַזוי איבעריג ווי די תורה, נאָר זי איז אונז איבעריג און אומניצליך.

* * *

דאָס גרעסטע רעכט איז דאָס גרעסטע אומרעכט (ציצערא).

צו די ארבע פרשיות

ביי אונז איז דער סדר צו די ארבע פרשיות אַזוי: שקלים, זכור, פרה און החודש. איז דאָך גוט, אַ? נעהמט אַ חומש, רבותי, און זעהט אַז אין חומש איז ריכטיג פאַרקעהרט דער סדר. אין פרשת בא שטעהט: החדש הזה לכם ראש חדשים, דאָס איז די ערשטע, נאָכהער אין בשלח שטעהט: ולא היה מים לעדה כי מרים היו, זיי זענען געקומען צו אַ אָרט פון בי־טערע וואַסער האָט משה אַריינגעוואָרפען אַ האָלץ אין די וואַסער און וימתקו המים, די וואַסער איז זים געוואָרען, זאָגט רש״י: מכאן למדו, פון דאַנען איז געדרונגען אַז מען האָט זיי דאָרט אין מרה געלערנט איבער שבת, פרה אַדמה, און דינים. צו די ענדע פון בשלח אין רפידים שטעהט די פרשת עמלק, הייסט עס אין חומש פריהער, החודש, נאָכהער פרה, נאָכהער זכור אין כי תשא, די פרשה פון שקלים איז גאָר שפּעטער, ריכטיג פאַרקעהרט פון סדר העולם.

וואָלט איך וועלען פרעגען: פאַרוואָס איז עס אַזוי?

לויט׳ן מדרש קען מען עס פערשטעהן אַזוי: עס שטעהט וזאת לפנים בישראל על הגאולה ועל התמורה, זאָגט דער מדרש, וזאת לפנים על הגאולה, אַמאָהל ביי דער גאולה איז אַזוי געווען דער אָרדנונג, ווי עס שטעהט אין דער תורה, ועכשו על התמורה, איצט אָבער האָט מען עס פאַרביטען. נו, פאַרוואָס? זאָג איך אַזוי: די אידען אין מצרים זענען געווען שקלאַפען, עבדים, און אַן עבד האָט אין זיין בעזיץ גאָר ניט, ווייל מה שקנה עבד קנה רבו, וואָס דער קנעכט באַזיצט בעלאַנגט צו זיין בעל־הבית, ווייל ער אַליין באַלאַנגט דאָך אויך צו דעם בעל־הבית, איז לפנים דאַן האָבען זיי קיין שקלים ניט געהאַט, דעריבער איז דער סדר געווען פריהער החודש הזה לכם, צוערשט רעכענט ניט די מצרישע חדשים נאָר אייערע אייגענע חדשים, און דאַן וועט איהר שוין קיין שקלאַפען ניט זיין, וועט איהר שוין זיין אַ פאָלק מיט לייטען גלייך, זייט איהר דאָך טמא, מצרים פאַר־מאָגט דאָך עפּעס אַ קוואַל פון טומאה, מ״ט שערי טומאה, דעריבער הערט דעם דין פון דער פרה אדומה וועלכע איז מטהרת טמאים, און ווי איהר ווערט ריין, דאַרפט איהר צו

ערשט אייער שטאַלץ ווייזען אַלס פאָלק וואָס קען זיך פאַרטיי־ דיגען און מחה תמחה את זכר עמלק, דאַן ווערט איהר דאָך שוין בעלי בתים לייטען גלייך, טו גיט שקלים, זאת היתה לפנים על הגאולה, אויסגעלייזט צו ווערען פון שקלאַפענטום איז דאָס געווען דער וועג, און פאַר וואָס געבען נאָר אַ מחצית השקל, אַ האַלבען טאָלער און עשרים גרה השקל דאַרף זיין, זאָגט אָן די תורה, ווילט איהר מיר פרעגען צו וואָס דאַרף די תורה עס דערמאָנען, זאָגט דער ירושלמי אין שקלים פ״ב, די ברידער האָבען צוליעב קנאה, שנאה פאַרקויפט יוסף׳ן פאַר עשרים כסף, זאָגט דעריבער די תורה, עשרים גרה השקל, און יעדער זאָל געבען אַ מחצית השקל, ניט קיין גאַנצען שקל וואָס עס זאָל מיינען אַז יעדער איינער איז גאַנץ פאַר זיך אַליין, נאָר אַ האַל־ בען, גאַנץ ווערט מען נאָר ווען מען איז פאַראייניגט, פאַרברי־ דערט, יונייטעד, אָבער ועכשו על התמורה, איצט איז דער סדר אַנדערש. בלייבט די פראַגע אויף׳ן אַנדערען האַלבען מדרש, פאַרוואָס ?

נאָר אין רבה אויף משפטים דערצעהלט זיך, צום רוימישען אַדרינוס, ימח שמו, איז זיין נעפיו עקילוס געקומען און זאָגט איהם : קעניג, איך וויל זיך מגייר זיין, זאָגט אַדרינוס צו איהם : דו ווילסט ווערען אַ מיטגליעד, אַ מעמבער צו אַזאַ פאָלק וואָס איך האָב זיי צו׳שחט׳ען, צו׳הרג׳עט, פאַרניכטעט ? זאָגט עקילוס : דער קלענסטער פון זיי ווייס דאָך אפילו ווי אַזוי גאָט האָט די וועלט באַשאַפען, זיי ווייסען פון דאָס באַשאַפענע זונ־ טאָג, מאָנטאָג, א. ז. וו. זאָגט אַדרינוס : טו געה און לערען זייער תורה און ווייס אויך, אָבער דו זאָלסט זיך ניט אידישען דורך מילה. (אַגב וויל איך באַמערקען אַז היינריך היינע האָט געזאָגט, זיך שמד׳ען קען מען דורכ׳ן אָבשפריצען זיך מיט וואַסער, וואַסער טריקענט אָבער גלייך אָב, דאַגעגען אַ איד ווערען קאָסט בלוט און דער צייכען קען ניט אָבגעווישט ווערען). זאָגט עקילוס : פאַרקערט, אויב זיך אידישען מוז מען זיך אָפערירען דורך מילה. אַזאַ מין דעבאַטע איז פאָרגעקומען צווישען די צוויי גרויסע רוימער, עקילוס איז געווען זעהר רייך, געבילדעט און פאַרשטעהענד און וויל אַ איד ווערען, זאָגט איהם אַדרינוס : אידישער גאָט איז אונהילפבאַר, נאָך אַזוינע קלעפ ווי איך גיב

זיי און ער שווייגט, איז ער קיין גאָט ניט, טו וואָס פיר אַ פאָלקס ווערדע פאַרדינען זיי? זאָגט עקילוס: אַדרבא, אויב נאָך אַזוינע צרות קענען זיי עקזיסטירען איז אַ פאַקט אַז זיי בלייבען אונשטערבליך און אונפאַרטיליגבאַר, זיי ווייסען אַז עס איז געווען תהו ובהו וחשך, אַזאַ כאָאָס פון נישטיגקייט און פינסטערניש, און גאָט האָט געקענט שאַפען פון דעם אַליין אור, ליכטיגקייט, זיי ווייסען אַז יעדען טאָג איז אַנאַנדער זאַך באַשאַפען געוואָרען און דער מענש צו די ענדע און דאָך האָט גאָט געזאָגט צום מענשען ומוראכם וחתכם יהיו על כל חית השדה, אַז זיי ווייסען דאָס אַלעס זענען זיי אונבעזיגבאַר. יע, זאָגט אַדרינוס, איך זעה דו בינסט פאַראינטערעסירט אין זייערע אידעען, מל זיך אָבער ניט. זאָגט עקילוס: פאַרקעהרט, ווען דאָס קינד האָט 8 טאָג לייגט מען איהם אויפ'ן טיש, מען מל'ט איהם און מען זאָגט איהם אָן בדמיך חיי, זיי אַ איד אַפילו ווען מען פאַרגיסט דיין בלוט, ווי די גמרא זאָגט אין סנהדרין, טורנסרופוס הרשע האָט ר' עקיבא'ן געפרעגט, אם אלקיכם אוהב עניים למה אין מפרנסם, אויב אייער גאָט ליבט אָרימעלייט וואָרום שפּייזט ער זיי ניט? זאָגט ר' עקיבא: ווייל זיי די אָרימעלייט דאַרפען דורך זייער זכות באַפרייען די רייכע מדיני של גיהנם, אַזוי ווי דער פייער אין גיהנם איז דאָך גרוים און מען דאַרף דאָך עס פאַרלעשען איז דאַ אָרימעלייט וואָס די רייכע גיבען זיי צדקה און אַ דאַנק זייער צדקה ווערען זיי ניצל פון גיהנם, הייסט עס, אַז די אָרימעלייט זענען פייערלעשער אויך — אָבער ביי אַ גרויסען פייער קומען פייערלעשער אויך פון אַנדערע דיסטריקטען, און ניו יאָרק ווייזט אוים פאַרמאָגט זעהר פיעל רשעים אַז זי דאַרף אַזוי פיעל פייער לעשער האָבען, איהרע אָרימעלייט און יוראָפּשע אָרימעלייט.

אַלזאָ, אַ איד צו זיין מיינט מסירת נפש, אידעאַליזם איז שטאַרקער פון מאַטריאַליזם, זאָגט דער מדרש, ועכשו היינט אָבער על התמורה, ביי אַזאַ קאַפּיטאַליסטישע צייט מוז פריהער זיין שקלים, וימירו את כבודם בתבנית שור אוכל עשב, וואַרפט אַוועק דעם עגל סימבאַל, אייערע גאָלדענע קעלבער, נאָכהער זכור, ווייסט אַז די שנאה צו אייך פון די עמלק'ס איז קנאָה פון וועלכען שטאַנדפונקט עס זאָל ניט זיין איז גלייך זכור, און אַז

איהר וועט אימערצו היטען דעם זכור את אשר עשה לך עמלק און דעם זכור את יום השבת לקדשו, דער צווייטער זכור פון שבת וועט צונעהמען דיינע געפיהלען פון קאָנקרעטעס, פון פערקערפּערונגען פון עמלק׳ס אידעען און ס׳ווערט איהר ברענ־גען אין אידעאַליסטישע וועלטען וועט דאַן זיין פּרה אדומה — אלו ישראל, אַזוי ווי די פּרה איז אַ רעטעניש, אומפאַרשטענד־ליך, אַזוי איז דער אידישער עקזיסטענץ ניט צו פאַרשטעהן, איין שעפּסעלע צווישען אַזוי פיעל וועלף און עקזיסטירט. און דאָס האָט משה רבנו זיך אויך געוואונדערט זעהענדיג דעם אידישען פאָלק אַלס אַ „סנה בוער באש והסנה איננו אוכל״, זאָגט משה: אסורה נא ואראה את המראה הזה מדוע לא יבער הסנה, פאַרוואָס קען דער אידישער פאָלק אויסהאַלטען אַזוינע נגישות און קאָנטראסטען, פון איין זייט איז מי כעמך ישראל גוי אחד און פון דער צווייטער זייט, וואו איז דאָ נאָך אַזוינע בעלי מחלקת, וואָס טרייען נאָר צו אַנולירען יענעמס ווערטער. און דעריבער קומט ערשט צום לעצט פרשת החודש הזה לכם ראש חדשים, אַ נייער לעבען, פריהלינג, פון ס׳ניי געבוירען, דאָס פאַרגאַנגענע זאָל פאַרגעסען ווערען און אַ נייער לעבען פון בליהען און וואַקסען פון בלומען און פרוכט זאָל אַריינטרעטען אין אידישען לעבען און ושלום על ישראל.

פונקען

„די עפענטליכע מיינונג שוינט דעם וואָלף און בעשטראַפט דעם שעפּס״ (יו. ווענאלים).

* * *

דאָס וואָס בליהט מוז אויך וועלקען.

* * *

אין אַ לאַנד פון בלינדע איז דער איינ־אויגיגער אַ קעניג.

* * *

אויב ס׳איז נאָר ווילען דאָ — ווערט עס שוין.

* * *

אַ גוטער ספר פאַרמאָגט אין זיך די אילוזיע פון דער עוויג־קייט, ער בעגייט די וועלט אין דיין האַרצען.

מעות חטין

צוויי זאַכען זענען דאָ וואָס מיר זענען שטאַרק מדקדק עס מקיים צו זיין ווי דער דין איז, נטילת ידים און מים אחרונים. אַלע אָבער ווייסען אַז נטילת ידים, זיך וואַשען צום עסען, איז אין בעטרעף פיעל העכער ווי מים אחרונים, וואַשען זיך נאָך דעם עסען, ווייל איינפאַך צו נטילת ידים איז שטענדיג דאָ מעהר חשק ווי צו מים אחרונים. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ מנהג וואָס מיר היטען שטאַרק, מעות חטין. ווער האָט אָבער מתקן געווען אָט די דריי מנהגים אָדער דינים, ווי מיר רופען עס? שלמה המלך האָט מתקן געווען נטילת ידים, די גמרא אין ערובין זאָגט בפירוש: שלמה המלך תקן ערובין ונטילת ידים. זאָגט די גמרא: משעה שתיקן שלמה המלך ערובין ונטילת ידים יצאה בת קול ואמרה חכם בני וישמח לבי גם אני. ווען שלמה האָט מתקן געווען ערובין און נטילת ידים איז אַ בת קול פון הימעל אַרויס און געזאָגט: זיי קלוג מיין זוהן, וועל איך זיך אויך פרעהען. מים אחרונים — מיט אַן אמת היינט איז עס שוין קיין חוב ניט, נאָר ווייל אונזערע קדמונים האָבען עס געהיט ווילען מיר ניט משנה זיין. דער רמ"א ברענגט אין דעם ענין אַ ירושלמי, וואָס זאָגט, אַז אַמאָהל ביים עסען פלעגט מען נוצען די מלח סדומית, סדומישע זאַלץ, זעהר אַ שווערער און האַרטער זאַלץ שטאָף, איז כדי אויסצומיידען פון אַ סכנה חו"ש האָט מען זיך נוהג געווען נאָכ'ן עסען צו וואַשען די הענד, מען זאָל מיט די פינגער וואָס האָבען די זאַלץ גענוצט, ניט אָנריהרען די אויגען וואו עס קען טרעפען אַ סכנה. איז אַלזאָ נטילת ידים, וואַשען די הענד פאַר'ן עסען איז אַ חוב, ווייל די הענד אַרבייטען דאָך איבעראַל, ידים עסקניות הן וידים שניות לטומאה. דעריבער דאַרף מען זיי ריין וואַשען פאַר'ן עסען, נאָכ'ן עסען דאַרף מען זיי ווייטער וואַשען, ווייל ס'שמעקט מיט סכנה און סכנתאָ איז דאָך חמורה מאיסורא.

איצט וועלען מיר רעדען וועגען דעם דריטען מנהג אָדער דין מעות חטין. אין די ספרים שטעהט אַז מעות חטין איז אַ תקנה מקדמת דנא. היות ווי פסח טאָר מען דאָך קיין חמץ ניט עסען, פלעגט מען געבען געלד און די געלד איז פערוואַנדעלט גע-

וואָרען אין ווייץ, די ווייץ אין מעהל, די מעהל אין מצה און די מצה ביי די אָרימע לייט אין די בייכער צו אַ חלק פון זייער סובסטאַנץ. הייסט עס אַז די געלד איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין ווייץ מעות חטין. אָבער דער וואָס קען העברעאיש וועט זאָגען אַז ס'איז אַ שלעכטע איבערזעצונג, מעות חטין — מיינט „ווייצענע געלט", ניט „געלט אין ווייץ", און עס איז דאָ זילבער געלד, גאָלד געלד, עס איז אָבער ניטאָ קיין ווייצען געלד! וויל איך זאָגען, כידוע איז דאָ ווייצענע אידען און גערשטענע אידען. אויב איינער גיט אַ נדבה נאָר ניט פון זיין אייגענעם קאַפּיטאַל זאָגט די גמרא: הרי זה גזל סאה חטין, טחנן ואפה, הפריש מהן חלה תרומה ומעשרות ומברך המוציא אין הוא מברך אלא מנאץ שנאמר ובוצע ברך נאץ ד'. אויב איינער גזל'ט אַ מאָס ווייץ, צומאַלט עס, באַקט עס, שיידט אָב חלה תרומה און מעשר, מאַכט אַ ברכה, הייסט עס ניט אַז ער איז מקיים מצוות נאָר אַז ער לעסטערט גאָט. דעריבער זאָגען די חז"ל, נטילת ידים פאַר'ן עסען, איידער דו עסט וואַש ריין דיינע הענט, זעה עס זאָל קיין גנבה און גזלה זיך ניט אָנקלעפּען אין זיי, נאָכ'ן עסען. זאָגט אַ ווערטעל: דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען, און אויף אַ זאַטען זאָגט די גמרא: אנשי סדום היו רעים מפני שהשפיע ד' עליהם מרוב טובה וידיהם לא היו נקיים משוד עניים מאנקת אביונים, און נאָכ'ן עסען האָב מורא פאַר מלח סדומית, טו אַ טראַכט אַז די סדומער זענען געווען גליק־ליכע אָבער זייערע הערצער — זאַלץ, און דעריבער מוסטו אַ טראַכט טאָהן איבער מעות חטין, ווייצענע און גערשטענע אידען, די ווייץ האָט אַרום זיך אַ סאַך קליידער, די גערשטען האָט אין דער קלאָסע נאָר איין הילע, דאָך ווען עס איז קאַלט, היים, שניי, האָגעל און רעגען ליידעןביידע, סיי די רייך בע־שיצטע ווייץ, סיי די אָרימע גערשטען, ווען חו"ש אַ קראַנקהייט שטאַרבען אַלע סיי דער רייכער סיי דער אָרימער, דער אונ־טערשייד איז נאָר, דער רייכער קינד פרעגט פסח נאָר פיער קשיות און דער פאָטער פטר'ט איהם מיט'ן עבדים היינו, דאַ־געגען דער אָרימער קינד פרעגט אַ פינפטע קשיא: טאַטע, דו בינסט קראַנק, די מאַמע קראַנק און מיר פינף קליינע קינ־דערלאַך, וואָס וועלען מיר עסען? און דער פאָטער ענטפערט

מיט אַ פסוק און טרערען: „עוללים מבקשים ללחם ואין"... דעריבער, איהר ווייצענע אידען מוסט געבען געלד צו די גערשטענע אידען, און אַלע צוזאַמען וועט איהר בעזר השם האָבען אַ פרעהליכען יום טוב.

פונקען

פאַר וואָס בעזינגסטו די רויז אַריסטאָקראַט, בעזינג בעסער די דעמאָקראַטישע קאַרטאָפעל וועלכע שפּייזען דעם פאָלק, (היינע).

* * *

קלערענדיג אַן דעם וואָס איהר ווילט ערווערבען, פאַרגעסט ניט אַן דעם וואָס איהר קענט פאַרלירען, (רוסא).

* * *

אַ קלוגער קעמפפער האַלט קיינמאָהל זיין שונא ניט פאַר גרינג, (שילער).

* * *

דער לעהרער האָט געזיגט ביי סעדאַן, (גראַף מאַלטקע).

* * *

ביי די שוואַכסטע מענשען איז די שטאַרקסטע איינביל־דונגס קראַפט, (שעקספּיר).

* * *

די גרויסע שוועריגקייטען ליגט דאָרט וואו מען זוכט זיי ניט, (געטע).

* * *

יעדען טאָג קען מען רעכענען פאַר אַן אָנפאַנג פון אַ נייער עפּאָכע, (געטע).

* * *

אונמעגליך — איז ניט קיין פראַנצויזיש וואָרט, (נאַפּאָלעאָן).

* * *

וואָס גרעסער דאָס ליכט אַלץ שטאַרקער דער שטן, (געטע).

* * *

אָנטאָהן נייע שטיוועל מיינט נאָך ניט געהן אויף נייע וועגען, (מאהר).

שבת הגדול

צוויי קרבנות צבור דאַרפֿען מיר מקריב זיין, און ביידע זענען גאַנץ פֿאַרשיידען איינע פֿון די אַנדערע. דער „קרבן תמיד" און „קרבן פּסח". דער תמיד הייסט קרבן צבור, ווייל ער ווערט געקויפֿט פֿון קהל'שע געלדער, פֿון צבור געלד, פֿון די שקלים וואָס אַלע אידען פֿלעגען געבען, און דעריבער איז געענוג איין קרבן תמיד פֿאַר'ן גאַנצען כלל ישראל. ניט אַזוי איז אָבער דער „קרבן פּסח", ער הייסט אויך „קרבן צבור", ווייל מען איז איהם מקריב בצבור, אָבער יעדע פֿאַמיליע מוז ברענגען אַ קרבן פּסח פֿאַר זיך אַליין, פֿון זייערע אייגענע געלד, און קען ניט יוצא זיין מיט'ן אַלגעמיינעם פֿאָלקס קרבן. דער כח פֿון קרבן תמיד איז גרוים אין פֿאַראייניגען דעם כלל ישראל און זיי דערמאַנען אין זייער אחדות האומה והאמונה. דער קרבן פּסח אָבער איז גרעסער ווייל ער ווייזט אויף די פֿליכטען פֿון די פֿאָלקס פֿעראייניגונגען. דער קרבן תמיד בלייבט שטענ-דיג צווישען די עזרה ווענט, דער פֿאָלק זעהט איהם ניט, ער ווייס נור אַז אַזאַ קרבן עקזיסטירט, דאַגעגען דעם קרבן פּסח זעהט אָבער דער פֿאָלק, דער פֿאָלק ברענגט אַליין דעם קרבן און יעדע פֿאַמיליע בעזונדער ציילט זיך, רעגיסטרירט זיך אין דעם פֿאַמיליע קרבן. פֿאַר'ן קרבן תמיד דאַרף מען ברענגען אַ שעפּס, אַ כבש, ער איז דער סימבאָל פֿון שוואַכקייט און אונ-טערטעניגקייט. פֿון דער רעליגיעזער זייט, מיינט עס, הכנעה פֿאַר גאָט, און פֿון דעם פּאָליטיש-נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט מיינט עס קערפּערליכע, פֿיזישע שוואַכקייט אַנטקעגען פֿעל-קער. דאַגעגען צום קרבן פּסח נעהמט מען אַ ציעג, עז, דאָס איז דער סימבאָל פֿון שטאַרקייט, עזות, און דעריבער איז ביי אונז דער קרבן פּסח אַזוי שטאַרק, וויכטיג, ווייל ער ערמונ-טערט אונז, אַז אויב צום קרבן צבור מוז אַ שעפּס זיין, מעג צום פֿרייען יום טוב, צום חג החרות אַן עז זיין, און די אַחדות מוז העלפֿען, אַרונטער צו ברעכען דעם רוימישען אָדלער אין אַלע צייטען, פֿון דעם נאַציאָנאַלען בית המקדש און סענטער.

די חז"ל דערצעהלען אונז אין דער גמרא פּסחים, איבער אַ געשפּרעך צווישען אַ קעניג און אַ קעניגין מיט דעם לשון:

מלכא ומלכתא הוי יתבי, מלכא אמר גדיא יאי ומלכתא אמרה אימרא יאי. אמרו מאן מוכח? כהן גדול דקא מסיק קרבנות כל יומא. אתא איהו אחוי בידיה: אי גדיא יאי יסק לתמידא, אמר מלכא: הואיל ולא הוי ליה אימתא דמלכותא נפסקו לימיניה. אַ קעניג און אַ קעניגין זענען געזעסען, דער קעניג האָט געזאָגט, אַז נור אַ ציג פּאַסט, און זי, די קעניגין, האָט געזאָגט: ניין, נור אַ שעפּס זאָל מען מקריב זיין. האָט מען געפרעגט, ווער זאָל ענטשיידען אין דער דעבאַטע, דער כהן גדול, האָט מען געענטפערט, ווייל ער איז דאָך מקריב די קרבנות יעדען טאָג ווייס ער צו אַנטשיידען. ווער יענע קעניגליכע פּאָר זענען געווען ווייסען מיר ניט פון דער גמרא, נור מיר ווייסען פון אַנאַנדער אָרט אין דער גמרא אַז דאָס זענען געווען אַגריפּס דער ערשטער און זיין פרוי קאפּראס, ער האָט פאַרשטעלט גע־זאָגט, אַז פאַר'ן קרבן פּסח זאָל מען נור אַ ציג נעהמען, אָן עז, דאָס מיינט אויפשטעהן געגען די רוימער, זי דאַגעגען האָט גע'טענה'ט מיט אַ אויפשטאַנד וועט מען ערגער מאַכען, ווייל די צייט איז ניט גינסטיג צו רעוואָלוציאָן נור אַ שעפּס זאָל מען מקריב זיין, דאָס מיינט וויזען הכנעה, האָבען זיי געוואָלט וויסען דעם דעת הקהל, האָט מען געהייסען פרעגען דעם כהן גדול וואָס דער פאָלק גלייכט בעסער, אונטערטעניגקייט אָדער רעוואָלוציאָן, דער כהן אָבער קעהרט ניט פאַר'ן פאָלק, ער טוהט די עבודה אין „זיידענע הענדזשקעס" און וויל בלויז רוהיגקייט, אונטערטעניג זיין און ווייזט אַז דער פאָלק וויל נור אַ שעפּס. אגריפּס'ן איז ער ניט געפעלען און דער פאָלק טהיילט זיך אויף צוויי לאַגערן, אַנדערע שחט'ן אַ שעפּס ווי דער כהן גדול וויל און אַנדערע שחט'ן אַ ציג, ווי דער קעניג פאַרשטעהט, און וואו ביי אַ פאָלק איז קיין אחדות ניטאָ און עס פאַרלירט זיין זעלבסט בעפרייאונגס געפיהל, אַזאַ פאָלק מוז מקריב זיין אַ ציג פאַר'ן קרבן פּסח, וואָס זאָל קענען מגין זיין דעם יעהרליכען תמיד,

(לויט ניסנבוים)

„די ערשטע העלפט לעבען ווערט פאַרשווענדעט אין בייג־קעניש נאָך דער צווייטער, די צווייטע העלפט — אין באַדויערן די ערשטע".

פסח

און מיר לאַכען פון די געטשקעס, אזנים להם ולא ישמעו, זיי קענען ניט הערען, זעהן, רעדען, און ווי זאָלען מיר היינט פאַרשטעהן אונז אַליין דאַוונענדיג, בעטענדיג און ניט הערענדיג אַליין וואָס אונזער מויל רעדט. מיר בעטען טל תן לרצות ארצך, רוב דגן ותירוש בהפריצך, הערען מיר אונזערע ווערטער? טל, פאַר וועמען, פאַר אַראַבער, ענגלענדער, דייטשען, און אַנדערע, אין אויסערליכען לעבען איז פאַר אונז אַלעס געשלאָסען, נייע דייטשלאַנד האָט דעם אידען פאַר'משפט, ער לאָזט ניט לעבען, ניט ענטוויקלען זיך, מיר האָבען אויגען און דער וועלט אַנטיסימיטיזם האָט די לאדענם פאַר מאַכט, אַ איד טאָר ניט היילען זיך, קוקען אויף דער זון, אויערען האָבען מיר און מיר טאָרען אפילו ניט הערען די קרעכצען פון אונזערע ברידער אויף דעם גאַנצען קאָנטינענט ווי זייערע האַרצרייסענדע וועהטאָגען ווערען ניט מילדער, נור מיט מעהר וואוט און רציחה. זאָגט דער תנחומה: ביי מתן תורה זענען די אידען פאַרקריפּעלט געווען פון די שווערע מצרים אַרבייט, האָט גאָט געזאָגט: „אינו דין שאתן את התורה לבעלי מומין רמז למלאכי השרת וירדו ורפאו אותם", איך קען קיין תורה צו קאַליקעס געבען און האָט אַ וואונק געטאָהן צו די מלאכים און זיי האָבען זיי אויסגעהיילט. און מיר ווערען געמאַטערט אַזו פאַרקריפּעלט טעגליך עקאָנאָמיש, מאָראַליש און גייסטיג, איז אַ וואונדער אַז מיר היטען ניט די תורה? מיר זענען שוין אַריבערגעקומען צו דער מדרגה פון פאַרלירען דעם שכל, די לאָגיק, ניט וויסענדיג וואָס די מויל רעדט. די ערשטע תפלה אין טל איז דאָך זו בזו להחדות. עס זאָל זיין טל תחיה, פריהער פאַלען אויפ'ן האַרץ פון פאָלק, ער זאָל זיך פאַראייניגען צו נאַציאָנאַלען לעבען און זיצען בצלו אין זיין שטן, ניט „בטולא דאדום ולא בטולא דפרס", אין שטן פון אדום און פרס, און דעריבער איז די איינציגע וועג פון אונזער גאולה, נור אונזער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און בויענדיג אונזער היים פאַר אונזער פאָלק אין טל בעטען טאַקע פאַר אונז אַליין, ווייל אַזוי דאַרף וועלען דער

גאַנצער פאָלק און וואו רצון איז דאָ איז שוין יכלת אויך מעג־
ליך, נור לאָמיר איבערלאָזען אַ ווײַלע אונזער עתיד און אַביסעל
רעדען איבער'ן עבר און הוה, איבער די סדרים און הגדה וואָס
מיר פּראַווען:

אין אמת'ן איז שווער אין דער הגדה צו פאַרשטעהן דעם
אונטערשייד פון דעם חכם ביז דעם רשע און זייערע טענות
און בכלל דעם הקהה את שניו, פאַרוואָס דוקא את שניו?
די זאַך איז אָבער אַזוי. עס איז אַ מצוה צו פאַסטען עס איז
אָבער אויך דאָ אַ מצוה צו עסען ביי אונז, לפני ד' תאכלנו,
ושמחת בחגך, ביי זיי איז בלויז אַ מצוה צו פאַסטען ווייל זיי,
די גוים זאָגען, אַז מחשבה אליין איז גענוג, ביי אונז איז אָבער
דאָ אַ כלל: לא המדרש אלא המעשה עיקר, במחשבה דינען
גאָט רעכענט זיך ביי אונז פאַר גאָר ניט נור במעשה דאַרף
מען גאָט דינען, זאָגט דער בעל אגדה, דער רשע זאָגט: מה
העבודה הזאת לכם, וואָס איז דאָס פאַר אַן עבודה מיט'ן עסען,
עבודה איז גענוג במחשבה, ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל —
פון כלל — לא המדרש עיקר אלא המעשה, כפר ב ע י ק ר
לייקענט ער אין עיקר פון לא המדרש עיקר, נאָר ער הייסט
גאָט דינען במחשבה און במחשבה מיינט דאָך נאָר פאַסטען
ניט עסען, דעריבער הקהה את שניו, זאָג איהם, אַז צום פאַס־
טען דאַרף ער קיין ציין ניט האָבען, צו עבודה במחשבה מעג
ער זיינע ציין פאַרלירען, ווען ניט עסען און ניט טרינקען צו
וואָס דאַרף ער זיי. די מעשה מיט יענעם בעל הבית וואָס האָט
אַ אורח גענומען צום סדר און האָט זיך געשטעלט אַ גרויסען
כוס און דעם אורח אַ קלייניגען, ווען עס איז געקומען צו די
עשרה מכות האָט דער בע"ה אָבגעגאָסען צעהן מאָהל, דער
אורח האָט אָבער ניט געקאַפּעט, ווייל ער האָט געזעהן אַז אויב
ער וועט אָבטריפען צעהן מאָהל בלייבט איהם אין כוס גאָר ניט.
ווען מען איז געקומען צו ר' יהודה היה נותן בהם סמנים, האָט
דער אורח יא אָבגעקאַפּעט, פרעגט איהם דער בעה"ב פאַרוואָס
האָט ער פריהער ניט אָבגעקאַפּעט און איצט יא? ענטפערט
דער אורח: משמעות ר' יהודא איז אויך געווען אַן אורח אויף
פסח ביי אַזאַ בעה"ב ווי איהר זייט, און זעהענדיג אַז נאָך צעהן
מאָהל קאַפּען בלייבט אין כוס גאָר ניט האָט ער עס געמאַכט

פאַר דריי מאָהל קאַפּען, דער גביר מעג אָבער האָבען אַלע צעהן מכות צו קאַפּען, אַזוי איז מיט'ן רשע וכו'...

* * *

— ב —

אין דער נעכטיגער הגדה האָט איהר געהערט די פיער קשיות מיט איין תירוץ און איהר זיינט שוין יוצא, און איך וויל אייך פרעגען אַ גאַנצע סעריע פון קשיות און טרייט ווער פון אייך ענטפערען. יעדער, דוכט זיך, וויים, אַז דער געגענ־זאַץ פון חכם איז כסיל און פון רשע איז צדיק, טו וואָרום רע־כענט דער בעל הגדה נור איינעם פון זיי און ניט זיין געגנער, ארבעה בנים: חכם, רשע, תם ושאינו יודע לשאול, און וואָס איז טאַקע דער אונטערשייד פון אַ חכם ביז אַ נאַר? נאָר דער טעם איז — אַ חכם ווען מען דאַרף זיין קלוג איז ער דאָך, ער וויים אָבער אויך ווען זיך נאַריש צו מאַכען. לדוד, בשנותו את טעמו לפני אבימלך ויגרשהו וילך (רומז לאכיש מלך גת שאמר החסר משוגעים אני כי הבאתם את זה להשתגע עלי). אַ נאַר אָבער ווען מען דאַרף זיין אַ נאַר איז ער דאָך עס, דאַרף מען אָבער קלוג זיין — קען ער עס שוין ניט, ווי שלמה המלך זאָגט: יתרון לחכם מן הכסיל כיתרון האור מן החשך. איז עס אַ דמיון? דער תירוץ איז אָבער, די גמרא אין פסחים זאָגט: אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר. פרעגט די גמרא: מאי אור? ענטפערט די גמרא: אור — אורתא הוא, אור מיינט אַמאָהל נאַכט און אַמאָהל טאָג. דאָס איז אַ חכם, ער קען זיין קלוג און נאַריש ווען מען דאַרף, חשך איז אָבער שטענדיג פינסטער, דאָס איז דער נאַר — איז דעריבער רעכענט דער בעל הגדה נור דעם חכם וואָס קען אַמאָהל אויך אַ נאַרישע פראַגע שטעלען. דעם צווייטען רעכענט ער דעם רשע, ווייל דער צדיק איז דאָך ווי חבקוק זאָגט: וצדיק באמונתו יחיה, ער פרעגט ניט, ווילט זיך מיר פרעגען: ישעיהו הנביא האָט אַ בוך פון 66 פרקים געשריבען וואָס קיינער איז ניט אומשטאַנד אַזוינס צו שאַפען, אַ וועלט מיט חכמה, און פּרובירט פרעגען אַ אידען אין אַמעריקאַ אויב ער וויים עפּעס פון ישעיהו'ן וועט ער אויסגלאָצען אַ פּאָר אויגען און אייך אָנקוקען, ניט וויסען

וואָס איהר ווילט פון איהם. און אליהו הנביא האָט קיין ספר ניט געמאַכט און איז אַזוי פּאָפּולער ביי אידען? נאָך מעהר, דער ערשטער וואָס איז מצווה געווען אויף מל'ן זיך איז געווען אברהם, ווי מען מאַכט די ברכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, און אַ שטול פאַר'ן סנדקי רופט מען כסא של אליהו ניט של אברהם. מעהר, משה האָט די אידען פון מצרים אַרויס־גענומען, אַ תורה געגעבען, דער גרעסטער אוהב ישראל געווען, יאבדו אלפי אלפים משה'ס ואל ינזק צפרן אחת מישראל האָט ער געזאָגט, און פסח איז פאַר איהם קיין זכר ניטאָ, נור פאַר אליהו הנביא איז דאָ אַ כוס. ווען די גאולה וועט קומען וועט אויך ניט משה ניט איינער פון די אבות קענען אָנזאָגען אידען די שמחה, נאָר הנני שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ד' הגדול והנורא. דער תירוץ איז, אליהו מאַכט אל—יה, ניט קיין מענש נור דער כח ד' צבאות, דער געטליכער כח וואָס לעבט אין פאָלק, ברענגט איהם מיט אויסצוהאַלטען אַלע מצוות, אַ גזרה ניט צו מל'ן, דער כח פון אל—יה מאַכט שטאַלץ דעם אידען און ער מל'ט ניט קוקענדיג קיינע סכנות. כי יד על כס יה, עלילת הדם פסח ביינאַכט — אל—יה וועט פון דעם כוס טרינקען און מיט שטאָלץ שריי אוים: שפוך חמתך... וכו'.

פונקען

פליכט איז אַזאַ זאַך, וואָס יעדער ערוואַרט עס פון אַנדערען אָבער ניט פון זיך אַליין (א. ווײלד).

* * *

בעסער זיך באַגעהן אָן מעדיצינישע הילף איידער פון אַ פּארטאַטש אַ דאָקטער. (רמב"ם).

* * *

קיינער זאָל ניט זאָגען: איך וועל פונ'ם ברונען ניט טרינ־קען, ווייל דאָס וואַסער איז ניט ריין, דער דורשט קען דיר צווינגען דערצו (שפּאַנישעם ווערטעל).

* * *

כדי צו זיין אַ מבין אויף ווײנטרויבען, און פאַרשטעהן די מעלות פון וויין, דאַרף מען דוקא ניט זיין קיין שכור (א. ווײלד).

במה מדליקין

ישראל אינון פתילה, אוריתא משחא, שכינתא שרגא. (שכחת הלקט)

„דער פאָלק ישראל איז גלייך צו אַ קנייטעל, די תורה — צו די אויל, די שכינא — צו די ליכט". די ליכט לייכט נור דאַן ווען זי איז פאַראייניגט, צוזאַמען מיט אויל און אַ קנייטעל, גאָטס ליכט לייכט אויף דער וועלט רק דורך דעם אידישען פאָלק און זיין תורה. פון די דריי טיילען אָבער ברענט און לייכט דער קנייטעל — דער ישראל. די אויל, די שמן התורה, די אויל פון דער אידישער ציוויליזאַציאָן איז שמן זית זך, גאַנץ קלאָרע, פיור אויל טאַקע אָבער אָן אַ קנייטעל קען די אויל אַליין ניט ברענען. אַלזאָ הייסט עס, אַז נור דער קנייטעל מאַכט עס פאַר אַ ברענענדיגע ליכט, דעריבער טאָר מען ניט ברענען אונ־זער ליכט, די געטליכע ליכט „בפתילת המדבר", ווילדע, מדבר מענשען, זענען ניט פעהיג און טאָרען ניט אָנצינדען אונזער ציוויליזאַציאָנס ליכט, מעגען זיי זיך אַפילו טובל'ענען אין אַ מקוה פון פיור זית אויל, זאָגט דער מדרש: וכל תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה ממנו (ויקרא ב' א') יעדער געלערענ־טער, נור אָן פערשטאַנד איז אַ נבלה וויכטיגער פון איהם... און ואין מדליקין בירוקה שעל פני המים, מענשען קאַלטע, געפרוי־רענע פון זומפען פראָסט, מעגען זיי שווימען אין די בעסטע פאַר־פיומערי וואַסערן טאָרן זיי אונזער תורה ליכט ניט צינדען, ווייל זייערע נשמות פאַרמאָגען ניט דעם הייליגען פייער, און די זעלבע ליכט, קנייטלאַך וואָס טאָרען שבת ניט ברענען פאַר'ן כלל, לייכטען און לערנען דעם פאָלק, טאָרען אויך חנוכה ניט באַ־נוצט ווערען (שבת כ"א), ווייל די נאַציאָנאַלע ליכטער מוז אויך האָבען מענשען מיט תורה און דעת, ווילדע, נאַרישע און רע־גרעסיסטען קענען אונז ניט פיהרען און לערנען, אונזער ליכט מוז זיין אַ ליכטיגע, ריינע און טיעפזיניגע.

(לויט ניסנבוים)

ווען איהר ווילט מיר משפט'ן זייט ניט מיט מיר, נאָר אין מיר (**אדאם מיצקעוויטש**).

אהל יעקב

די גמרא זאָגט: הנכנס לארץ העמים בשידה תבה ומגדל רבי מטמא, אַז איינער זאָל וועלען מיט אַן עראָפּלאַן אריינ־פליהען אין איינער פון די פעלקער לענדער, זאָגט רבי, אַז דער יעניגער איז טמא, ווייל ער זאָגט: אהל זרוק לאו שמיה אהל, אַ געצעלט וואָס קען וואַנדערען און זיך האַלטען העכער ווי די ערד איז קיין געצעלט ניט. קומט אוים אַז אויב דער אידישער פאָלק בויט זיך אַ ספּעציעלע געטהאָ און ער רעכענט אַז דאָס וועט איהם פּראָטעקטען פון טומאה מאַכט ער אַ טעות, אַ הויז, אַ געצעלט וואָס קען ניט זיין קיין אייביגקייט הייסט קיין פּראָ־טעקשאָן... און אַפילו ר׳ יוסי בר׳ יהודה וואָס ער איז מטהר, ווייל ער זאָגט: אַז אהל זרוק, אַ באַוועגליכער געצעלט הייסט יאָ אהל איז עס נור ווען ער איז אַ אהל ווען עס ליגט ווערט עס גערעכענט פאַר אַ אהל אָבער ניט ווען דער אהל איז אין באַ־וועגונג. און דער אידישער אהל אין ארץ העמים איז דאָך שטענדיג אין דעם מצב פון באַוועגונג, גזרות, פּאָגראָמען, שחיטות, מעג ער אַפילו זיין אָבגעשלאָסען פון אַלע זייטען הייסט עס אַלץ אַ באַוועגליכער אהל און ער איז טאַקע טמא און מטמא. אַ עצה איז אָבער יאָ דאָ וואָס קען איהם בעפרייען פון טומאה ווען ער ליגט אויף אַזאַ זאַך וואָס האָט אין זיך אַ רוח חיים, מיינט עס אַז אויב דער אידישער פאָלק היט די תורת חיים אין ארץ העמים ווערען זיי ניט טמא, ווייסען מיר דאָך אָבער אַז דער לערנען תורה בארצות העמים איז קיינמאָהל ניט קיין זיכערהייט, ווייל „חיישינן שמא יחזור דבר לקלקולו" (עי׳ גיטין ה׳), איז דעריבער קיין אַנדער וועג ניטאָ נור העלפען אויפבויען ארץ ישראל און זעהן אַז מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים.

דזשאַן דע אַרק, יאָהאַנאַ פון ארלעאַנס אָדער די יונג פרוי פון ארלעאַנס האָט אין 1415 געראַטעט פראַנקרייך פון ענגלאַנד און איין יאָהר מיט זעקס חדשים האָט זי איבער פראַנקרייך געהערשט, דעם 30טען מאַי, 1431, איז זי באַשולדיגט געוואָרען אַלס כשוף מאַכערין און איז פון דער אינקוויזיציע פאַרברענט געוואָרען.

שבועות

דער יום טוב „שבועות״ אָדער ווי די תורה רופט איהם אויך „חג הבכורים״, דער יום טוב פון די פריהצייטיגע ערשטע פרוכט, וועלכער איז גלייכצייטיג אויך דער יום טוב פון „מתן תורתנו״, אין וועלכען מיר האָבען באַקומען די תורה, איז פאַר׳ן אידישען פאָלק פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, ווייל אין איהם פאַראייניגט זיך קערפערליכקייט און גייסטיגקייט, ערד און תורה, פרוכט און ברכה, דער גוף און די פאָלקס נשמה, און אַרום דעם יום טוב קאָנצענטרירען זיך די אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע פאָלקס כחות, און אַם שטאַרקסטען זעהען זיך, שבועות, אַרויס בולט די אידישע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען און אייניגקייטען. דער פאָלק ברענגט זיינע בכורים, די ערשטע פרוכט צום נאַציאָנאַלען צענטער, דורך דעם צו באַפעסטיגען די יסודות פון אונזער תורה, וואָס איז אונז אין דעם טאָג געגעבען געוואָרען, און אויך צו באַשטעטיגען די גרונט געזעצען, אַז די ערד און אַלעס וואָס אין איהר געהערט צו גאָט, און ער האָט עס צוטהיילט צו די ישראל קינדער גלייך אויף גלייך, אָן אונטערשייד פון ראנג אָדער פּראָטעקציע.

די בכורים האָט מען מיט פייערליכקייט געדאַרפט ברענגען אין שבועות, אָדער ווי די משנה רופט עס עצרת: „אין אדם מישראל רשאי להקדים להביא את בכוריו קודם לכל העם, אנשי הר צבועים הביאו בכוריהם קודם עצרת ולא קבלו מהם, (חלה פרק ד׳ משנה י׳), קיינער פון ישראל האָט זיינע בכורים ניט געקענט ברענגען פריהער ווי אַלע, און האָבען די צבועים איינוואָהנער געפּרובירט ברענגען פאַר עצרת זייערע בכורים האָט מען עס ביי זיי ניט צוגענומען, זאָגט די משנה. און די גאַנצע צערעמאָני פון ברענגען די בכורים איז געווען אַ אויסערגעוועהנליכע פייערליכע פּראָצעדור דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלען שטאָלץ און פראַכט און לויט׳ן פאָלקס גייסט און זיין תורה. די משנה אין בכורים פרק ג׳ דערצעהלט איבער דעם טריאומפף מאַרש פאָלגענדעס: „אַלע איינוואָהנער פון די אַרומיגע שטעטלאַך זענען פאַרפליכטעט געווען צו קומען אין שטאָדט, נעכטיגען אין די גאַסען ניט אין קיין הייזער, גאַנץ

פריה פלעגט דער אויפזעהער אויסרופען: „שטעהט אויף, מיר וועלען געהן אין ציון צו אונזער גאָטס טעמפּעל״, און מוזיק האָט דעם מאַרש אין טאַקט געפיהרט די גאַנצע וועג ביז זיי פלעגען צוקומען צו ירושלים, פון ירושלים זענען אַרוים זיי מקבל פנים זיין אַלע הויכגעשטעלטע אנגעהעריגקייטען, און אויב די צאָהל פון די אָנגעקומענע איז גרויס געווען, אָן אונ־טערשייד, אויב זיי זענען מיוחסים אָדער סתם פּראָסטע מענשען געווען, זענען די ירושלים׳ער אין אַ גרויסער צאָהל אויך אַרויס זיי צו מקבל זיין, און פלעגען זיך ברידערליך באַגריסען, און נעכטיגען אין גאַס האָבען אַלע געמוזט, סיי רייכע, סיי אָרימע, און אויב אָרימע האָבען זייערע בכורים אין איינפאַכע קלתות (קאָשיקעס, בעסקעטס) געבראַכט, און רייכע אין גאָלד און זילבערנע כלים; ביים הר הבית האָט מען אָבער קיין אונ־טערשייד געמאַכט, אַפילו אגריפס דער קעניג האָט זיין קאָש מיט בכורים אויף זיין שולטער געטראָגען אַריינגעהענדיג, און דער כהן פלעגט עס צונעהמען און די כלים צוריקגעבען, און דעם זעלבען „ברוך הבא״ וואָס די לוים האָבען פאַר׳ן קעניג ווי פאַר די גבירים געזונגען האָבען זיי אויך פאַר די אָרימעלייט געזונגען, און אַלע צוזאַמען מוזען לייענען די פרשה פון „אַרמי אובד אָבי״, דוקא אין לשון קודש, אָט יענע פרשה פון פאַלקס צרות, גלות, ליידען, ביז זייער ערהאַבענעם אַרץ ישראל״.

און דאָס אַלעס האָט דער איד, שטעהענדיג פאַר׳ן פאָלקס מזבח, נאָכגעדענקט, האַלטענדיג זיינע בכורים אין האַנד, און ערשט דאַן איז ער צו דער איבערצייגונג און אַנערקענונג גע־קומען, אַז די גאַנצע ברכה האָט ער פון גאָט באַקומען, וואָס האָט איהם פון שווערען גלות מצרים באַפרייט און איהם די לאַנד געגעבען מיט מזל ברכה, און בוקט זיך מיט שמחה זאָ־גענדיג: „ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה אשר נתתי לי ד׳״, פאַרשטעהענדיג אַז אויך דער לוי און דער גר דאַרף האָבען אַ חלק אין דער שמחה, כאָטש זיי האָבען קיין ערד ניט.

אָט אַזוינע געדאַנקען ווען זיי פאַרקערפּערען זיך אין טהאַטען, ווען יעדער איד קען זאָגען „בערתי הקדש מן הבית וגם נתתיו ללוי לגר ליתום ולאלמנה״, אַזוינע מעשים הויבען

אויף דעם ערד-מענש צו דער מדרגה פון אַ הימעל-מענש, און אַזאַ פאָלק אין אַזוינע גייסטיגע מינוטען קען זיך רופען מיט רעכט „עם סגולה", אָדער „עליון על כל גוים", אָדער אַן "עם קדוש" (דברים כ"ו).

און אום כדי צו בערייכערען דעם שעהנעם יום טוב פון בכורים, און שמחת האָרץ לייענען מיר די זעהר נאָבעלע שעהנע דראַמאַטיש פּאָעטישע אידיליע פון רות, וואָס שטעלט פאַר דעם איינפאַכען נאַטירליכען פּאַרמער-לעבען און צוגלייך די באַצי-הונגען פון די רייכע גוטס-באַזיצער און אַרבייטער צו אָרימע-לייט, און עס דערצעהלט אונז פאַר איינס אַ געשיכטע פון אַ אידישע פאַמיליע וואָס האָט ארץ ישראל פּאַרלאָזען, אין דער צייט פון שמגר בן ענת און אחוד בן גרא איז די אידישע פּאָ-ליטישע לאַגע אין דרום ארץ ישראל ניט שלעכט געווען, מואב איז באַזיגט געוואָרען פון ישראל און די „פּלשתים" האָבען פאַר-זוכט דעם טעם פון די אידישע „מלמדי הבקר", און האָבען מורא געהאַט צו רעוואָלטירען, דערפאַר אָבער איז די מאָראַלישע זייט ביי אידען זעהר נידעריג געזונקען, די ריכטער זענען ניט בעסער געווען פון די מאַר׳משפּט׳ע, זאָגט די גמרא אין בבא בתרא ט"ו: ווען דער ריכטער האָט צום באַשולדיגטען געזאָגט: כספך היה לסגים, די זילבער איז פאַלשע, האָט איהם דער לעצ-טער געענטפערט: סבאך מהול במים, דיינע וויין, מילך איז אויך פול מיט וואַסער. דער פאָלק האָט קיין אויטאָריטעט ניט געהאַט און „וואָס איינער האָט געוואָלט האָט ער געטאָהן"...

האָט דאַן אין בית לחם יהודה געלעבט אַ מאַן, אַריסטאָקראַט, אלימלך, איינער פון די גרעסטע לאַנדס מיניסטאָרען וועלכער האָט זיך גערופען אלימלך, דאָס מיינט אלי—מלך, צו מיר קומט די מלוכה, און זיינע צוויי זיהן זענען אויך אַזוי געשטימט געווען, נאָר צוליעב אַ פּשוט׳ן, ניט קיין פּאָליטישען הונגער האָבען זיי געמוזט די לאַנד פאַרלאָזען, ווייל די פאָלק האָט אָנגעהויבען קומען צו איהם נאָך עסען, האָט ער געכאַפּט און אַנטלאָפען אין מואב, וואו זיי האָבען אַלעס פאַרלאָרען, און נעמי שבה ריקם, איז ליידיג, אָרעם, נאַקעט צוריק געקומען... זאָגט די גמרא אין בבא בתרא: ווען זיי האָבען געזעהן נעמי׳ן האָבען

זיי געשריען: „האָט איהר געזעהן וואָס פון די נעמי'ס וועלכע אַנטלויפען פון ארץ ישראל צו חוץ לארץ ווערט פון זיי"?

קומט דער יום טוב פון שמחת התורה און שמחת האָרץ און דערצעהלט אונז וואָס עס בלייבט פון אונזערע קינדער ווען מיר אַנטלויפען צו די שדי מואב, און מיט שרעק צאַפּלען מיר זיך פרעגענדיג: וואו זענען אונזערע קינדער, אונזער כבוד, אַוועק אַלע צו מואב. פּלוצים הערען מיר אַ קול: עמך עמי ואלהיך אלהי, און מיר ווערען ווידער אפּטימיסטיש און יום טוב'דיג געשטימט.

יא, אַ סאַך פון אונזערע קינדער זענען שבים משדי מואב, קערען זיך צוריק צו אונז, אָבער זיי ברענגען מיט זיך מיט מואב'ישעס אין אַ סאַך פון אונז גרילצט עס אין די אויערען און ווילען עס ניט ליידען, קומען אָבער אונזערע בועז'ים און לערנען אונז מיט שמחה יענע מואבים צוריק אַריינצונעהמען ווייל נור פון זיי קענען אַרויסקומען דוד'ס...

פונקען

שכל און געפיהל זענען ווי די זון און לבנה אויפ'ן מאָראַ־לישען הימעל, די זון איז שטענדיג הייס און ברענט אונז, די לבנה איז שטענדיג קאַלט און קיהלט אונז, (קלינגער).

* * *

ספר וראש אם נוקשים זה לזה ומשמיעים קול נבוב, האם תמיד האשמה בספר? — ווען אַ בוך און אַ קאָפּ קלאַפּען זיך אָן און עס הילכט אָפּ אַ פּוסטער קלאַנג איז דען שטענדיג דעם בוכ'ס שולד?

* * *

די נייע פּאָעטען גיסען נור אַריין פיעל וואַסער אין דעם אַלטען טינט, (געטע).

* * *

לוטהער זאָגט: ווען אַ מענש איז צו 20 יאָהר ניט שעהן, צו 30 — ניט שטאַרק, צו 40 — ניט קלוג און צו 50 — ניט רייך, דער האָט שוין אויף גאָר ניט צו האָפען.

* * *

שבועות

— ב. —

מיר האָבען דריי ימים טובים אין יאָהר וואָס מיר זענען זיך אין זיי משמח, פסח, שבועות און סוכות, און ווייל שבועות איז העכער פון די אַנדערע צוויי, ווי איך וועל שפּעטער דער־מאָנען, קומט זי אין דער מיט ליסטע, ווייל אַזוי פּסק'ענען די חז"ל, שלשה שהיו מהלכין בדרך, אַז דריי געהען אין וועג, איז הרב באמצע גדול בימינו וקטן בשמאלו, דער גרעסטער איז אין מיטען דער צווייטער אין ראנג געהט איהם רעכטס און דער קלענסטער איז לינקס. און אַזוי רעכענט די גמרא אין יומא, אַז די דריי מלאכים וואָס זענען צו אברהם געקומען איז מיכאל געווען אין מיטען, גבריאל רעכטס און רפאל לינקס, און ווייל שבועות אַנטקעגען די אַנדערע צוויי איז דאָך דער וויכטיגסטער, מתן תורה, איז ער אין מיטען און יענע צוויי ביי זיינע זייטען.

עס איז אָבער מערקווערדיג, אַלע הייסען זיי ימים טובים, דאָך ביי פסח דערמאָנט די תורה לגמרי ניט אַז מען איז פער־פליכט זיך אין איהם צו משמח זיין, ביי סוכות שטעהט שוין שמחה, ווייל כי יברכך ד' אלקיך בכל מעשי ידיך, דאָס איז אַ שמחה פון תבואה, פון מענשליכע סוקסעס און אַ פעלד גרע־טעניש, אַ שמחה פון קערפּערליכעס, אַרציות, דאַגעגען ביי שבועות שטעהט שוין „ושמחת לפני ד' אלקיך", די שמחה הייסט שוין אַ אבסטראַקטע, אַ העכערע, ווייל שבועות איז טאַקע דער גרעסטער פון די אַנדערע ימים טובים.

פסח און שבועות האָבען נאָך צוויי נעמען, חג האביב, פריהלינגס יום טוב, און חג הבכורים, דער יום טוב פון די ערשט צייטיג געוואָרענע פרוכט.

וואָס איז דער אונטערשייד פון אביב ביז בכורים?

אין אָביב—פריהלינג, באַקומען מיר בלומען, און בכורים—שוין פרוכט. דער אָביב הייסט אַלזאָ פאָרברייטונגס יום טוב און בכורים הייסט שוין רעאליסטישער יום טוב, וואו עס איז שוין רעאַליזירט, פאַרווירקליכט געוואָרען דער תכלית.

און אַזוי עס אויך, פסח איז בלומען יום טוב פון פאָלק

ישראל, ווייל מעג אַ פאָלק פריי זיין נור אָן אַ תורה, איז ער גלייך צו בלומען אָהן פרוכט, די בלומען ציהען די אויג, זיי זעהן צויבערענד אויס, זיי שמעקען גוט, זיי קענען אָבער ניט זעטי־גען. שבועות אָבער הייסט שוין חג הבכורים, עס איז שוין (ריאַלייזט) רעאַליזירט געוואָרען דער שטרעבען, די אויג פיהלט אפשר ניט די עסטעטישע זייט ווי ביי בלומען, דערפאַר אָבער רעכענען זיי זיך פאַר נויטיגקייטען, הכרחיות, ביי מתן תורה זענען די אידעאַלען פאַרווירקליכט געוואָרען. דאָס מיינט, יציאת מצרים איז געווען דער פאָרברייטונג צום מתן תורה וואָס איז דער תכלית.

און אויב פסח איז מען מקריב דעם עומר פון שעורים, גערשטען וואָס דאָס איז אַ מאכל בהמה, איז מען שבועות מקריב די שתי הלחם פון ווייטץ, אַ מענשליכער מאכל, ווייל פסח איז ביי אונז זמן חרותנו אונזער פרייהייטס יום טוב, דערצו שטרע־בען ניט נור מענשען אַליין נור אַפילו חיות פויגעל ווילען אויך ניט זיין פאַרשפאַרט, זיי שטרעבען אויך צו פרייהייט, דאַגעגען שבועות איז „חרות על הלוחות", דער יום טוב פון מאָראַל, פון עטיקס און פערנונפט, דאָס קענען נור מענשען אַליין באַגרייפען און שטרעבען דאַצו, דעריבער איז דער קרבן נור צו אַ מענש־ליכען סימבאָל צוגעפּאַסט. גלייכצייטיג דאַרף מען אָבער וויסען אַז דריי סאָרטען פרייהייטען עקזעסטירען: 1) עקאָנאָמישע, 2) פּאָליטישע און 3) מאָראַלישע פרייהייט. פּאָליטישע פריי־הייט מיינט דעם פאָלק באַפרייען פון פרעמדען יאָך, עקאָנאָ־מישע — אַז מען זאָל ניט זיין אונטערוואָרפען און אָנקומען איינער צום צווייטען, און מאָראַלישע — צו בעפרייען יעדען אינדיווידום, יעדען פרט פון די מאָמענטאַלע עפעקטען, וואָס ווערען צייטוויילינג געבאָרען צוליעב די אומשטענדען אין וועל־כע מען געפינט זיך, און דאָס זענען עס די ימים טובים פסח, שבועות, סוכות.

פסח, דריקט אויס די פּאָליטישע בעפרייאונג, שבועות, זמן מתן תורתנו — די מאָראַלישע פרייהייט און סוכות דער חג האסיף, „באספך מגרנך ומיקבך" — די עקאָנאָמישע פרייהייט און אויב שבועות, ווי מיר האָבען פריהער גערעדט, איז צווי־שען פסח און סוכות איז עס ווייל די מאָראַלישע פרייהייט, די

גייסטיגע איז העכער פון די קערפערליכע. א פאליטישע פסח פרייהייט פאדערט גלייך א תורה, א מאראלישע פרייהייט, זאנסט איז איש את רעהו חיים בלעו, און אן עקאנאמישע סוכות׳-דיגע פרייהייט קען נאר דאן זיין ווען עס איז פריהער דא א מאראלישע ארדענונג, און אין דעם ליגט דער גאנצער אידי-שער מהות, דער גאנצער דאזיין אונזערער איז נור א דאנק די דריי פרייהייטען נאך דעם אויסגערעכענטען סדר, און אויב מען וועט פיהלען די נויטיגקייט פון די דריי פרייהייטען און אזוי די וועלט אוועקשטעלען וועט דאן קענען מקוים ווערען די נבואה פון ישעיהו און מיכה איבער׳ן גליקליכען פאעטיש-לירי-שען באחרית הימים...

פונקען

בלעטער, וואס פאלען פון בוים, איז דער שפיל פון ווינד, פארלארענע האפנונגען זיינען בלעטער אבגעריסענע פון דעם הארץ-בוים, (שפאניש ליד).

* * *

א מענש קען אלע אומגליקען אויסמיידען נור ניט די, וועל-כע ער ברענגט אליין אויף זיך, (אריענטאלישער שפרוך).

* * *

דאס וואס דו האסט אבגעגעבען — איז דיינס, דאס וואס דו בעהאלסט ביי זיך האסטו פארלארען, (ארענטאלישע ווייז-הייט).

* * *

די גרעסטע אמת׳ן זענען די איינפאכסטע, ווערטער פון אמת זענען ניט געפוצט און ניט געפארבט, (מארסעלין).

* * *

נאר מיט פרעמדע אויגען קען מען זעהן די אייגענע פעה-לער, (כינעזער שפרוכווארט).

* * *

דער תלמוד זאגט: כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, ד. מ. יענעמס פעלערען זענען זעהבאר נור אייגענע פעה-לערן זענען אונזעהבאר.

שבועות

— ג —

צווישען דעם פּאָליטעאיזם (פיעל געטערריי) וואָס האָט געדהערשט אין דעם פּרימיטיווען עלטער ביז מתן תורה, און דעם מאָנעטעאיזם (איין גאָטהייט) וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני, איז ניט נור אַ אונטערשייד אין די קוואַנטיטי (כמות), נאָר נאָך גרעסער איז דער הבדל אין דער קוואַליטי (איכות).

ביי די אידען ווערט געלערענט אַז אלקים האָט בעשאַפען דעם מענשען לויט זיין (ג-טס) צלם ודמות, לויט זיין געשטאַלט און פאָרם, ביי די געטצענדינער אָבער זאָגט זיך אין זייער תורה פאַרקעהרט, די מענשען האָבען זיך אַ גאָט בעשאַפען לויט זייער געשטאַלט און פאָרם. אידען לערנען: „אַזוי ווי ג אָ ט איז אַ רחום, זיי דו אויך אַ רחום, ווי ע ר איז אַ חנון זיי דו אויך אַ חנון״, און זייער תורה לערנט, אַזוי ווי ד ו — אַזוי איז ער, און דעריבער איז ביי זיי אַ פּאָליטעאיזם בעשאַפען געוואָרען לויט די פּיהלונגען, פאַרשטעהן און פאָדערונגען פון מענשען. און דאָס איז אין די ווערטער פון מדרש ויצא: אמר ר׳ יוחנן, ר׳ יוחנן זאָגט, הרשעים מתקיימים על אלקיהם שנאמר ופרעה חלם והנה עומד על היאור, דער רשע קען עקזיסטירען, זיך האַלטען אַן זיין גאָט, אבל הצדיקים אלקיהם מתקיים עליהם שנאמר והנה ד׳ נצב עליו, ביי צדיקים קומט ג׳ כביכל צו זיי, ווייל אַזוי איז עס, ביי זיי מאַכען זיי אַ בילד לויט זייערם פאַר אַ גאָט, ביי אונז איז דער יסוד פון אידישקייט וואָס גאָט שטעהט לעבען מענשען.

זיי דינען זייערע פיעל געטער, ווייל זיי רעכענען זיי פאַר די שטאַרקסטע אויף דעם געביט, און דערפאַר דריקט זיך אוים זייער ליבע צו זייער גאָט דורך מורא פאַר זיי, ווייל זיי זענען שטאַרק — זענען זיי אויך זייערע קינדער זיי מקריב, ביי אונז אָבער זאָגט זיך אַז מיר דינען צו אַ גאָט אַ רחום וחנון ורב חסד, און קיינמאָהל זאָגען מיר ניט מה הוא תקיף אף אתה תקיף, אַזוי ווי ער איז שטאַרק בינסטו אויך שטאַרק...

און אויב אַלע געטצענדינער זוכען דעם פערפאָלגער, דעם שטאַרקען, זוכט גאָט דעם פאַרפאָלגטען „אלקים יבקש את הנרדף" זאָגען די חז"ל, אַז אַפילו ווען אַ צדיק יאָגט נאָך, פאַר-פאָלגט אַ רשע, האַלט שוין ג' מיט'ן רשע, ווייל אין דער מינוט ווערט דער צדיק, דער פ א ר פ אָ ל ג ע ר , דער רשע, און דער רשע — דער פ א ר פ אָ ל ג ט ע ר איז שוין אַ צדיק, און אויב ניטשע רופט אַן אידישע מאָראַל „קנעכט-מאָראַל", ווייל די אידישע תורה פראָטעקט דעם שוואַכען, מאַכט ער זיכער אַ טעות, ווייל דער מאָטאָ פון אידישען גאָט איז דורכאוים אַ פרייער: „אנכי ד' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים", איך דיין גאָט האָט דיר פון קנעכטשאַפט באַפרייט, זיי פריי אָבער מאָראַליש, ניט פאַרגעטער קיין שטאַרקען, נאָר פראָטעקטע דעם שוואַכען אויך, ווייל ער האָט אויך אַ רעכט פאַר זיין עקזיסטענץ ווי יענער. און דאַרפען מיר נאָך אַ בע-סערען בעוויז צו אונזערע רייד, אַז זיי פאַרגעטערען דעם שטאַרקען און מיר העלפען דעם שוואַכען, ווי אברהם — סדום, ביי זיי ריהמט זיך דער נייער טעסטאמענט מיט'ן סטייטמענט פון נוצרי, אַז אויב יעמאַנד שלאָגט דיר אויף איין באַק גיב איהם אויך די צווייטע, ווייל ער איז דער שטאַרקער און ביי אונז זאָגט זיך עין תחת עין, און עס איז קיין חלוק ניט צו ממש אָדער ממון. און דורכאוים שטעהן מיר אין קאָנטראַסט צו זייערע קולט'ן און מיר באַקעמפפען זיי אויף יעדע מעגליכקייט. אָט אין מיטעלאַלטער ווען זיי האָבען אונזערע בלוט געטרונקען און שכור פון בלוט געווען האָבען זיי פאַרהייליגט דעם פאַפסט ניט צוליעב מאָראַל, קדושה וואָס ער האָט פאַרמאָגט מעהר פון זיי, ווייל היסטאָריש ווייסען מיר אַז דער וואַטיקאַן איז גע-ווען אַ אָרט בלויז פאַר זנות און הפקרות, זיי האָבען זיי פאַרגעטערט, ווייל זיי זענען די שטאַרקע געווען. היטלער ווערט פאַרהייליגט היינט צו טאָג ווייל ער איז דער שטאַרקער ביי זיי, און זייערע מ ז ב ח ו ת זענען באַצירט מיט שווערדען געווען, ווערענד ביי אונז שטעהט: ואם מזבח אבנים תעשה לי לא תבנה אתהן גזית כי חרבך הנפת עליה ותחללה (יתרו), אויף אונזער מזבח טאָר קיין מענשענבלוט ניט געזעהן ווערען, אַפילו אַ שווערד זאָל ניט גע-

זעהן ווערען. מיר האָבען קיינמאָהל מיט געוואָלט ניט געוואָלט פעלקער באַקערען צו אונזער רעליגיאָן, דאָס וואָס זיי טוהען עס אין יעדער עפּאָכע. ביי זיי קענען צום היכל צוטרעטען בלויז מיוחסים, לויט ראנגען און טיטולען, ביי אונז שטעהט אתם נצבים כלכם... מחוטב עציך עד שואב מימיך, אַלע גלייכע יחסנים צו אונזער רעליגיאָן און תורה. ר׳ יהודה הלוי אין זיין כוזרי מאמר ד׳ סעיף ט״ז, מאַכט ער אַ אונטערשייד צווישען אברהם׳ס גאָט און אַריסטאָ׳ס גאָט. אברהם׳ס קינדער זוכען גאָט צו אַ העכערען בעגריף, צו אַן אבסטראקטען בע־גריף וואָס איז העכער ווי זיי ווייסען איהם אַליין. דאַגעגען דער פילאָזאָף זוכט נור זיין אקסיאמא פעסט צו שטעלען, איז דע־ריבער שאַדט זיי ניט די נאַרישקייט צו די גאָטס אַנטפּלעקונג, ווי עס שאַדט ניט די נאַרישקייט צום וויסען געאָלאָגיש ווי די ערד איז פלאַך אָדער רונד. ביי זיי איז „מותר האדם מן הבהמה אין״, ווייל דער שכל פעהלט זיי, ביי אונז אָבער איז „אדם ובהמה תושיע ד׳״. מענשען וואָס מאַכען זיך פאַר בהמות העלפט אויך גאָט. זייער פילאָזאָפי לערנט: „דער תכלית פון וויסען איז וואָס מיר ווייסען ניט״, און די אידישקייט לערנט: „ווייס דעם גאָט פון דיינע עלטערען״, און קיין מאָהל קענען מיר מיט זיי קיין שלום ניט מאַכען, ווייל וזאת התורה אשר שם משה, משה׳ס תורה איז ניט קיין בוך אָף נאַלעדזש און ניט קיין עטיקס בוך, נור אַ ספר התורה פון תורת חיים. און דאָס זאָגען די חז״ל אויפ׳ן פסוק „ויקחו לי תרומה״, הדא הוא דכתיב כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו, בנוהג שבעולם אדם לוקח חפץ שמא יכול ליקח בעליו, אבל הקב״ה נתן תורה לישראל ואומר להם, כביכול לי אתם לוקחים הוי, ויקחו לי תרומה (מ״ר תרומה״), ד. מ., ווען אַ מענש קויפט אַ זאַך פון צווייטען קען ער מעהר ווי די זאַך ניט האָבען אָבער ניט דעם פאַרקויפער אַליין משעבד זיין צו זיך, דאַגעגען גאָט זאָגט ויקחו לי תרומה, מיר אַליין נעמט איהר אויך, דערמיט באַטאָנט דער מדרש, אַז מען קען מקיים זיין די תרי״ג מצוות אָן כונה אויך ווייל „מצוות אינן צריכות כוונה״, א איד שטעהט און פראקלא־מירט זיינע אידעען פון מאָנאָטעאיזם.

תורה און עבודה

ביי אונז ווייסען כמעט אלע אז אויב גויאישע פעלקער זענען אונטערשיידעט אין זייערע סעקטעס ווי קאטאליציזם, פיוריטאניזם, הוסיזם, צווינגליזם, זענען אונזערע אידען בלויז אין צוויי טיילען פאנאנדערגעטהיילט, חסידים און מתנגדים. די תורה איז אבער ביי אלעמען די זעלבע און אלע זאגען גלייך אני מאמין און דוקא אלע דרייצעהן אני מאמינ׳ס, נור די חסידים האלטען זיך אן דעם בעל התניא׳ס שיטה ר׳ שניאור זלמנ׳ס, אדער די שטות פון בעש״ט און זיינע תלמידים, און די מתנגדים — אן די שטה פון ווילנער גאון זצ״ל. און די צוויי קלאסען אידען האבען עס געשאפען דעם נוסח אשכנז און נוסח ספרד, און זייער מחלקה באשטעהט אין דעם, ווען זאלען מיר פריה־ער נאכקומען די תורה אדער די עבודה. דער גר״א (הגאון רבנו אליהו) גיט צו פארשטעהן אז תורה איז וויכטיגער, און רש״ז (ר׳ שניאור זלמן) זאגט אז עבודה איז וויכטיגער. דער גר״א פאדערט נור ידיעה, לערנען, וויסען, ווייל דאס לערנען ברענגט למעשה, און רש״ז פאדערט נור הרגשה, דאס פיהלען, דאס פיהלען דער־הויבט דעם מענשען צום העכסטען עקסטאז, און דאס איז די זעלבע מיינונגס פארשיידענהייט צווישען דעם רמב״ם און ר׳ יהודה הלוי. דער רמב״ם הייסט דער מח פילאזאף, און ר׳ יהודה הלוי — דער הארץ פילאזאף. דער רמב״ם לערנט ווי גאט צו קענען ביים שכל, און הלוי — לערנט ווי צו פיהלען גאט, און די מלחמה געהט עס אן צווישען רמב״ם׳ס „מורה נבוכים״ און ר׳ יהודה הלוי׳ס „כוזרי״. דער מורה נבוכים וויל צוברענגען די תורה צום שכל, דער גאנצער מענשליכער ציעל איז צו וויסען און פארשטעהן גאט מיט׳ן שכל, און דער כוזרי זאגט: אויסער די נוצען פון וויסען גאט דארף מען אויך קענען קומען צו אזא מדרגה וואס מען זאל די געטליכקייט פיהלען.

קומט אוים אז די צוויי אחרונים, דער גר״א און בעל התניא שטעהען אין דער זעלבער מיינונגס פארשידענהייט, ווי דער רמב״ם און ר׳ יהודה הלוי, און די צוויי קומען נאך די מיינונגס פארשידענהייט פון רב און שמואל, די צוויי אמוראים קריגען זיך, רב זאגט: לא איברי עלמא אלא לדוד, די וועלט

עקזיסטירט נור צוליעב דוד'ן, דאָס מיינט שירות ותשבחות, פּאָעטרי און פיהלונג, ליריש נשמה ערהויבניש, און שמואל זאָגט: לא איברי עלמא אלא למשה, דער וועלט עקזיסטענץ איז נור צוליעב משה'ן, צוליעב קיום התורה וואָס האָט זיך חוקים פון עשה ולא תעשה, ווייל רב איז ניט נור געווען אַ בעל הלכה אַליין נור אויך אַ בעל אגדה, ווערענד שמואל איז לגמרי קיין בעל אגדה ניט געווען, רב האָט מתקן געווען דעם נוסח פון דאַווענען פאַר ראש-השנה'דיגען מוסף. דער ירושלמי ברענגט אויך תקיעתא דרב, רב האָט אויך תפלות געמאַכט איבער רע־גען און שבת מברכים, דעם יהי רצון וועלכער הייסט „תפלת רב", ווי דער ירושלמי אין פאה פ"ב ברענגט: „ולכן אמר רב הריני כבן עזאי", ער איז געווען אַ בעל רגש אַז ער האָט געקענט אַריינדרינגען אין פּרדס און דאָך ניט שטאַרבען פון התפעלות. און שמואל פאַרקעהט איז ניט געווען ווי רב אַ פאַנטאַזיאַר, נור אַ פּראַקטישער מענש, אַ סטריקטלי מאַטעמאַטיקער וועל־כער האָט געזאָגט אויף זיך: נהירין לי שבילי דרקיע כשבילי דנהרדעא (ברכות נ"ח). אַלזאָ, רב ושמואל די אמוראים האָבען עס דעם גרונד אונטערשייד געלעגט פאַר זייערע נאָכפאָלגער, פון איין זייט, רמב"ם און גר"א, פון דער צווייטער זייט, ר' יהודה הלוי און בעל התניא. אָבער אויך ניט די אמוראים זענען דאָס געווען די ערשטע, צו די געדאַנקען, די תנאים: ר' יוחנן בן זכאי און ר' עקיבא האָבען פריהער וועגען דעם שוין געקריגט. אין גיטין ברענגט די גמרא: ר' יוחנן בן זכאי איז געבראַכט געוואָרען פאַר אספסינוס'ן, זאָגט דער לעצטער צו איהם: בעי מינאי מידי דאתן לך, בעט ביי מיר עפּעס איך זאָל עס דיר געבען. האָט ר' עקיבא געבעטען: יבנה וחכמיה, תורה בלויז, קרי עליה ר' עקיבא משיב חכמים אחור, ער האָט גע־דאַרפט בעטען לישבקינהו חדא זמנא, ער זאָל דעם מאָהל לאָזען צורוה ווייל דער בית המקדש וואָס איז נאָך געווען, די כהנים און לוים האָבען געזונגען און געטאָהן די עבודה, אָט יענע עקזאַלטאַציע, יענע ערהויבענע, פּראַכטיגע, שעהנע, לי־רישע פיהלונג און שטימונג איז געווען ביי איהם שטאַרקער ווי יבנה. אַלזאָ, ר' יוחנן האָט תורה, יבנה ערהויבען, און ר' עקיבא — די הרגשה, דאָס פיהלען. אָבער אויך זיי די תנאים

זענען ניט געווען די ערשטע צו דעם קאלאסאלען בנין, ישעיהו הנביא און חזקיהו מלך יהודה זענען געווען פריער פאַר אַלעמען. ישעיהו קומט צו חזקיהו, זאָגט דער מדרש, און זאָגט צו איהם: זמרו לד׳, זינג צו גאָט. פרעגט חזקיהו: למה? ענטפערט ער: כי גאות עשה. זאָגט חזקיהו: די תורה וואָס איך לערן איז מכפּר אויף די שירה, ווי די גמרא אין סנהדרין זאָגט: למרבה המשרה ולשלום אין קץ, א״ר תנחום: דרש בר קפרא מפני מה כל מ׳ שבאמצע תיבה פתוחה וזו סתומה בקש הקב״ה לעשות חזקיהו משיח וסנחרב גוג ומגוג אמרה מדת הדין לפני הקב״ה ומה דוד מלך ישראל שאמר כמה שירות ותשבחות לפניך לא עשאתו משיח חזקיהו שעשית לו כל הנסים ולא אמר שירה יעשה משיח, לכך נסתם. גאָט האָט געוואָלט חזקיהו מאַכען משיח׳ן, האָבען די מלאכים ניט געלאָזען באשר ער האָט ניט געהאָט קין פּאָעטישע לירישע געפיהלען, ווייל אין חזקיהו׳ס צייט בדקו מדן ועד באר שבע ולא מצאו מי שלא היה בקי בטומאה וטהרה, און חזקיהו אַליין האָט אויך גע׳טענה׳ט: „תורה מכפּרת על השירה", און ישעיהו האָט געזאָגט: זמרו לד׳ כי גאות עשה, ווייל שירה און זמרה איז בלויז רגש אָבער ניט שכל.

ברענגט די גמרא אין ברכות כ״ח: „ת״ר כשחלה ר׳ יוחנן בן זכאי נכנסו תלמידיו לבקרו, כיון שראה אותם התחיל לבכות. א״ל תלמידיו: נר ישראל, עמוד הימיני, פּטיש החזק, מפני מה אתה בוכה? א״ל: אילו היו מוליכין אותי לפני מלך בשר ודם שהיום כאן ומחר בקבר וכו׳ ועכשיו שמוליכים אותי לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה לא אבכה, ולא עוד אלא שיש לפני שני דרכים, אחת של גיהנם ואחת של גן עדן, ואיני יודע באיזו מוליכין אותי לא אבכה? ובשעת פּטירתו אמר להם: פּנו כלים מפני הטומאה והכינו כסא לחזקיהו שבא". דאָס איז דער זעלבער ר׳ יוחנן בן זכאי ווענען אבא סקרא דער ראש בריונים האָט אָנגעהערט אַלס אַ שוואָגערס אַ זוהן, האָט פריהער צום בריוני גערעדט וועגען שלום מאַכען דער ביהמ״ק זאָל שטעהן שפּעטער, האָט ער געבעטען יבנה וחכמיה, האָט ער איצט שטאַרבענדיג מורא געהאָט פאַר זיין אידעע אַז תורה איז שטאַרקער, זאָגט ער, גרייט צו אַ שטול פאַר חזקיהו, ווייל

איך האַלט ווי ער, התורה מכפרת על השירה... און דעריבער לייענט מען שבועות רות צו ווייזען אַז ניט ווי מען זאָגט לא איברי אלא לדוד או למשה, נור מען דאַרף סיי תורה און סיי הרגשה האָבען און ושלום על ישראל.

(לפי אל־עמי)

פונקען

תפלה עושה מחצה, מיינט: תפלה אַז מען בעט, עושה דער באַשעפער (כנוי לד׳) מחצה העלפט, אַז מען בעט העלפט גאָט.

* * *

אַלאַריך האָט אויף דעם הונען קעניגס פאַרקינדיגונג, אַז ער געהט מיט אַ גרויסע אַרמעע געגען איהם געענטפערט: ״יא, דיכטער, דאָס גראַז, יא לייכטער דאָס מעהען״.

* * *

דער אידישער קעניג אַחאָב האָט בן הדד׳ן געענטפערט: אל יתהלל חוגר כמפתח, דער וואָס געהט צו מלחמה, דער אנ־גרייפער הייסט נאָך ניט דער זיגער!

* * *

פאַטריאָטיזם איז צייטווייליגע אויפרעגונג, (איבסען).

* * *

ווען געלד רעדט שווייגט דער אמת.

* * *

קום פאַר גאָט מיט גערעכטיגקייט, פאַר׳ן ריכטער — מיט געלד.

* * *

אונטער די וואָפען שווייגט דאָס געזעץ (ציצערא).

* * *

אַ צו גרויסע צאָהל געזעצען אין אַ לאַנד, איז ווי אַ צו גרויסע צאָהל דאָקטוירים אַ סימן פון קראַנקהייט (וואָלטער).

* * *

די וועלט איז מיין פאָטערלאַנד, טאָהן גוטעס — מיין רעליגיאָן (געטהע).

אידען און לבנה

ווען גאָט האָט די זון און לבנה בעשאַפען האָט די לבנה געזאָגט: רבש"ע, צוויי מלכים מיט איין און די זעלבע קרוין? זאָגט ג' צו איהר: דו בינסט גערעכט, לכי ומעטי את עצמך, געה און ווער קלענער. זאָגט זי: רבש"ע, פאַר'ן געבען א לאָגישען באַמערקונג ווערט מען באַשטראָפט? זאָגט גאָט: דו ווערסט אָבער אויך באַלוינט מיט דעם וואָס דו וועסט זיין ביי־טאָג און ביינאַכט, און אויב די אומות וועלען זייער כראָנאָלאָגי פיהרען לויט דער זון וועלען אָבער אידען פיהרען לויט דער לבנה, (חולין).

דעם דיספוט צווישען גאָט און לבנה האָבען מיר עפ"י קבלה, אָבער אַז אידען זענען צו דער לבנה געגליכען דאָס זעהן מיר בחוש. די לבנה אייגענם פאַרמאָגט זי גאָר ניט, זי מוז איהר ליכטיגקייט פון דער זון באַקומען. זי מוז ווערען באַווירקט אַנשטאָט צו ווירקען, און ווערט די זון די משפיע, ברוגז ווערט א לקוי לבנה. און אויך אידען מוזען השפעה קריגען פון אַנדערע אומות, און אויב יענע ווערען אין כעס אויף אידען ווערט א לקוי, גזרות רעות, פאָגראָמען און שחיטות אפילו אין די ליכ־טיגסטע לענדער, ווי זיי רופען זיך די הומאַנישע ציוויליזאַציאָנס עפּאָכע. עס לאָזט זיך אָבער פיהלען גאָטס שטאַרקער וואָרט צו דער לבנה: „געה און ווער קלענער", ניט קיין אַנדערע זאָלען עס טאָהן אין באַצוג צו דיר, נור אַליין ווער קלענער, אנגעמאסטען צו אידען: קומען אידען מיט טענות צו דער וועלט אַז זיי ווערען באַליידיגט, פון ס'רעכט באַרויבט און בלוט גיסט זיך ווי וואַסער אין היטלערם מדינה. ענטפערט מען: גערעכט זייט איהר, דעריבער ווערט טאַקע קלענער! און אַזוי לעזען זיך די מגילות אין די גלות־היסטאָריעס פון אידישען פאָלק, און ווערט ער פאַרצווייפעלט און פסעמיסטיש דער אָרימער פאַר־פאָלגטער איד, אינסטינקטיוו ווערט ער גלייך אָבער ערפרישט מיט דער אַלטער מימרא: משיח וועט קומען, אַן עני ורוכב על החמור, דער אידישער ערלייזער מוז זיין אָרעם מאַטעריאַליש אָבער אידעאַליסטיש רייך, ער דער אידעאַליסט אין משיח'ס צייט וועט קומען צום באַוואוסטזיין אַז ער דאַרף רייטען אויפ'ן

מאַטריאַליזמוס, עני רוכב על החמור, מיינט חומריות קערפּער־ליכקייט, מאַטריאַליזם, ווייל יענע צייט וועט זיין אַ צייט פון ומלאה הארץ דעה, די ארציות, וועט אויך אידעאַליסטיש ווערען, און וגר זאב עם כבש, דער חיה׳שער וואָלף וועט די שעפּסעלע מעהר ניט שאַדען, ווייל דאַן וועלען די גאַנצע וועלט אַנערקענען אַז די לבנה האָט קיין פּגימות ניט, ולא יהיה בה שום מעוט, זיי וועלען זיך איבערצייגען אַז דער ערשטער וועלט לעהרער ישראל איז אויך איהר לעצטער, און ונהרו כל הגוים לעם ישראל, צו ווערען מושפּע און באַווירקט פון תורת ישראל תורת אל חי במהרה בימינו, אָמן.

פונקען

ווען דער רוימישער סענאַט האָט באַשטימט צו פאַרברענען די היסטאָרישע ביכער פון „קרעמוטיוס קאָרדאס" האָט אַ מאַן פון די גאַלערי אין סענאַט אויסגעשריען, וואַרפט מיר אויך אין פלאַם, ווייל איך קען די היסטאָרי אויסווייניג.

* * *

באַשטראָפט ניט דעם שולדיגען, לערנט איהם (סאָקראַטעס).

* * *

די ערד האָט אַ הויט וועלכע האָט קראַנקהייטען, איינע פון זיי הייסט מענש (ניטשע).

* * *

וויל מען דעם קינסטלער קענען, דאַרף מען איהם ניט זוכען צווישען זיינע בעסטע שאַפונגען, נאָר דוקא צווישען די ערגסטע, שוואַכסטע, ווייל דאָרט, וואו ער איז שוואַך ווייזט זיך דער מייסטער אַרויס, דאָרט איז די גרענעץ (מאַפּאַסאַן).

* * *

דער אידעאַל פון שעהנקייט איז איינפאַכקייט און רוה (געטהע).

* * *

יאָהאַן הוס פאַר זיין בוך „הירטענבריוו" געגען דער פאַפּסטליכער ממשלה, איז אויך פאַרברענט געוואָרען לעבע־דיגערהייט.

לנגעים

פיער מדות האָבען די חכמים געצעהלט ביי מענשען: גוט און גוט (טוב וטוב), שלעכט און שלעכט (רע ורע), גוט און שלעכט (טוב ורע), שלעכט און גוט (רע וטוב). למשל: אַ רב שטעהט אויף'ן בימה און זאָגט אַ גוטע און אַ קורצע דרשה, הייסט עס טוב וטוב, די דרשה איז גוט און זי איז קורץ, ווייל די חז"ל זאָגען: על שלשה דברים העולם עומד, אויף דריי זאַכען איז די וועלט באַזירט, על התורה, דאָס מיינט דער רב, ועל העבודה, דאָס מיינט דער חזן, ועל גמילות חסדים מיינט מען די בעלי בתים, זיי טוהען אַ חסד מיט'ן רב און חזן וואָס קומען זיי הערען און אַ גמילות חסד איז גוט אַז מען האַלט איהם ניט לאַנג. דעריבער איז אַ קורצע דרשה זעהר גוט. ש ל ע כ ט און ש ל ע כ ט מיינט אַ שלעכטע דרשה און לאַנג גערעדט, געגודעט. ש ל ע כ ט און ג ו ט — די דרשה איז שלעכט אָבער גוט וואָס זי איז קורץ. ג ו ט און ק ו ר ץ די דרשה איז גוט נור ער איז איהר צו מאַריך איז עס שלעכט. אין דער ביזנעס וועלט די זעלבע זאַך: צוויי קרעמער האָבען אין שכנות זייערע ביזנעס, טוב וטוב — ער לייזט איז גוט, און יענער לייזט ניט איז ווידער גוט. רע ורע — ער לייזט ניט אָבער יענער לייזט יאָ. רע וטוב — ער לייזט ניט אָבער יענער לייזט אויך ניט. טוב ורע — ער לייזט אָבער יענער לייזט אויך. אין אידישען לעבען למשל: אַ שעהנער איד אין זיין אויסזעהן און האָט אַ ריין אידישע הארץ אויך, איז טוב וטוב, אַ איד שלעכט אין נאַטור און שלעכט אין אויסזעהן איז רע ורע, אַ איד מיט אַ ריין אידישען אויסזעהן נור אין האַרצען איז ער פאַרדאָרבען איז טוב ורע. אַ איד וואָס זעהט אויס ווי אַ גוי אָבער פאַרמאָגט אַ ריין אידישע האַרץ איז רע וטוב.

נגעים רעכענט די תורה דריי סאָרטען: נגעי אדם, מענשליכע נגעים, נגעי בגדים, אַ נגע אין די קליידער און נגעי בתים אין די הייזער אַ צרה. אדם כי יהיה ב ע ו ר בשרו נגע צרעת, אַ נגע נור אין די לייב, אין זיינע חצוניות בלויז, נאָכהער שטעהט נגע צרעת כי תהיה באדם, דאָס מיינט אין מענשען אַליין אין זיינע פנימיות, נאָכהער שטעהט כי יהיה בו ב ב ש ר ו

נגע צרעת, דאָס מיינט די נגע איז אין איהם אין זיין חצוניות און אין זיין פנימיות, רעכענט מען דאָ בעור בשרו — רע וטוב. נגע כי תהיה באדם — טוב ורע, בו ובשרו — איז רע ורע. אויף טוב ורע האָט ינאַי המלך געזאָגט צו זיין ווייב שלומית: אל תתיראי לא מן הפרושים ולא מן הצדוקים אלא מן הצבועים העושים מעשי זמרי ומבקשים שכר כפנחס, האָב קיין מורא ניט פאַר די עקסטרים פרומע אָדער עקסטרים ראַדיקאַלען, מורא האָב פאַר די פאַלשע וועלכע טוהען אַלע צרות ווי די זמרי׳ם און גלייכצייטיג שטעלען זיי אָן אַ פרומען פנים און בעטען אַנער־קענונג ווי פנחס. און דעריבער זאָגט די תורה, אויב די נגע איז בעור בשרו — רע וטוב, דאַרף מען פאַרשליסען עס אויף אַ געוויסע צייט, איזאָלירען, אפשר וועט עס ווערען בעסער. אַ נגע באדם טוב ורע שטעהט וטמא אותו הכהן, דאָ העלפט שוין גאָר ניט, אַזאַ מוזען שוין פובליקירט ווערען אַלס אַ שעד־ליכער פאַר דער געזעלשאַפט. בו ובבשרו — רע ורע, פאַר דעם איז דוקא דאָ אַ מיטעל, ווען ער זאָל ווייס ווערען אין גאַנ־צען, חרטה אויף זיינע מעשים און קבלה צו זיין ווייס, ריין, זאָגט די גמרא: אין בן דוד בא עד שיהא או כולו זכאי או כלו חייב, אויב עס וועט קיין רע וטוב אָדער טוב ורע ניט זיין נור בלויז עקסטרימס וועט זיכער די ישועה קומען.

פונקען

דענקען וואָס אמת איז, פיהלען וואָס שעהן איז און וועלען וואָס גוט איז, איז דער לעבענס ציעל (פלאַטאָ).

*　　*　　*

מיר וועלען איבערלאָזען די וועלט אַזאַ נאַרישע און שלעכ־טע ווי מיר האָבען איהר געפונען ביי אונזער אָנקומען. (וואָל־טער).

*　　*　　*

דער וואָס אַנטשולדיגט זיך באַשולדיגט זיך.

*　　*　　*

דין איז אַ נאָדעל, איהר שטאָך איז אָבער שטאַרק — דקה המחט ועזה עקיצתה.

ואתחנן

לאָמיר לערנען פריהער אַ דין אין חשן משפט.

שנים שנתעצמו על המקח מוכר אומר מאתים ולוקח אומר במנה, אויב צוויי מענשען טרעפען זיך צוזאַמען און איינער זאָגט ער האָט צו פאַרקויפען אַ גוטע זאַך נור ער וויל 200 דאָלער פאַר דעם און דער צווייטער זאָגט אַז ער קויפט עס נור מעהר ווי 100 גיט ער ניט פאַר דעם, און זיי האָבען ניט געקענט דורכ־קומען והלכו — און זיי זענען זיך צוגאַנגען, אין אַ צייט אַרום האָבען זיי זיך ווידער אָנגעטראָפען און האָבען אָבגעמאַכט יע־נעם קנין, נאָכהער קומט דער מוכר, דער פאַרקויפער נאָך די געלד צום קויפער, גיט איהם דער לעצטער 100, אַזוי ווי ער האָט פריהער געזאָגט, און דער פאַרקויפער וויל ניט אַנדערש נור 200 ווי ער האָט פריהער געוואָלט, איז דער דין מען דאַרף זעהן ווער איז געגאַנגען צו ווענען, אויב דער מוכר איז געגאַנגען מיינט עס אַז ער האָט מסכים געווען אויף 100, און אויב דער לוקח איז געגאַנגען עס נעהמען מיינט עס אַז ער האָט מסכים געווען אויף 200.

ווען גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן: לך והוצא את ישראל ממצרים, געה נעהם אַרוים די אידען פון מצרים, האָט משה גע־זאָגט: שלח נא ביד תשלח. זאָגט דער ילקוט: ווען גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן געה נעהם זיי אַרוים האָט משה געזאָגט: גוט איך וועל זיי אַרויסנעהמען פון מצרים, אָבער ווער וועט זיי אַריינפיהרען אין ארץ ישראל? זאָגט גאָט: אַלענפאַלס דו — ניט. זאָגט משה: די צרות זאָל איך ליידען און די נחמות זאָלען אַנדערע געניסען? שלח נא ביד תשלח, ווער עס וועט זיי אַריינפיהרען אין כנען זאָל זיי אַרויסנעהמען פון מצרים. זאָגט משה: ואתחנן אל ד', איך האָב זיך געבעטען ביי גאָט לויט ווי דער דין איז „אתה החילות" — גאָט און משה האָבען אונטערהאַנדעלט איבער אַ פראַגע. זאָגט משה: אתה החילות, איז דאָך אַ סימן אַז דו האָסט מסכים געווען צו מיר, און כידוע איז דאָך משה געווען אַ גרויסער אוהב ישראל, זאָגט דער ילקוט: ווען אידען האָבען געזינדיגט מיט'ן עגל און מרגלים האָט משה געבעטען: מחני נא מספרך. האָט גאָט צו איהם געזאָגט: אתה

אוחז את החבל בשני ראשים, דו האַלטסט דעם שטריק פוןביידע זייטען, ווייל ווען משה און אהרן האָבען ביים סלע געזינדיגט האָט גאָט געזאָגט: „לכן לא תביאו את העם הזה", זאָגט די גמרא: וואו עס שטעהט לכן מיינט עס אַ שבועה, איז ווען די אידען האָבען געזינדיגט און משה האָט געבעטען סלח נא, זאָגט גאָט: אויב עס וועט זיך געפינען צווישען זיי צעהן צדיקים וועל איך זיי מוחל זיין. משה האָט געוואוסט אַז צווישען זיי קען מען קיין צעהן צדיקים ניט געפינען, אָבער אַלס גרויסער אוהב ישראל וואָס האָט ניט געקענט הערען שלעכטס וועגען זיי זאָגט: יאַ, רבש"ע, איך האָב צעהן, איך און אהרן און מרים, נדב ואביהו, אלעזר און איתמר, און אברהם יצחק און יעקב איז צעהן. זאָגט ג' צו איהם: טו אברהם יצחק און יעקב זענען דאָך שוין ניטאָ. זאָגט משה: צדיקים במיתתם קרואים חיים. זאָגט גאָט: סלחתי כדבריך. נאָכהער האָט משה געבעטען: אעברה נא. זאָגט גאָט: איך האָב דאָך געשוואָרען: „לא תביאו". זאָגט משה: עס איז דאָך אַ משנה אין שבועות: אחד אומר הרי עלי שלא אוכל תאנים וענבים איז אסור לו לאכול תאנים וענבים, אָבער תאנים לחוד וענבים לחוד מעג ער יאָ עסען. זאָגט משה: דו האָסט דאָך געשוואוירען בלשון רבים לא תביאו איהר ביידע — און אהרן איז דאָך שוין געשטאָרבען איז דאָך שוין די שבועה בטל געוואָרען. זאָגט גאָט: אתה אוחז את החבל, דו האַלטסט דעם שטריק פון ביידע זייטען ווילסטו „סלח נא", ווייל אברהם יצחק און יעקב זענען קרואים חיים, לעבט דאָך אהרן אויך, איז אהרן טויט ווייל דו ווילסט דעם „ואעברה נא" איז דאָך קיין צעהן צדיקים ניטאָ. זאָגט משה: יאבדו אלפי אלפים משה ואל ינזק צפרן אחת מישראל, מעגען אַלע משה'ס אַ קרבן זיין פאַר כלל ישראל.

פונקען

ווער עס שווערט זיך איז אַלע מאָהל אַ ליגנער.

* * *

דער וואָס האַלט אַ פען אין האַנד איז שטענדיג אין קריג.

וילך

אפיעל פאר תורה

כי נר מצוה ותורה אור, די מצוות זענען צו א ליכט געגליכען און די תורה צו פייער. עס איז דא מצוה אידען און תורה אידען. די נאטור פון א ליכט איז צו ברענען נור דאן ווען קיין פרעמדער ווינד בלאזט ניט אויף איהר, צינדט מען ליכט אן מוז מען די פענסטער און טיהר פארמאכען, ווייל ליכט דולדעט ניט קיין פרעמדע ווינטען. בלאזט אריין א דרויסענדיגער ווינט שמעלצט זי זיך און לעשט זיך. דאגעגען א פייער גלייכט בעסער אז טיהר און פענסטער זאלען אפען זיין, און וואס דער פרעמדער ווינט איז שטארקער אלץ גרעסער ברענט און פלאקערט דער פייער, מצוה אידען זענען טאקע פרומע, אבער קוים בלאזט נור א פרעמדער ווינטעל, ווערען זיי שוין פון איהם בעאיינפלוסט, פארלירען זיך און לעשען זיך גלייך אוים. דאגעגען תורה אידען האבען פאר קיין פרעמדען ווינט, פאר א השפעה פון אוים'ן קיין מורא ניט, וואס שטארקער זייערע אפאנענטען זענען אלץ חריפות'דיגער און שארפער קענען זיי ארגומענטירען ביז זיי ברעכען דעם פרעמדען ווינט און זיגען — צום סוף אז מען קומט צו אונזערע אידען בעטען פאר תורה זענען זיי פויל צו געבען, ווערענד צו אנדערע זאכען גיבען זיי דוקא יא, מען דערצעהלט דער מאזורער מגיד פלעגט ארום פאהרען ווינטער צייט אין די שטעטלאך און זאגען זיינע לאנגע דרשות בין מנחה למעריב. איינמאהל איז ער געקומען אין א שטעטעל בין מנחה האט פריהער א 6 דרשות געזאגט, די שוהל איז געווען געפאקט, און ער איז ארויף זאגען זיין לעצטע דרשה אין דער שטעטעל, האט ער צווישען אנדערעם אזוי געזאגט:

איך האב קיינמאהל ניט פארשטאנען דעם פסוק וואס מיר זאגען אין די טעג פון דער „וילך" סדרה, לך ד' הצדקה ולנו בשת הפנים, אז מיר טוען צדקה שעהמען מיר זיך, וואס איז דאס פאר א געדאנק? היינט אבער ווייס איך שוין די כונה פון דעם פסוק, הערט א מעשה: אז היינטיגע דרשה מיינע ביי אייך אין שטעטעל איז ניט די ערשטע ווייסען מיר אלע, און אז איך מאך עט-

ליכע רובל פאַר מיין פרוי און קינדער ווייסען מיר אויך אַלע, און אַז איך קען פון אייערע נדבות קיין גביר ניט ווערען ווייסט איהר אַליין, קורץ נעכטען נאָך מיין לאַנגער דרשה, קומט צו מיר צו אַ איד, (איך וויל איהם ניט אָנרופען ביים נאָמען), און גיט מיר צוויי רובל, קוק איך איהם אָן, איז ער משוגע צו סתם חסר דעה, ווער גיט עס אַ מגיד צוויי רובל. ער קוקט מיר אויך אָן מיט אַ שמייכעל און זאָגט: הערט רבי! איך האָב אַ ווייב צוויי זיהן און צוויי טעכטער, האָט יענע וואָך געדאַרפט אָנקומען אַהער אַן אַקטיאָרען טרופע און שפּילען טהעאַטער, נו זענען דאָך מסתמא מיין ווייב און קינדער אויך אַהין געגאַנגען, האָב איך אויסגערעכענט וואָס מיר האָט אָפּגעקאָסט נייע קליידער און סוטס, נייע שיך, ביוטי פּאַרלאָר, מאַניקיור, ליפּסטיק און פּאודער, פּאַרפּיומס און קאַלאַנס און טיקעטס, סך הכל האָט עס געקאָסט איבער 200 רובל און צום ענד זענען זיי געקומען ניט צופרידען, היינט אַז איך האָב שוין געהערט אַ האַלבען דאָזען דרשות און בין זעהר צופרידען און קיין אַנדערע הוצאות ניט, מעג איך אייך דאָך געבען צוויי רובל. זאָג איך דאָס מיינט עס: לך ד׳ הצדקה ולנו? — ווען מיר געהן מאַכען אַ באַלאַנס וויפיעל מיר ספּענדען, גאָט, פאַר דיר און פאַר אונז אַליין איז בשת הפּנים, איז אַ חרפּה און שאַנד. יאָ אונזערע מנדבים גיבען אויף אַלעס, נתבעים לעגל ונותנים, נתבעים למשכן ונותנים, יאָ, זיי גיבען, אָבער וויפיעל גיט מען פאַר׳ן משכן און וויפיעל פאַר׳ן עגל? און קיינער קלאַפּט ניט חטאתי, נור גאַנץ גלייכגילטיג קוקט מען צום שלהבת פון די ארזים און די אַזובי קיר שווייגען, ווייל עס איז ניטאָ קיין וואַרנער, קיין וועקער. מען דערצעהלט פון ווילנער גאון זי״ע אויפ׳ן פּסוק: „ויאמר דוד חטאתי, ויאמר אליו נתן: גם ד׳ העביר חטאתך״ (שמואל ב׳ י״ב), נאָכ׳ן וואָרט חטאתי איז דאָ אַ הפסק אין מיטען פּסוק, ערקלעהרט ער, אַז דער אמת׳ער ווידוי איז פון דריי ווערטער: „חטאתי, עויתי, פּשעתי״, און וואָרום האָט דוד נור „חטאתי״ געזאָגט ווייל, פון חטאתי אַליין איז איהם אַזוי צובראָכען געוואָרען זיין הארץ, אַז ער האָט שוין מעהר ניט געקענט רעדען, דאָס מיינט: „חטאתי אודיעך, עוני לא כסיתי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַד׳ ואתה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה״, און

ווען דוד האָט זיך געפּיהלט אַזוי דערשלאַגען פון זיינע חטאים אַליין, טו ווי דאַרפען מיר עס שוין פיהלען?

ר' אהרן קארלינער ווען ער פלעגט אָנהויבען ראש השנה זינגען מיט דעם באַוואוסטען טראַדיציאָנעלען סקארבאווען נגון „המלך" פלעגט ער חלש'ן, נאָכהער ווען ער איז צו זיך געקו־מען, פלעגט ער די גמרא אין גיטין (נ"ו) רק דערמאָנען, ווען ר' יוחנן בן זכאי האָט אספסינום קיסר גערופען מלך, האָט איהם אספסינוס געענטפערט: אי מלכא אנא, בין איך אַ קעניג, עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי, וואָרום בינסטו ביז איצט ניט געקומען צו מיר... מיר לייענען „וילך", מען געהט אַרויס פון יעהרליכען באַלאַנס, פון יענע ביזנעס, און מען בעט פאַר נייע בעסערע, געזונטערע ביים מלך מלכי המלכים, און אָן אַ חטאתי עויתי ופשעתי, קען מען אונז פרעגען? וואו זענט איהר מיט אייערע צדקות ביז היינט געוועזן?

און כדי צו קענען זיין מצוה אידען און תורה אידען מוזעןביידע זיך שעהמען פאַר דעם קליינעם מעשר וואָס מיר ספּענדען פאַר תשובה.

און בידכם, רבותי, איהר אַליין קענט עס איצט גוט מאַכען...

פונקען

דאָס מילך פון שוואַרצע ציגען און דאָס מילך פון ווייסע ציגען זענען ביידע ווייס, (תלמוד).

* * *

ווען אַ גנב האָט ניט די געלעגענהייט צו גנב'ענען האַלט ער זיך פאַר אַ צדיק, (תלמוד).

* * *

ווען עס שמייכעלט דיר דאָס גליק האָסטו פיעל פריינדע, ווערט דיין הימעל פערוואָלקענט בלייבסטו עלענד און אַליין, (תלמוד).

* * *

אמונה הויבט זיך אָן דאָרט וואו דער שכל שטעלט זיך אָפּ און קען ווייטער ניט געהן.

פונקען

באַהערשען און באַזיגען די נויט, לערנט די נויט אַליין, (סאפאקלעס).

* * *

אַ סוד וועָן דו האַלטסט איהם, איז ער דיין געפאַנגענער, האָסטו איהם אויסגעפלאפּלט בינסטו שוין זיין געפאַנגענער.

* * *

דאָס וואָרט איז פריי, די טהאַט איז שטום, די געהאָרכ־זאַמקייט איז בלינד, (שילער).

* * *

אַ גרויסער מענש איז דער, וואָס האָט אַ קינדיש האַרץ. (כינעזיש ווערטל).

* * *

געדולד איז דער שליסעל צו כבוד, (אַראַביש ווערטל).

* * *

ניט נור דער וואָס שרייבט אַ פּאָעמע איז אַ פּאָעט, נור זיינע לייענער זענען עס, זיי זענען מיט־אַרבייטער מיט'ן דיכ־טער און אַמאָהל נאָך מעהר דיכטער ווי דער פּאָעט אַליין, (איבסען).

* * *

מען קען דעם אמת ניט מעסטען מיט דער מעהרהייט פון שטימען, (שילער).

* * *

מאַכען אַ גנב פאַר אַ נאַכטוועכטער איז אַלץ איינס ווי אַ יעזואיט מאַכען פאַר אַ שרייבער, (בערנע).

* * *

ווערטער דאַרף מען וועגען ניט צעהלען.

* * *

די אויגען דערצעהלען וואָס אין האַרצען טוט זיך.

* * *

איך האָב ניט ליעב אַלע פרייהייטס משיחים, צום סוף ווע־רען זיי אַלע טיראַנען, וויל איינער אַלעמען בעפרייען, מוז ער אַלעמען דינען, (לויט געטהע).

צווייטע אַבטיילונג

וויסענשאַפטליכע טעזיסען פאַר דרשנים

די רוימישע מלוכה

אין די ערשטע יאָהרען פון פינף הונדערטען לויט נייער צייט איז אין מערב אייראָפּא ניט געווען קיין זעלבסטשטענדיגע מדינות ווי מיר זעהן זיי היינט. ענגלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניען און איטאַליע איז דאַן געווען איין גרויסער טייל לאַנד וואָס האָט געהערט צום רוימישען קייזער און זיינע בעאַמטע. דויטש־לאַנד איז געווען דאַן באַזעסען פון אַ האלב ווילדען שבט, און אַלער מיה וואָס רוים האָט אַנגעווענדעט צו באַזיצען אויך יענע שטיק גערמאַניען לאַנד איז איהר ניט געלונגען. די רוימישע מלוכה האָט אין איהר באַזיץ דאַן געהאַט גאַנץ דרום און מערב אייראָפּא, מערב אַזיען און אַ גרויסען טייל פון צפון אפריקא. און דעריבער האָט זי אונטער איהר פּראָטעקטור געהאַט פיעל פאַרשיידענע פעלקער מיט פאַרשיידענע שפּראַכען, ווי: מצרים, אַראַבער, אידען, גריכען, איטאַליענער, גאַליער, בריטאַניער, איבעריער, אַלע זענען געווען סאַביעקטען פון רוימישען פּראָ־טעקטאראַט. אַ מענש אויב ער איז געזעסען אין יאָרק אָדער ירושלים, אין קאירא אָדער ווין, האָט זיינע שטייערן געדאַרפט צאָהלען אין איין טרעזשורי און איין געזעץ איז געווען פאַר ביידען גלייך, און ביידע האָבען הילף ערוואַרט פון דער זעלבער רוימישער אַרמעע.

עס איז זעהר שווער זיך פאָרצושטעלען ווי אַזוי רוים האָט געקענט צאַמען און באַהערשען 500 יאָהר אַזאַ פאַרשיידענע מענשליכע באַפעלקערונג מיט פאַרשיידענע לאַנדס שטריכען און לעבענס כאַראַקטערען, מענשען פון אַזיען, אַפריקאַ און איי־ראָפּא. ווען אָבער מיר בעטראַכטען דעם סיסטעם אין דער מלוכה ווי ער האָט אָנגעהאַלטען, איז אונז קיין וואונדער מעהר ווי אַזוי אַלע האָבען ניט רעוואָלטירט און געזוכט רוים צו צו־

ברעכען. נעמליך זענען דאָס די באַדינגונגען אין מלוכה אָרדער פון אַלטען רוים:

1) די מלוכה האָט אַ אויסערגעווענליכע דיסציפּלין געהאַט אין אַלע איהרע אונטערטעניגטע לענדער, און האָט אַלעם זיך נאַטירט אַזוי אַז קיין זאַך איז ניט געווען געטאָהן אונטער די אַכט פון איהרע בעאַמטע וועלכע זענען איהר טריי געוועזן, אַ דאַנק איהר אָרדנונג און נאָכפאָלגונגען.

2) דער קייזער איז פאַרגעטערט געווען ביי אַלעמען און גלייכצייטיג די גרעסטע הייליגקייט.

3) די זעהר טאַפּפערע און איבערגעגעבען שטאַרקע אַרמעע, וועלכע האָט געוואוסט נור צו באַזיגען און צו שטערען די באַרבאַרען און דורכברעכען רוימישע גרענעצען און טעריטאָריע.

4) דער אַלגעמיינער מענשליכער גערעכטער און גוטער רוימישער קאָדעקס, געזעץ בוך פאַר אַלע איינוואָהנער אָן אונטערשייד גלייך, צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון יעדען אָרט.

5) די געפלאַסטערטע וועגען און שאָסעען איבעראַל וואָס האָבען געהאָלפען אין אַרמעען איבערפיהרונגען, אויב נויטיג, זעהר שנעל פון אָרט צו אָרט, און בעזונדערס

6) די גרויסע אַרמעע לעהרער וואָס רוים האָט אויסגעבילדעט און זיי צושיקען אין אַלע קאָלאָניעס און שטעטלאַך, וואו זיי האָבען פאַרשפּרייט די אידעען און אויפלעבונגען פון רוים, דורך זייער אַגיטאַציע—רוים באַליעבט געמאַכט ביי אַלע פעלקער אָן אויסנאַהם. דער קייסער פלעגט זיין דעקרעט אַרויסלאָזען און בליץ שנעל איז עס איבערגעשיקט געוואָרען צו אַלע פּראָווינציאָנעלע גאָווערנערס, יעדער קייזערליכער וואונש איז געוואָרען אַ געזעץ, דער רעגירונגס ראַט האָט אַלעם געהאַט אונטער איהר אויפזיכט תבואה האַנדעל, פלייש האַנדעל און אפילו בעקערייען, זי האָט געזאָרגט אַז דער פאָלק זאָל באַזאָרגט ווערען מיט אַלעם נויטיגען און געזעהן אַז אַלע זאָלען אַרבייטען, ליידיג געהן איז געווען אַ זינד און אַ פאַרברעכען, אָרימע לייט האָט מען אין די גרויסע שטעדט געגעבען ברויט, וויין, פלייש און קליידער, פרייע טעאַטערן, צירקען און פרייע טיקעטס צו אָקסען פאַיטען און אַנדערע ספּאָרטס פערוויילונגען.

יעדער איינער איז געלערענט געוואָרען און פאַרזאָגט גע־וואָרען אַז דער קייסער מוז פאַרגעטערט ווערען, יעדע פאָלק האָט געקענט פריי דינען איהרע אייגענע געטער, אַלס גוטע בירגער, האָבען זיי זיך גדאַרפט באַטייליגען אין די נאַציאָנאַלע רוימישע קרבנות לטובת דער מלוכה. די ערשטע קריסטען זע־נען פאַרפאָלגט געוואָרען ניט ווייל זיי האָבען געגלויבט אַנדערש נור ווייל זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דער קייסערליכער פאַר־געטערונג. יעדער רוימישער בירגער האָט געמוזט היטען משפט און מענשען געגענזייטיגע ליבע. פילאַנטראָפּי און מענשענ־פריינדליכקייט זענען געווען אין די הויפּט יסודות פון דער מלוכה, מעג ער זיצען ביי דער טעמזא אָדער ביים טייך יעפריי־טוס האָבען אַלע איין געזעץ פון ליבע און מענשליכקייט געהאַט. דער רוימישער געזעץ האָט אויסגעוואָרצעלט די פריהעריגע אכזרישע געזעצען וועגען פרויען און קינדער אַז זיי מוזען שקלאַ־פען זיין. דער געזעץ האָט געלויטעט: „בעסער איז אַז אַ שולדיגער זאָל זיך ווי עס איז אַרויסדרעהען פון זיין שטראָף איידער אַ אומשולדיגער זאָל באַשטראָפט ווערען”. דער גאַנצער מענשליכער מאַטריאַל איז בעטראַכט געוואָרען ניט ווי באַזונ־דערע פעלקער נור ווי איין פאָלק אונטער איין גרויסע מלוכה פאָלגען אוים איין גרויסען קאָדעקס באַזירט אויף יושר און פאַרנונפט. איבעראַל די זעלבע געלד האָט קורסירט, וועגען גע־מאַכט און אויסגעבעסערט פאַר'ן געשעפטליכען געברויך. איבעראַל זענען אויפגעבויט געוואָרען גרויסע פאָלקס פאָבליק הייזער, בריקען און טעאַטערן, באַדע פלעצער מיט פרייע הייזער ביי די וואַסערן פון זאַלצבורג א. אנ. יעדע קליינע שטעטעל האָט די מלוכה אויסגעהאַלטען דריי לעהרער צו ערציהען דעם יונגען דור, וואו מען האָט זיי געלערנט שעהן ריידען, העפליכ־קייט און מליצה. אויך די ווערק פון די גרויסע גריכישע און רוימישע שרייבער, און דעריבער האָבען אַלע רוימישע אונטער־טאַנען כמעט באַזעסען איין קלאַסיפיצירטען אַרט בילדונג. און דעריבער לויט די אַלע אָנגעגעבענע געזעצען איז קיין וואונדער ניט וואָס פון דעם ערשטען קייסער אויגוסטוס ביז דעם באַרבאַ־רישען איינברוך האָט קיינמאָהל קיינער ניט רעוואָלטירט אָדער געפּרובירט זיך אָבצורייסען פון רוים, וואָלט עס וועלכער פאָלק

געטאָהן, וואָלט ער גערעכענט געוואָרען פאַר אומציוויליזירטעם פאָלק ביי אַזאַ אָרדענונג...

דאָך פלעגט די רוימישע אימפעריע יאַ האָבען אָפט מאָהל אויסצושטעהן פון בירגער קריג פאַר אַ קורצע צייט, דאַן, ווען עס פלעגט אויסקומען צו וועהלען אַ נייעם אימפעראַטאָר, דאָס פלעגט מוזען דורך דער אַרמעע הילף אויפגעשטעלט ווערען. אונטער דער צייט פון וועלען אויסגעוועהלט ווערען פלעגט יע־דער פאָלקסבעשטאַנט אויסנוצען איהר אַגיטאַציע פאַר איהר פאַרשטעהער און דאָס פלעגט פאַראורזאַכען גאַנץ שטאַרקע קריגערייען פון איין קלאַס געגען די אַנדערע.

אומצופרידענהייט און אומצוטרוי האָט אויך אַרויסגערופען די גרויסע שטייערן וואָס די מענשען האָבען געמוזט צאָהלען אויסצוהאַלטען די קייסערליכע פרעכטיגע פאַלאַצען און זייערע אַנצאָהליגע בעאַמטע, אויסצוהאַלטען די ריזיגע אַרמעע און אַלע קייסערליכע הצטרכות׳ן. אַ גרופע פון רייכע גוטסבאַזיצער האָבען עס די שטייערן בעדאַרפט קאָלעקטען און אויספיהלען די קייסערליכע קאַסע מיט זייערע אייגענע, אויב די סומע איז ניט געווען קאָמפלעט אויפגעזאַמעלט, און צוליעב דעם האָט דער קייסערטום אַנגעהויבען פאַרלירען דעם גוטען ווילען פון די גוטס־באַזיצער, און די אַרמעע זענען מעהר געדריקט געוואָרען אויפ׳ן חשבון פון די רייכע. לויט די געזעצען אין יענער סענטשורי האָבען די רוימער ביים איינגעהמען אַ לאַנד, איהרע איינוואָהנער זיך נעהמען פאַר שקלאַפען, אַזוי איז אויסגעקומען אַז יעדער רייכער האָט געקענט האַלטען טויזענד און מעהר שקלאַפען, וועלכע האָבען אַלע אַרבייט פאַר זיי געטאָהן. די לאַגע פון די באַצוואונגענע שקלאַפען האָט זיך פאַרבעסערט פאַר די לעצטע, אין די לעצטע הונדערט־יאָהרען בעפאָר די באַרבאַרי־שע נצחונות. דאַן נאָך איז שוין צוריקגעצויגען געוואָרען יענער געזעץ וואָס ערלויבט דעם אייגענטימער זיינע קנעכט שמייסען און טויטען, און ווייל די רוימער האָבען אויפגעהערט איינצו־נעהמען נייע לענדער איז דער שקלאַפען האַנדעל פילפאַך פאַר־קלענערט געוואָרען, און אַ סך האָבען זייערע שקלאַפען אָן אורזאַכע פריי געלאָזען. אָבער יענע בעפרייטע שקלאַפען האָ־בען געמוזט בילדען אַ באַזונדער קאַסטאַ, זיי האָבען ניט די רעכ־

טע געהאַט ווי אַ געבאָרענער פרייהער, הייראַטען האָבען זיי געמעגט נור דאַן ווען זייער פּראַטעקטאָר געוועזענער בעל הבית האָט זיי ערלויבט. אויך האָבען די באַפרייטע געמוזט אַ געוויסע צייט אין יאָהר אַרבייטען פאַר זייער באַשיצער און באַפרייער. קאָלאָניסטען האָבען זיך שוין מיט'ן יחוס ניט גערעכענט, זיי האָבען זיך אַסעמילירט, פרייע און געוועזענע שקלאַפען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען זיך כלל ניט רעכענען מיט די פאַרבאָטען. צוליעב אָרימקייט און שווערע שטייערען אָבער האָט זיך די צאָהל הייראַטען לאַנגזאַם פאַרקלענערט, און כדי דאָס צו פאַר־היטען האָבען די רוימער אַריינגעבראַכט זייערע גערמאַנישע שכנים און זיי באַזעצט אין רוימישע טעריטאָריע. קאָנסטאַנ־טינוס זאָגט מען האָט אַריינגעבראַכט דריי הונדערט טויזענד באַרבאַרען צווישען די רוימישע לעגיאָנערען, זיי זאָלען העלפען דריקען זייערע גערמאַנישע ברידער נאָכצוקומען די שטייערען. יוליוס קייזער האָט זיי אַפילו פאַר העכערע ראַנגען אָנגעשטעלט אין דער אַרמעע, און אַזוי איז געבילדעט געוואָרען גאַנצע גער־מאַנישע לעגיאָנען אונטער הויכע גערמאַנישע גענעראַלען, און אַזוי איז נאָך פאַר די באַרבאַרישע מלחמות רוים אויטאָ־מאַטיש געוועזען אין אַ טייל פון זייער רשות.

מיט'ן אָנהויבען פאַרלירען איהר מיליטערישען גלאַנץ האָט זי אויך אָנגעהויבען פאַרלירען איהר גאָלדען ליטעראַטור און קונסט עפּאָכע וועלכע איז געשאַפען געוואָרען אין דעם גאָלדען פעריאָד אונטער אויגוסטוס'ען, ציצעראָנ'ס שעהנער סטיל האָט פאַרלאָרען ביים פאָלק זיין אינטערעס. זעהר ווייניג דיכטער און ראָמאַנטיקער האָבען זיך באַוויזען אונטער יענער צייט צווישען רוימער, די געלערנטע האָבען זיך אָבגעגעבען דאַן מיט זאַמלען מעמאָריען און פּראַזען, די גרויסע גריכישע שרייבער זענען פאַרגעסען געוואָרען אין גאַנצען, נור איינגע ווי ציצעראָן, ווירגיליוס און אוואדיוס זענען נאָך געלעזען געוואָרען.

* * *

ר אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם — פילאָזאָפישע ריכטונג, איהרע פּרינציפּען זענען געבויט אויף די מסקנות פון פערשטאַנד, איהרע אַפּאָסטאָלען: דעקאַרט, שפּינאָזאַ און לייבניץ, און ראַציאָנאַ־

ליזם איז דער געגענזאץ צו עמפיריזם, וואָס לערנט, אַז די דערפאַהרונג איז דער איינציגער מקור פון וויסען.

* * *

ענציקלאָפעדיסטען — די פריידענקער פון פראַנקרייך אין יאָהר 1751, וועלכע האָבען מיטגעבראַכט די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. איהרע אפאסטאלען זשאַן זשאַק רוסא, וואָלטער א. אנ. און האָבען אַרויסגעגעבען די ווי־סענשאַפטליכע ענציקלאָפעדי.

* * *

דעטערמיניזם — פילאָזאָפישער וועלט אנשוי־אונג לויט וועלכען עס עקזיסטירט ניט קיין פרייער מענשליכער ווילען, נור אַלץ ווערט פריהער באַשטימט, מענשליכע מעשים קומען אַלס סך הכל פון באַשטימטע סבות וואָס דער מענש איז ניט בכח צו ענדערען.

* * *

דראַקאָנישע געזעצען — אכזריות געזעצען. דראַ־קאָן דער אטהענישער געזעצגעבער האָט פאַר דער קלענסטער שטראָף גע׳משפט — טויט שטראָף.

* * *

בארטעלאמיי נאַכט אָדער הוגענאטען — פראַנצויזישע פראָטעסטאַנטען געגנער פון דער קאַטוילישער קירך אין זעכצענטען יאָהר הונדערט. אין 1572 איז אין פראַנק־רייך געווען אַ שחיטה אין דער רעוואָלוציאָנס צייט אויף די הוגענאטען.

אידישע פּאַרטייען אין דער צייט פון חורבן

די אסיים

די אסיים זענען קיין פּאָליטישע פאַרטיי געווען, נור אַ מין אָרדען, וועלכער האָט זיך נור פעראינטערעסירט מיט זיין איי־גענעם אינדיווידועלען לעבען, איבערהויפּט מיט זיין רעליגיעזען אָרט לעבען. בכלל האָבען זיי ווייניג געהאַלטען פון דער וועלט, האָבען געלעבט ווי מאָנאַכען, האָבען קיין פּריוואַט אייגענטהום

געהאַט, מען האָט געאַרבייטעט פאַר׳ן כלל, די פערדינסטען פון יעדען יחיד זענען אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער אַלגעמיינער קאַסע, פון וועלכע עס איז גענומען געוואָרען פאַר די געמיינדע הצטרכות׳ן. עס זיינען צווישען זיי, זעלבסטפערשטענדליך, ניט געווען די צוויי קלאַסען רייכע און אָרימע, מען האָט געגעסען צוזאַמען, געטרונקען, געוואוינט אַלע צוזאַמען. זומער האָבען אַלע ווייסע קליידער און ווינטער וואַרימע מאַנטלען געטראָגען. אַרבייטען, אום זיין לעבענסמיטעל אויסצוהאַלטען, האָט יעדער איינער געמוזט, קיין משרתים און קנעכט האָבען זיי ניט געהאַט. די מיטגליעדער פון דער סעקטע זענען געווען אָדער אַקערבויער אָדער בעלי מלאכות. מיט האַנדעל האָבען זיי זיך ניט בעשעפטיגט. אַ נייער מעמבער האָט נור געקענט אַנגענומען ווערען, ווען ער האָט אויסגעהאַלטען אַ געוויסע דיגרי. די פראַגע אויב ער איז פּאַסענד אַ מעמבער צו זיין, האָט זיך אַ יאָהר געצויגען. אַז ער איז געפונען געוואָרען ראווי אַנגענומען צו ווערען, האָט מען איהם טובל געווען, און פערבליבען צוויי יאָהר אַ האַלבער מיטגליעד נור, ערשט נאָך די צוויי יאָהר איז ער צוגעלאָזען געוואָרען צום אַלגעמיינעם טיש צו עסען מיט אַלע אַנדערע מיטגלידער, און ער האָט געקראָגען אַ הייליגע שבועה אַז ער וועט זיין שטרענג דיסציפּלינאַר און אויספיהרען אַלע פעראָרדנונגען פון די אָרדען לידערס, און אַז ער וועט זיין סעקרעטיוו, קיינע סודות ערצעהלען פון דער סעקטע, און אויסער דער שבועה האָט קיין עסעער ניט געטאָרט שווערען זאָגאַר אויף אַן אמת, זיין „יע” אָדער „ניין”, נעגאַטיוו אָדער פּאָזיטיוו, איז געווען אַזוי ריכטיג ווי ער וואָלט שווערען.

באַלד אין דער פריה, טעגליך, האָבען זיי אָפּגעריכט אַ גאָטעסדיענסט שטעהענדיג מיט דעם פנים צו דער זון. נאָכהער זיינען זיי אַוועק צו דער אַרבייט. קומענדיג פון דער אַרבייט האָבען זיי זיך טובל געווען אין קאַלטען וואַסער. די טבילה איז ביי זיי געווען אַ הייליגע רעליגיעזע פליכט. פאַר יעדען עסען האָבען זיי זיך געמוזט טובל זיין. האָבען זיי אַנגעריהרט אַן אונריינע זאַך — וויי‍טער טבילה (אָדער אפילו נאָך זייערע מענשליכע בעדערפניסע — יאָזעפוס פלאוויוס 6).

די קאָנצענטראַציאָן פון רעליגיעזען לעבען ביי זיי איז גע-

ווען די אַלגעמיינע סעודה טעגליך, דער טיש איז געווען ווי אַ מין מזבח, פון קרבנות האָבען זיי ניט געהאַלטען, זייערע אַל־געמיינע מאַלצייטען זיינען ביי זיי פערעכענט געווען פיר קרבנות, די שפּייזען פלעגען זייערע כהנים פאַרבערייטען. יאָזעפוס פלאַוויוס בעשרייבט אַזוי: נאָך דער טבילה געהען זיי אַריין אין עס־צימער, ווי אין אַ הייליגטום, צוזעצען זיך מיט עהרעפורכט שטיל און דער בעקער דערלאַנגט דעם ברויט און דער קוכער — די זופּ. די שפּייז איז געווען פאַר אַלעמען גלייך. דער גייסטליכער האָט אַ תפלה געזאָגט, נאָכהער האָט מען אויסגעטאָהן די הייליגע עסען קליידער און אָנגעטאָהן אַרבייטס קליידער און אַוועק אַרבייטען. פאַרנאַכט איז די זעלבע צערעמאָניע געפּראַוועט געוואָרען ביין אָווענד־ברויט.

קיין קרבנות האָבען זיי ניט מקריב געווען פון בעלי חיים, אָבער זיי פלעגען אַנדערע קרבנות פיר׳ן טעמפּעל געבען, זיי זענען געווען שטרענגע שומרי שבת, אפילו אַ כלי פון איין אָרט אויף׳ן צווייטען פלעגען זיי שבת ניט איבערטראָגען.

איינער פון די וויכטיגסטע דאָגמען זייערע איז געווען „געטליכע פאָראויסבעשטימונג", עס מיינט, אַז אַלעס וואָס פּאַסירט דעם מענשען, איז פאָראויס בעשטימט געוואָרען פון גאָט. די נשמה איז אונשטערבליך און נאָכ׳ן טויט פון קערפּער קומען די גוטע פרומע נשמות אין גן עדן, און זינדיגע פאַלען אַריין אין גיהנום. זיי האָבען אויך געגלויבט אין דאָס זיין פון צוויי אָרט מלאכים, גוטע און שלעכטע. זיי זענען גרויסע באָטאַניקער געווען, זיי האָבען פיעלע פלאַנצען געקענט פערווענדען צו מע־דיצינישע נוצען (און אפשר דעריבער הייסען זיי איסיים, ווייל אין כאלדעאיש הייסט אסיא — אַ דאָקטאָר). די מאַסע האָט זיי פאַרגעטערט און אויך זיי פאַר נביאים געהאַלטען. אָבוואָהל די אסיים זענען אידען געווען, האָבען זיי דאָך געוויסע מנהגים פון אַנדערע רעליגיאָנען געהיט, ווי דאָס לעבען פון מאָנאַכען אין מיסטיציזם, די אידישע לעהרע פאָדערט ניט פון מענשען איינזאַם לעבען אָהן אַ פרוי, אָהן אַ פאַמיליע, און אַ דאַנק דיעזע פרעמדע עלעמענטען, זענען זיי אַוועק שפּעטער פון יודענטום און געוואָרען די גרינדער פון קריסטענטום. זייער בעהויפּטונג איז געווען אין לעבען, אַז עס איז אונמעגליך צו פיהרען אַ רע־

ליגיעזען לעבען און האָבען אומגאַנג מיט דער געזעלשאַפט, און אום צו פיהרען אַן אמת מאָראַלישען לעבען, דאַרף מען אָבשאַ־פען אייגענטום, לעבען ווי ברידער, ווי איין פאַמיליע, מיט נאַ־טור אַרבייט בעשעפטיגען זיך, עסען איינפאַכע שפּייזען, וואוי־נען איינפאַך און שטרעבען נור צו אַ גייסטיגען שטרענג מאָראַ־לישען לעבען.

* * *

די צדוקים

דער פיהרער פון די צדוקים איז געווען צדוק, דער אור־פאָטער פון די כהנים גדולים, וועלכע זענען געווען אין יהודה פון יהושע בן יהוצדק ביז די חשמונאים, די לעצטע פון זיי זענען געווען יאַזאַן און אלקימוס, וועלכע האָבען געוואָלט איינפלאַנ־צען אין פאָלק דעם העלעניזם. זיי האָבען געלעגט מעהר גע־וויכט אויף דער וועלטליכער קולטור, איידער אויף דער גייס־טיגער. צו איהר האָבען געהערט די העכערע בעאַמטע, די רייכערע קלאַס וועלכע האָבען פערבינדונגען געהאַט מיט די גריכען. זייער אידעאַל איז געווען אָבצושוואַכען געוויסע אי־דישע מאנירען און מנהגים, וועלכע זונדערען אידען אָב פון זייערע פעלקער שכנים, ווי די סיריער און עגיפטער. תורת משה איז געווען ביי זיי היילינ, ס׳איז געווען ביי זיי די פאָלקס קאָנסטיטוציע, אָבער די מנהגים, געזעצען וואָס זיינען אלס אַ צאָם צו דער תורה געמאַכט געוואָרען און פערפאַסט פון מענ־שען, האָבען ביי זיי קיין ווערטה געהאַט, און די תורה איז בוכ־שטעבליך געהיט געוואָרען אפילו אין אַזוינע ערטער וואָס אין דער פּראַקטיק איז עס שווער דורכצופיהרען, ווי למשל, „עין תחת עין״, האָבען זיי ערקלעהרט אַן אויג פאַר אַן אויג, פּשוט. און זיי האָבען אָנגעפיהרט אַ שטענדיגע מלחמה געגען די פּרושים, אַז ווען זיי האָבען געזעהן די פרושים טובל׳ען די כלים פון בית המקדש, האָבען זיי זיך צולאַכט, זאָגענדיג: „די פרושים וועלען באַלד טובל זיין די זון אין וואַסער״.

זיי האָבען אויך ניט געלויבט אין השארת הנפש, אַז די נשמה פון מענשען נאָך זיין טויט, פיהרט נאָך אַ סאָרט לעבען,

און אין שכר ועונש האָבען זיי ניט געגלויבט, אפילו אין תחית המתים האָבען זיי ניט געגלויבט, ווייל אין דער תורה ווערט וועגען דעם ניט גערעדט. אין אַלגעמיין זענען זיי געווען מענשען פון לעבען, און האָבען זיך ווייניג אינטערעסירט מיט רעליגיאָן.

* * *

די פּרושים

די פּרושים האָבען געלעגט די הויפּטגעוויכט אויפ׳ן רעליגיעזען לעבען, די פּאָליטישע פרייהייט איז פאַר זיי וויכטיג געווען נאָר דערפאַר, ווייל זי זיכערט די פרייהייט פון רעליגיעזען לעבען. אַן דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי זענען געשטאַנען הויךגעבילדעטע מענשען, גוטע בעלי מדות, מיט טיעפע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אָנהענגער פון דער פּאַרטיי זענען געווען כמעט פון אַלע פאָלקס-שיכטען, און דעריבער איז זי געווען דורכגעדרונגען מיט אַ דעמאָקראַטישען גייסט.

די אינטערעסען פון פאָלק איז ביי זיי געווען פיעל וויכטיגער אַלס פון דער רעגירונג. די תורה איז געווען דער געזעצבוך וואָס האָט רעגולירט דאָס לעבען פון פאָלק, אָבער אַזוי ווי די תורה האָט אַלע צופעלע ניט כולל געווען, האָט מען זי געמוזט ערגענצען מיט דער טראַדיציאָן, מיט תורה שבעל פה. און אַזוי האָבען די פּרושים פאָרגעזעצט די מעטאָדע פון די סופרים און אנשי כנסת הגדולה. אָבער זיי זענען געווען זעהר פאָרזיכטיג איז זייער טהאָט, ווייל ס׳לעבען פון פאָלק זינט ס׳איז געוואָרען זעלבסטשטענדיג, איז פיעל אַנדערש געוואָרען. ס׳איז געווען זעהר אַ שווערע אויפגאַבע: ניט ענדערן די געזעצען פון דער תורה און דאָך זיי צופּאַסען צום נייען פאָלקס-לעבען. די פּרושים האָבען דיזע אויפגאַבע זעהר געוויסענהאַפט און פאָרזיכטיג געלעזט. אַזוי האָבען זיי „עין תחת עין” געלערענט, מיינט צו בעצאָהלען געלד שטראָף און ניט אַרויסנעהמען אַן אויג פאַר אַן אויג, ווי די צדוקים האָבען געלערענט.

די פראַגע וועגען דעם וועלט-פּראָבלעם, וואָרום געהט׳ס דעם שלעכטען גוט און דעם גוטען שלעכט, האָט דעם פאָלק

באַשעפטיגט פון די נביאים אָן, און די פראַגע איז ביי זיי ער־לײדיגט געוואָרען דורך דעם פרינציפּ פון השארת הנפש (זעעלען־אונשטערבליכקייט) און שכר ועונש נאָך דעם טויט.

דער ווידערשפּרוך צווישען די צוויי פרינציפּען: ידיעה און בחירה, דאָס הייסט, אַז גאָט ווייס פריהער וואָס דער מענש וועט טאָהן, און דאָך האָט דער מענש אַ פרייען ווילען עס ניט צו טאָהן, און דעריבער איז ער פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים, האָבען די פרושים רעכטגעמאַכט מיט פיער ווערטער: „הכל צפוי והרשות נתונה", אָבוואָהל אַלעס איז פאָראויסגעזעהן פון גאָט, אָבער דער מענש האָט אַ פרייען ווילען עס ניט צו טאָהן.

דער תלמוד

דער שטודיום פונ'ם תלמוד איז אַמשטאַרקסטען פּאָפּולער אין די וויסענשאַפטליכע קרייזען, ווייל ס'האָט צו טאָהן מיט'ן גאַנצען מהות פון אידענטום אין זיין גאַנצער ענטשטעהונג און אין אַלע זיינע פעריאָדען. בעזונדערס אויף דעם געביט האָבען שטודירט די אידען אין שפּאַניען. פיעל האָט זיי מיטגעהאָלפען די וויסענשאַפט פון די אַראַבישע חכמים און געלערענטע, וועל־כע אידען האָבען עס אויסגענוצט, און אַ גרויסען טהייל אין דעם האָבען די אַראַבישע קאָמענטאַריען איבער זייערע הייליגע שריפטען.

אין שפּאַניען איז דער תלמוד צו דער העכסטער מדרגה פון וויסענשאַפט ערייכט. דריי דורות פון גאונים האָבען איהם געפלעגט און געצערטעלט. די תקופה פון אלפסי, די שפּעטערע פון אבן מיגאש, דער שילער פון אלפאסי, און נאָכהער דער רמב"ם. געלערענט איז ער געוואָרען, ערשטענס, אַלס טיפע אָבהאַנדלונגען און ענציקלאָפּעדיע, וועלכע איז סיסטעמאַטיש און צוגעפּאַסט פאַר יעדער עפּאָכע. די שאַפער פון דעם אַרט שטו־דירען זענען געוועזן רב יצחק אלפאסי און זיין שילער רב יוסף אבן מיגאש,ביידע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע טיפע לאָגישע אַרגומענטען, שאַרפען שכל און שטאַרקע קריטיק, דער

צווייטער אָרט איז געווען צו פּסק'ענען דינים, בעשטעטיגען מנהגים, תקנות און גזרות פאַר דער מאַסע, ערקלעהרונגען און פערטיפונגען, קאָמענטאַריעס און מאָטיווען, קשיא'ס און תרוצים, אַזוי איז דער דין און אַזוי מוז מען טאָהן. דער פאָטער פון דעם אָרט לערנען איז דער רמב"ם, אָבער אַלענפאַלס איז דער תלמוד ניט געווען אַ צוגענגליכער ספר פאַר אַלע שיכטען און קלאַסען.

די אורזאַכע דערצו איז געווען וואָס די אידען אין שפּאַניען האָבען די אידישע סוביעקטען ניט אָנגענומען פאַר אַן עיקר אין זייערע שולען. „די פרעמדע פרויען זיינען די אַנטי תלמוד'יסטען געוואָרען".

דעריבער האָבען זיך מיט'ן תלמוד אינטערעסירט נאָר די מענשען וועלכע האָבען זייער צייט ספּעציעל געווידמעט צו דעם. די וועלכע האָבען געזוכט צו שאַרפען זייער שכל, אינטעלעקטועל אַנטוויקלונג צו בעקומען אין תלמוד, פאַר זיי האָט אלפאסי געשריבען זיין קאָמפּאָזיציאָן זיין טעקסט בוך: „ההלכות", וואו עס ווערט שאַרף, שכל'דיג און טיעף איבערגעגעבען די דאָגמען און געזעצען פון תלמוד. דאָס פאָלק אָבער, און די וואָס האָבען אַנדערע חכמות געלערענט האָבען שוין קיין גריבלען און פּשט'לען אין הלכות ניט געדאַרפט נור „קלאָהרע, פאַרשטענדליכע לאָגישע געזעצען", זיי צופרידען שטעלען האָט דער רמב"ם געשריבען זיין „משנה תורה", דאָס איז געווען די שפּאַנישע תלמוד עוואָלוציאָן.

אין דייטשלאַנד האָט די עוואָלוציאָן פון תלמוד אַן אַנדער ווענדונג גענומען, מעהר און נעהנטער צוגענגליך צום פאָלק אויף אַזוי פיעל, אַז ער איז געוואָרען אַ פאָלקס-בוך פאַר אַלע פאָלקס-שיכטען.

ווי מיר ווייסען היסטאָריש האָט פראַנקרייך און דייטשלאַנד אָנגעהויבען לערנען דעם תלמוד אין נייניטען יאָהר-הונדערט פון פערטען טויזענד.

רבי שמואל הנגיד און אבן מיגאש האָבען ביכער און לעהרער געשיקט אין דייטשלאַנד. אין די ישיבה פון רב האי גאון אין פּומבדיתא האָבען זיך תלמידים פון דייטשע לענדער געפונען, און פון רבנו גרשום מאור הגולה'ס צייט אָן האָבען זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען אין מעהרערע שטעדט ישיבות: רש"י'ס

ישיבה אין טרויש, רב יעקב בן יקר'ס ישיבה אין גערמייזא, די ישיבות חכמי לוטר, די ישיבה פון רבנו תם, אין פאריז רב יחיאל'ס ישיבה מיט 1300 שילער. אט די אלע ישיבות זענען געווען געווידמעט נור צום תלמוד, און די ישיבה תלמידים האבען נאכהער געגרינדעט קהלות, קאנגרעגיישאנס אין אידישע צענטערען פון דייטשלאנד און פראנקרייך.

דער ארט לערנען דארט איז אויך אנדערש געווען ווי דער אין שפאניען. ערשטענס, ווייל דער תלמוד איז געווען די השכלה שטאף, וועלכע איז בעליעבט געווען ביי אלעמען. זיי האבען ליעב געהאט זיך צו גריבלען, אויסגעפינען די ריכטיגע נוסחאות, טעקסטען, פאראלען. זיי האבען יעדער גרסא, וואריעט אוועקגעשטעלט פרימיטיוו — און די תלמוד, כדי איבערצולאזען גוט קארעגירטע מאנוסקריפטען געפעלשטע — פעדאנטיש, ריכטיג. רבנו גרשום האט פאר זיך אליין איבערגעשריבען דעם גאנצען תלמוד, כדי איבערצולאזען, גוט קארעגירטע ספרים אהן פעהלערען, און דעריבער האט זיך עס ענטוויקעלט די פעהיגקייט ביי יעדען צו מעסטען און וועגען מיט'ן גלייכען שכל און גוט פארשטענדיג פאר יעדען די שטעלען פון תלמוד. אזוי האט אויך רש"י געטאהן, וועלכער באמערקט אלע מאהל „הכי גרסינן" — אזוי לערנען מיר — אום רעכטצופערטיגען דעם טעקסט, פארמולאר. און די חכמים פון לוטר האבען אויך די נוסחאות געבראכט צו פינקטליכקייט, און אפילו דער רבנו תם, וואס האט מקפיד געווען אויף די אויסבעסערונגען און אפטמאהל פארווירפע געמאכט די „מתקנים", האט אויך מסכים געווען אין מעהרערע פלעצער (זעה גידעמאנ'ס: התורה והחיים בימי הבינים, ח"א 39).

אין פראנקרייך און דייטשלאנד איז דער תלמוד אויף דריי ארטען געלערענט געווארען:

דער וועג וואס זאל ברייננגען פון טעארי צו פראקטיק, הלכה למעשה, דער אידישער לעבען צווישען די גאלישע און גערמאנישע פעלקער איז פיעל אנדערש געווען פון דעם אידישען ארט לעבען אין די קאטוילישע, אדער בעסער געזאגט, ארטאדאקסישיעזואיטישע געגענדען. און די אידען האבען געדארפט האבען אן „אורח חיים" געארדענט לויט'ן תלמוד, די פיעלע שאלות

ותשובות פון טעגליכען לעבען גענומען, האָבען זיך פון טאָג צו טאָג פערשטאַרקט און דאָס האָט געבראַכט צו מחבר זיין די ספרים „סדר מצוות גדול, אור זרוע, ספר החנוך".

די ספרים זיינען הלכה למעשה, דינים פאַר'ן פּראַקטישען לעבען, און אָבוואָהל דער „יד החזקה" פון רמב"ם איז פיעל לאָגישער און בעסער צוזאַמענגעשטעלט ווי די ערשינענע ספרים פון די גערמאַנישע חכמים אויף די געביטען, אָבער פּראַקטיש, אַריינפיהרען אין לעבען די דינים, מנהגים און טראַדיציאָנען זענען די אשכנזישע ספרים מעהר געאייגנעט, מעהר צוגעפּאַסט. זיי, למשל, ברענגען ניט „הלכתא למשיחא" מאַנכע מאָהל ווי דער „יד החזקה" טוהט עס, אויך ניט די פילאָזאָפישע מיינונגען און וויסענשאַפטען, ווייל זיי געפינען עס ניט נויטיג פאַר די לעבענס פאָדערונגען. און אויב מיר קענען די „טורים" ניט פאַר־גלייכען צום „יד החזקה" רעדאקציאָנעל, רעקאָנסילמענט און סטיל, אָבער מען מוז מודה זיין אַז שאַפען די „טורים" איז אַ קאָלאָסאַלע אַרבייט פאַר דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור, אפילו נאָך די וואָס קומט פון מאַימאָנידעס.

אויסער די אַל־טעגליכע נויטיגע רולס, דינים און געזעצען איז אויך דער לערנען אין דייטשלאַנד געוועזן אַ מעהר פערטי־פענדער, וואו מען האָט געמוזט נוצען אויך דעם מח און געדאַנק. אין דער הקדמה צום „יד החזקה" זאָגט דער רמב"ם: ווייל די צרות שטאַרקען זיך, שטויסט די צייט אַלעם אַוועק און עס געהט פאַרלאָרען די חכמה פון אונזערע חכמים און די בינה פון אונ־זערע נבונים פערשווינדט, דעריבער די אַלע קאָמענטאַריעס און דינים... און די גמרא פון בבל און דער תלמוד פון ירושלים... זיי דאַרף מען טיעף שטודירען און זיך קענען פאַרטיפען אויף לייגערע צייטען — דעריבער שרייבט ער זיין משנה תורה וואָס זאָל זיין אַ זאַמלונג פאַר תורה שבעל פה — און מען זאָל קיין אַנדערע חבורים ניט דאַרפען נוצען צו דיני ישראל. און זיכער איז, אַז ווען עס וואָלט אַזוי בלייבען וואָלטען אַלע הלכות פערוואַנדעלט געוואָרען אין טרוקענע חוקים.

ניט דאָס איז אָבער געוועזן די כונה אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך.

די לעצטע האָבען דעם תלמוד געמאַכט פאַר אַ סוביעקט

וואָס מוז געשטודירט, געלערענט ווערען, און צוגענגליך צום פאָלק. רב שלמה יצחקי (רש״י), האָט דעם גאַנצען תלמוד ערקלעהרט אין אַ גרינגע פאַרשטענדליכע שפּראַך אפילו צו יונגע קינדער וועלכע ווילען נור פערשטעהן און לערנען, און אַ דאַנק איהם איז דער תלמוד געוואָרען אַ וויכטיגער סובסטאַנץ פאַר שטודיום און דענקען.

און אַ דאַנק דעם גרויסען מאַן וואָס „פראַנקרייך האָט איהם געבאָרען און דייטשלאַנד ערצויגען", האָט אונזער פאָלק אַזאַ וויכטיגען אוצר, ענציקלאָפּעדיע צו לערנען און שטודירען. רש״י׳ס ווירקונג איז אַזוי גרויס געווען, אַז דער „קונטרס" איז אַנערקענט און אָנגענומען געווען ביי די חכמי שפּאַניען ניט ווייניגער ווי דער „יד החזקה" ביי די חכמי גערמאַניע און פראַנקרייך.

די געלערענטע פון שפּאַניען, וועלכע זענען בעווירקט גע־וואָרען פון וויסענשאַפטען און אַראַבישע אידעען, גריכישע פי־לאָזאָפי, עסטעטיקא פון פרעמדע, און נאָכהער די גריבלערייען און פילאָזאָפישע טעזיסען, סינטעזיס און אַנטיטעזיסען אריינגע־בראַכט אויך אין די אידישע ספערען אונטער׳ן אידישען האריזאָנט, וועלכע אָריגינעל האָט עס ניט געדולדעט, האָבען דא־געגען די פראַנקרייך געלערענטע אריינגעבראַכט דעם פּלפּול, די „בעלי התוספות" האָבען געשאַרפט די קעפּ און געשאַפען אַ וויכטיגען שטעל אין דער תלמוד ענטוויקלונג.

די שאַרפע גריבלערייען פון די בעלי התוספות אין תלמוד, זייערע דינע און טיעפע באַמערקונגען זענען איינגעזאַפּט און איינגעזויגען געוואָרען אין אידישען כאַראַקטער אַזוי, אַז דער איד קען זיך ניט בענוגנען בלויז מיט׳ן לערנען תלמוד אָהן גריב־לערייען און פאָרשונגען. מאַנכע געלערענטע היינט, בעהויפּ־טען, אַז די אידען זיינען אַן אימיטאַציאָן, קאָפּיע, זיי טוהען דאָס זעלבע וואָס איז אין פאַריזער אוניווערזיטעטען דאַן געטאָהן געוואָרען, אין די וויכטיגסטע ציוויליזאַציאָנס אַנשטאַלטען וואו סאָפיסטישע סכאָלאַסטיקער האָבען געלערענט, אָבער היסטאָ־ריש איז עס ניט בעגרינדעט, נור אידען טוהען עס איינפאַך ווייל זיי ווילען פאַרשטעהן און אויפנעהמען גוט וואָס זיי לער־נען אָבער ניט צוליעב סאָפיזם.

נאָך אויף אַ העכערע מדרגה אין תלמוד זענען די חכמי לוטר געקומען מיט'ן ערשײנען פון דעם גרויסען רבנו תם. דעם ווע־מען זיי האָבען אין זײנע פּלפּולים פאַרגליכען צו אביי און רבא.

נאָך אין איין זאַך שטעהען די חכמי אשכנז העכער ווי די שפּאַניאָלישע אין דעם טייל פון תלמוד, וואָס רופט זיך „אגדה". די שפּאַניאָלישע ראַציאָנאַליסטען האָבען אַבזאָלוט ניט געקעהרט פאַר אגדה. רב שמואל הנגיד און רב משה בן נחמן (רמב"ן) האָבען די אגדה קוואַליטי פאַרקלענערט: „אין למדין מהאגדה ואין לך ללמוד ממנה אלא מה שיעלה על הדעת" — פון אגדה לערענט מען ניט און דו דאַרפסט פון איהר ניט לערנען נאָר דאָס וואָס דו פאַרשטעהסט (מבוא התלמוד לר"ש הנגיד); „האגדה אינה אלא ספור דברים, שמגיד אדם לחברו" — די אגדה איז נור אַ געשיכטע וואָס אײנער ערצעהלט דעם צווייטען (מלחמת חובה להרמב"ן), ווייל זייער גייסטיג שפּייז האָבען זיי נאָר פון הלכה געשעפּט אָדער פון פילאָזאָפישע קוועלען, פּאָעזי און דקדוק. די חכמי אשכנז האָבען קיין אונטערשייד אין לער־נען געמאַכט און האָבען פון אגדה אויך פיעל געלערענט און געקליבען פון איהר „ילקוטים", „פּסקתות", „ילקוט שמעוני של הפּרשן ממגנצא", „פּסיקתא זוטרתא", „לקח טוב", דאָס זענען אַלץ טייערע פּערל און ליטעראַרישע אַנטיקען, וועלכע האָבען דעם פאָלק פּיוטים און תפלות געגעבען און מוטה אין זיין עק־זיסטענץ.

פון פופצעהנטען יאָהר־הונדערט האָט דער תלמוד „אַרויס־געמופּט" פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד און איז אַריין אין פּוילען. די הלכה האָט זיך באַגרענעצט אין „שולחן ערוך", דער פּלפּול האָט אַ צורה פון אַ „חלוק" בעקומען. די אגדה — אַלס פאַנטאַזיען און פאַרשטעלונגען. דאָס אַלעס ווייל די נייע שטראָ־מען פון לעבען האָבען זיי פערשלאָסען אין זייערע שווערע בעדינגונגען.

רבנו סעדיה גאון

רב סעדיה גאון געבאָרען אין יאָהר 892, אין דילאַף ביי פאיום אין מצרים. איבער זיינע עלטערען וויים מען ניט גענוי, ער האָט זיך מיחס געווען צו שלה בן יהודה, זיין אור־אור פאָטער זאָל האָבען געווען דער באַריהמטער חנינא בן דוסא, וועגען וועמען דער תלמוד ערצעהלט וואונדער לעגענדען, אנדערע בע־הויפּטען אָבער, אַז ער קומט גאָר אַרויס פון גרים. אויפ'ן ליטע־ראַרישען פעלד טרעט ער אַרויס אין זיינע גאָר יונגע יאָהרען, צו זיין צוואַנציג יאָהריגען עלטער האָט ער שוין אַרויסגעגעבען זיין ווערטער־בוך „הארגון”, מיט צוויי יאָהר שפּעטער זיין פּאלעמיק „געגען ענן”, געריכטעט געגען דעם גרינדער פון דער „קראים” סעקטע. כמעט אַלע זיינע ספרים טראָגען דעם כאַ־ראַקטער פון פּאלעמיקס און דעבאַטען, און אַזוי אויך זיין רע־ליגיאָנס פילאָזאָפישע ווערק „האמונות והדעות”. לויט זיין טעמפּעראַמענט איז ר' סעדיה געווען א פּאמפלעיסט, אַ פעהיגער שרייבער מיט אַ שאַרפער פעדער. ער איז אַזוי פּאָפּולאַר ביי די רבנים געוואָרען פאַר זיינע פּאלעמיקס, אַז דער ראב"ד זאָגט: רבנו סעדיה האָט באַזיגט די קראים און יענע אַלע וואָס האָבען אין דער תורה געלייקענט.

צו זיין זעקס און דרייסיג יאָהריגען עלטער איז ער איינגע־לאַדען געוואָרען צום גלות־פירסט, דוד בן זכאי, אַלס ראש ישיבה פון סורא, האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזען סעדיה'ס אייזער־נער כאַראַקטער, אין אַ ירושה ענין וואָס דוד בן זכאי איז פּער־זענליך פּעראינטערעסירט געווען, האָט געפּאַסט ווי ס'האָט גע־לוינט פאַר איהם. סעדיה האָט פּראָטעסטירט און ניט געוואָלט מסכים זיין צום דין, און אַ דאַנק דעם האָט ער פאַרלאָרען זיין טיטעל „גאון”, און געמוזט זיין שטעלע אין סורא פערלאָזען.

צו 50 יאָהר איז ער געשטאָרבען, ביז דאַן האָט ער גע־שריבען איבער ביבעל־קריטיק, אַ ווערטער־בוך, גראַמאַטיק, שאלות ותשובות און הלכות, פּאלעמישע און פּאָעזי שריפטען אין דער פאָרם פון פּיוטים און תפילות.

אין זיין „האמונות והדעות” באַקעמפּפט ער די גראָבע באַגריפען וועגען דער גאָטהייט, און גלייכצייטיג אויך די אטע־

איסטען. ער בעווייזט, אַז ווען עס וואָלט קיין טראַדיציע ניט זיין וואָלט דער שכל אַליין עס געשאַפען, אָבער דער שכל אַליין איז ניט די העכסטע מאָס פון אמת, די פילאָזאָפיע איז נור אַ דינסט ביי דער תורה אין וועלכער מיר מוזען סאַי ווי גלויבען, אפילו ווען זי שטימט ניט מיט דער פילאָזאָפי. מענשליכע אמת׳ן טיילט ער אין 4 קלאַסען:

1) דער אמת פון ערפאַהרונג, וואָס מיר בעגרייפען דורך אונזערע חושים.

2) דער עטהישער אמת, אַז גערעכטיגקייט איז גוט און פאַלשקייט — שלעכט.

3) דער לאָגישער אמת, וועלכער איז אַפּועל יוצא פון לאָגישען דענקען, דורך דעם ווערען מיר איבערצייגט אין אַזעלכע אמת׳ן וואָס מיר בעגרייפען ניט נור מיט די חושים, נור צו וועלכע דער לאָגישער געדאַנקענגאַנג צווינגט אונז.

4) דער טראַדיציאָנעלער אמת, וואָס מיר האָבען בירושה פון פריהעריגע דורות.

די גרונט יסודות פון זיין רעליגיאָנס פילאָזאָפי:

א) די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון גאָר ניט, גאָט האָט בעשאַפען ניט נור די פאָרמע פון די זאַכען פון אַן אייביג עקזעסטירענדען מאַטעריאַל נור דער מאַטעריאַל אַליין איז אויך בעשאַפען געוואָרען, ער בעווייזט אַז די אַטאָמיסטישע טעאָרי, וועלכע באַהויפּטעט אַז די אַטאָמען האָבען עקזיסטירט פון אייביג, איז ניט אמת.

ב) די איינהייט פון גאָט, ער איז געגען דואַליזם, דאָס מיינט דאָפּעלטע געטליכקייט. פערשידענע ערשיינונגען ווי ליכטיגקייט און פינסטערניש, גוט און שלעכט זענען בלויז אַ רעזולטאַט פון אונזערע בעגריפען, פינסטערניש איז ניט דער געגענזאַץ צו ליכטיגקייט, נור די אַבוועזענהייט פון ליכטיגקייט, דער בעגריף פון גוטס און שלעכטס איז בלויז אין שייכות צו אונז ווי דאָס ווירקט אויף אונז. גאָט האָט קיין שלעכטס ניט בעשאַפען, ער האָט בעשאַפען זאַכען וואָס קענען זיין גוט און שלעכט לויט ווי דער מענש קלייבט זיך אויס, עסט ער און טרינקט אין מאָס איז עס גוט, כאַפּט ער אַריבער די מאָס ווערט עס שלעכט, די ברירה איז ביים מענשען. גאָט איז ניט קיין קערפּער, צייטען

און טיילען קען נור זיין ביי אַ קערפּער וואָס איז בעגרענעצט. רב סעדיה גלויבט אין השארת הנפש (אונשטערבליכקייט פון דער נשמה) שכר ועונש, אייביגקייט פון דער תורה, אין תחית המתים און משיח. דער מענש, זאָגט ער, איז דער עיקר פון דער בריאה און אַלץ איז געשאַפען פון זיינעט וועגען, די אויפ־גאַבע פון מענשען איז צו טאָהן גוטס און אויסצומיידען שלעכטס.

חסידישע שטריכען

— א —

ר׳ זוסי האנופּאלער פלעגט שטענדיג זיצען דריי חדשים ביים מעזריטשער מגיד און דריי חדשים אין הויז. איין מאָהל ווען ער איז געקומען צום מעזריטשער, האָט איהם דער מגיד געגעבען שלום און געזאָגט: שנעל פאָהר שוין אהיים.

— רבי, זאָגט ר׳ זוסי, איך פאָהר, אָבער איך וויל דו זאָלסט מיר אין דער איין מינוט אויסלערנען דאָס, וואָס איך וואָלט דאַר־פען זיין דאָ די דריי חדשים.

— לערען, זאָגט דער מגיד, דריי זאַכען פון אַ קינד און זיבען פון אַ גנב.

פון אַ קינד:

1) אַ קינד איז שטענדיג פרעהליך, ווייס ניט פון קיין עצבות.
2) אַ קינד ווייס ניט פון ליידיג זיצען אפילו אַ מינוט, ער איז אימער ביזי.
3) ווען אַ קינד וויל עפּעס בעטען ביי זיין פאָטער, וויינט ער פריהער.

פון אַ גנב:

1) אַ גנב טוהט זיין אַרבייט ביינאַכט, ווען קיינער זעהט איהם ניט.
2) ווען אַ גנב געלינגט ניט איין נאַכט, מאַכט ער עס אין דער צווייטער נאַכט.
3) אַ גנב טרייט באַלד אין דער פריה זיין גנבה פאַרקוי־פען, עס זאָל ניט געפונען ווערען ביי איהם.

4) אַ גנב באַנוגענט זיך ניט מיט איין מאָהל גנב'ענען, נור געהט אַלע מאָהל מאַכען אַ נייע גנבה.
5) ער איז זיך ניט מודה אַפילו מען זאָל איהם ווי שווער שלאָגען.
6) ווערט קיין מאָהל זיין חבר ניט אויסגעבען צו דער אויספאָרשונג.
7) מסר'ט זיך אַליין אָב איבער דער קלענסטער זאַך.

* * *

— ב —

ר' אהרן קארלינער פלעגט פריהער געהן געבען שלום דעם מעזריטשער רבי'ן, נאָכהער זיך טובל'ען, דאַגעגען אַלע חסידים פלעגען פריהער זיך טובל'ען נאָכהער געהן געבען שלום דעם רבי'ן.

איינמאָל פרעגט איהם דער רבי: אהרן'צי, פאַרוואָס גיבסטו שלום פאַר'ן מקוה?

— כ'וויל, רביניו, דו זאָלסט זעהן די גאַנצע שמוץ מיינע וואָס איך ברענג מיט פון מיין הויז, נאָכהער וואַש איך מיר.

דער פילאָזאָפישער שקלאַף

דער געטרייעסטער תלמיד פון סאקראטן און אַלע גריכישע פילאָזאָפען, פלאטאן, האָט שטודירט מאַטעמאַטיק אין קירענע, ווערט אָבער געפאַנגען און פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף, און אַ קירענער האָט איהם אויסגעלייזט און בעפרייט, ער קומט צוריק אין אטען, קויפט אַ קליינעם הויז אין פאַרשטאָט פון אטען וואָס רופט זיך א ק א ד ע מ א ס , און נעהמט זיך ווידער שרייבען, שטודירען און זיין שולע ווערט באַריהמט. אין זיין א ק א ד ע מ י ע נעהמט ער אויף בלויז געצעהלטע די וואָס האָבען שוין דורכגעמאַכט אַ שולע, „קיינער וואָס קען ניט קיין געאָמעטרי קען דאָ ניט אַריינקומען”, איז געווען אַ שילד אויפגעהאָנגען איבער זיין הויז. ער שרייבט די דיאַלאָגען „פילעבוס”,

„טימעארום" ,„קאליקלעס", וואו ער איבערציייגט זיין פּראָבלעם וואָס איז וויסען ? און ער ענטפערט, אַז „גאָט איז אַ געאמעטער". אָהן אָרדנונג איז מאַטעריע כאָאָס, זי האָט ניט קיין פאָרם, קיין זיין און זינלאָזיגקייט איז שלעכט, ד. ה. מאטערי אַליין איז שלעכט, ס'איז דאָס פּרינציפּ פון שלעכטס אויף דער וועלט. אָרדנונג קומט דורך אונזער פערשטאַנד. פּלאַטאָן איז אָבער ניט מסכים מיט פּיטאַגאראסן, אַז די מענשען שאַפען פון זיך אַליין מאָס און אָרדענונג, ד. ה. אַז מיר פורעמען די וועלט. פּלאַטאָן באַמיהט זיך דורך אַלעגאָריען צו בעווייזען דעם דואליזם, די צושפּאַלטענקייט פון דער וועלט, דאָס כאאטישע, די מאטעריע פון איין זייט און די אידעע פון דער צווייטער, צוויי וועלטען — אַ רעאַלע און אַ אידעאַלע, אַ וועלט פון חושים און פון פער־שטאַנד. דאָס „זיין", זאָגט ער, איז דאָס עביקע און רוהט אין גאָט, דעם ערשטען און לעצטען פּרינציפּ פון דער וועלט, דאָס „נישט זיין" איז דאָס מאטריעלע, דאָס קלייד, די צייטווייליגע פאָרשטעלונג פון דער אידעע. מיר — זאָגט ער — זעהן בלויז שאָטענס און ווייסען קיינמאָהל ניט ווי די וועלט זעהט אויס, מיר זעהן בלויז סילועטען. דאָס לעבען פון פילאָזאָף דאַרף זיין — זאָגט ער — בלויז אַ צוגרייטונג פאַר'ן טויט, ווייל דאָרט געפינט די נשמה איהר רוה און דעם סוף פון איהר וואַנ־דערונג, און דעם גרעסטען שטראָף וואָס גאָט קען געבען אַ נשמה איז צוריק מגולגל צו ווערען, אויף דאָס ניי בעשאַפען ווערען. אין זיין „פּאָליטיקום" מאָלט ער אַ אידעאַלען שטאַאַטס־מאַן, די „רעפּובליק" מאָלט ער די אידעאַלע געזעלשאַפט, קאָמיוניזם, חושים אין צוים געהאַלטען. דער שכל הערשט, דאָס לעבען, די אינסטינקטען — באַגרענעצט, דאָס לעבען פון גע־זעלשאַפט דאַרף ניט זיין אַנאַרכיש, פריי, עס מוז האָבען אַ ציעל און אַ זין און דאָס איז פּולקאָמענהייט און דיסציפּלין פון דעם מענשען. דאָס ציקל פונ'ם לעבען איז פון פאטאס צו איראָני, פון דעם טראַגישען צום קאָמישען, פון דעם הערשאַפט־גלוסט צום הכנעה'דיגען פאַר'ן אומפאַרשטענדליכען. פּלאַטאָן איז גע־בליבען ביים נאָמען „דער געטליכער פּלאַטאָן" פאַר אַלע דורות...

דער פילאָזאָפישער רעוואָלוציאָנער

עמאַנועל קאַנט איז דער קעניגסבערגער פילאָזאָף, געבאָרען מיט 200 יאָהר צוריק. שווער איז צו פערשטעהן זיינע דריי ביכער די קריטיקן, ד. ה. „די קריטיק פון דער רייגער פארנונפט", „די קריטיק פון דער פראַקטישער פארנונפט" און „די קריטיק פון דער אורטיילס קראַפט". ער רופט זיך אַן דער „פילאָזאָף רעוואָלוציאָנער". קאַנט האָט געלערענט, אַז רוים און צייט און קאַוזאַליטעט, ד. ה. די וועלט ווי מיר זעהן זי, ווי מיר לעבען זי איבער, און ווי מיר ברענגען זי אַלס שייכות צו זיך אַליין זענען קאַטעגאָריען פון אונזער פארנונפט, קאַטעגאָריעס „אַ פּריאָרי", ד. ה. פון אונז אַליין געשאַפען, פון אונז אַליין אַריינ־געבראַכט אין אַ פאָרם פון אונזער בעוואוסטזיין. ער האָט צושטערט די גאַנצע מעטאַפיזיק, די גאַנצע טעאָלאָגיע און פיהרט איין דעם „קאַטעגאָרישען אימפּעראַטיוו", אַן אינערן געבאָט אין אונז וועמען מיר מוזען פאָלגען. פיכטע, שעלינג, העגעל, שאָפּענהויער זענען זיינע יורשים און אַפילו די נייע קאַנטיאַנער פון אונזער צייט — אַטאָ ליבמאַן, הערמאַן כהן האָבען אויך וויסענשאַפטליך, האַלב מיסטיש מאַטעמאַטיש און פּסיכאָלאָגיש פאַרטייטשט בלויז קאַנט'ן. קאַנט שטעלט אויף אַ גרענעץ צווישען 2 וועלטען, די וועלט אויסער אונז און די וועלט אין אונז. קאַנט זאָגט אַז ביידע דיינקען פאַלש אי דער דאָגמאַ־טיקער אי דער סקעפּטיקער, ווייל זייער אויסגאַנגספּונקט איז אַ פאַלשער, ווייל ביידע האָבען ניט קיין מעטאָדע. איהר פרעגט — זאָגט ער — וואָס איז גאָט, נשמה, מאָראַל, איהר ווילט גע־פינען זאַכען וואָס איז שווער צו בעווייזען, און פון וואַנען ווייסט איהר אַז 2 און 2 איז 4? אַז עס איז אַזוי זעהן מיר, ס'איז דאָ אַ פיזישע וועלט וואָס האָט כללים און אָרדענונג אין צוזאַמענ־האַנג, מיר לעבען דאָך אין איהר און ווייסען עס, ער פרעגט אָבער ווי אַזוי איז מאַטעמאַטיק מעגליך? נור ער ענטפערט, די זיכערקייט קומט פון דעם וואָס מיר אַליין שאַפען די אָרדע־נונג אין דער וועלט, דאָס איז אונזער וועלט, ס'איז אָבער דאָ אַ וועלט וואָס איז אויסער אונז וואָס מיר קענען שוין איהרע פראַגען ניט לעזען, מיר ווייסען ניט אויב די אויסערע וועלט

האָט אַ סדר, מיר ווייסען אָבער אַז די אינערע וועלט איז אונזער שאַפונג און מיר זענען געבונדען צו איהר. מיר דענקען וועגען גאָט, נשמה, אָבער דאָס זענען שלוסען וואָס מיר ציהען פון אונזער אייגענער דערפאַהרונג, אָבער דאָס זענען געדאַנקען ניט קיין פאַקטען. פרייהייט איז אויטאָנאָמיע, ד. ה. לעבען נאָך אייגענע געזעצען נישט נאָכ'ן אייגענעם ווילען, מיר ווייסען ניט וואָס „ווילען" איז, מיר האָבען קיינמאָהל קיין „פרייען ווילען" ניט געזעהן, מיר ווייסען אָבער אַז יעדערער טוהט וואָס זיין אינערליכער געזעץ באַפעלט איהם, דאָס רופט ער אין זיין עטיק, קאטעגארישער אימפעראטיוו, און דער געזעץ איז: דער מענש איז ניט קיין מיטל נור אַ צוועק פאַר זיך. דער מענש אַלס שעפער פון דער וועלט און דער מענש אַלס צוועק, ער פאָלגט זיך אַליין ווייל ער מוז, ער האָט התחיבות'ן פאַר זיין „איך".

„קען זיך אַליין"

סאקראטוס אַ זוהן פון דעם סקולפטאר סאפראניסקאס און דער אקושערקע פראנארעטע זאָגט: מיין גאַנצען לעבען פיהר איך אַ מלחמה אַנטקעגען מיינע תאוות, און שאַרף מיין שכל זיי איינצוהאַלטען אין אייזערנע קייטען. סאקראטוס איז אַ קינסטלער פונקט ווי זיין פאָטער איז געווען אַ סקולפטאר. קסאנטיפא, סאקר. ווייב, פלעגט האַלטען אין איין וויינען אַז איהר מאַן איז פויל, געהט אַרום פוסט און פאַס, און האָט מען סאקר. געפרעגט, צו עס לוינט זיך חתונה צו האָבען, האָט ער געענטפערט: מען האָט חרטה אויףביידע. סאקר. צוקלאַפּט אַלעמענס אידעען און באַפעסטיגט זיינע אַזוי, אַז אַלע מוזען איהם צוגעבען. מיין מאַמע — פלעגט ער זאָגען — איז געווען אַ קושערקע, העלפען געבוירען, און איך העלף דעם געדאַנק געבוירען ווערען. די „הייבאַם קונסט" רופט ער עס, און מיר רופען עס ד י א ל ע ק ט י ק , אַ זאַץ, אַ באַגריף, אַ געדאַנק, דאַכט זיך אַזוי קלאָר, סאליד, צוברעכט ער עס, און אַליין זאָגט ער ניט זיין מיינונג, נור הייסט אַנדערש קלערען דאַריבער. סאקראטוס האָט ניט קיין אייגענע מיינונג, דער דעלפישער

אראקל האָט איהם גערופען: דער קליגסטער פון אַלע מענשען! פלאַטאָן האָט געלאָזען „די דיאַלאָגען" אַרום סאָקראַטעס'ן זאָגט ער איז אַלעס אינטעלעקט, פּאָעזי און לעגענדע, אויסער וואָס פלאַטאָן און קסענאָפאָן, זיינע תלמידים, דערצעהלען אונז, ווייסען מיר מעהר וועגען איהם גאָר ניט. דער ערשטער אין זיינע דיאַלאָגען, דער צווייטער אין זיינע „עראינערונגען". סאָקראַטוס האָט געלעבט אין איין צייט מיט די וואונדערבאַרע רייכסטע גייסטער פון גריכענלאַנד, ווי די דראַמאַטורגען — עסכילעס, סאָפאָקלעס און אייריפּידעס און אריסטאָפאַנעס, טיפע דענקער, ווי אַנאַקסאַגאָראַס וואָס איז דערגאַנגען צו דער אבסטראַקציע פון „שעפּפערישען שכל", פון פּאַרמענידעס, דעם געניאַלען דענקער פון „איינס" און פון „זיין", אָדער פון די סאָפיסטען, דער גרויסער פּראָטאַגאָראַס וואָס זאָגט: „דער מענש איז די מאָס פון אַלצדינג", עהנליך צו יום, קאַנט, פּראַדיקאַס דער מאַטעריאַליסט, אָדער היפּיאַס, דער גריכישער לייבניץ, אַן ענציקלאָפּעדיסט, מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם, שפּראַך פאָר־שער, קינסטלער, פילאָזאָף, דאָס איז סאָקראַטעס געוועזען דער שם הכולל. דער רוימישער ענטוזיאַסט ציצעראָן רופט איהם: „דער פאָטער פון פילאָזאָפיע", „קען זיך אַליין" איז זיין מאָטאָ אויפ־געשריבען אויפ'ן טעמפּעל פון דעלפי. אַריסטאָטעל זאָגט: סאָקראַטעס האָט געפונען די מעטאָדע פון דער אינדוקציע און די קונסט פון באַשטימען אַלגעמיינע באַגריפען. סאָקראַטעס סיסטעם איז „מאָראַל איז וויסען", קיינער איז ניט שלעכט, ווייל ער וויל עס, גוט און שלעכט זענען שכל קאַטעגאָריס, ווייס אַ מענש וואָס ער טוהט איז ער תמיד גוט, ווייל די וועלט איז אָרדענונג, ווייל זינד איז בלויז אומוויסענהייט און אומפאַר־שטאַנד. זיין זינד איז געוועזען „ער גלויבט ניט אין געטער וואָס די רעפּאָבליק גלויבט אין זיי, ער פאַרפיהרט די יוגענד"! יאָ, סאָקראַטעס האָט ניט געוואָלט איינפיהרען ניט דעמאָקראַטי, אַריסטאָקראַטי, רעפּובליק אָדער מאָנאַרכי, נור „די הערשאַפט פון שכל". עטליכע יאָהר פאַר סאָקראַטעס'ן איז געשטאָרבען זאַראַטוסטראַ דער פּערסישער לעהרער וועמען ניטשע האָט שפּעטער איבערגע'חזר'ט, בודא, קאָנפוציוס, לאַאָטצע, עזרה און נחמיה אַלע זיינע צייטגענאָסען.

(עפ"י ד"ר קאַראַלניק)

פאַר אַלעם אַ צייט

פון קאָנפוציוס שריפטען

געוועזען איז עס דאַן, ווען אַלע תלמידים פון דעם גרויסען קונג-פו-טזאָ קומען מקבל פנים זיין זייער הייליגען רב'ן.

און קומען קומט מען דאַן צו זיין קבלת פנים פון גאָר דער וועלט, און יעדער איינער ברענגט מיט זיך אַ פּרעזענט, ניט קיין קערפּערליכען, נאָר אַ גייסטיגען, ווייל, וויסענדיג אַז דער אַלטער איז צופרידען פון זעעלענדערגרייכונגען, קומט יעדער מיט אַ פאָרטראַג איבער פסיכא, איבער עטיק, מאָראַל, אינטע-לעקטועל, ווייל יעדער דעם זקן'ס הסכמה באַקומען און ס'הערט זיך הויכע געדאַנקען, פּראַוואַירבס-משלים, אַפאָריזמען, לירישע, פּאָעטישע שאַפונגען. און אַלע זענען צופריעדען.

פאַנג-צאַן-לי, איינער פון די באַריהמטסטע, בעסטע תלמידים איז זיך רוהיג געזעסען און געשוויגען. זיינע חברים האָבען איהם בעעהרט מיט'ן טיטעל „דער פאָרטיעפער", ווייל שוין אַזוי איינינגע יאָהר איז ער איזאָלירט און מיידט אויס יעדען פאַרקעהר מיט מענשען, איינזאַם זיצט ער און טראַכט. ווען עס איז געקומען צו איהם, צו פאַנג-צאַן-לי ער זאָל עפּעס אַרויס-ווייזען זיינע גרויסע שאַפונגען אין זעעלענלעהרע אונטער דער צייט, האָט ער בלויז אַ קורצע באַמערקונג אַנגעגעבען, נעמליך: פיעל געדאַנקען באַשעפטיגען מיין מח, אָבער זיי זענען אַלע נאָך נישט קלאַסיפיצירט, זיי זענען נאָך נישט רייף, און אַ געדאַנק, וועלכער קען נאָך זיין אישו, זיין קאָנסעקווענט נישט האָבען איז טענדענצלאָז אין אַזאַ געדאַנק, אַזאַ אונציייטיגע שאַפונג וויל איך נישט פאַרברייינגען, ווייל פריהער מוז איך אַליין דעם פּלאַן פון מיין אידעע באַטראַכטען, אויסאַרבייטען, און דאַן ערשט וועל איך עס קענען אייך פאַרברענגען. מיר האָבען נאָך צייט.

ווען די זון האָט אַנגעהויבען אַרויסקריכען פון איהר שייד און האָט אַנגעהויבען שטאַרק ברענען די ערד מיט אַלעם, וואָס אויף איהר, איז דער הייליגער מיט זיינע שילער צום וואַסער

געגאנגען און אין אמפי־טעאטער פארם האבען זיך דארט אלע אויסגעזעצט און דער אלטער אליין האט געזאגט:

„עס גיט טיפע ברינימער, וואס אין זיי זענען קאלטע וואסער, ווייל די זונען־שטראהלען גרייכען אהין נישט און די מענשליכע אויג קען זייער טיעפקייט נישט זעהן, ארום זיי איז שטיל און פינסטער, אהן א אנפאנג און אהן אן ענד, אליין, אהנע קאנעקשאן מיט דאס ארומיגעס, זענען זיי, און קריגט מען ארויס פון זיי מיט מיה א ביסעל וואסער קענען זיי טאקי ברעכען דעם דורשט.

„עס גיט אבער פליסענדע טייכען, וואס רוהען קיינמאהל און שטעהט קיינמאהל אויף איין ארט, אין זיי שטראהלט שוין די זון, און זיי לויפען שוין צום ים. זייערע וועללען באפרוכ־פערען פעלדער און גערטנער, און שיפען שלאגען זיך א וועג דורך אינצווישען זיי. זייער גרונד איז נישט טיעף אבער זייער קראפט איז אין שטראם.

„עס מיינט, א צייט איז דא צו פארטיעפען זיך און א צייט צו שווימען אויפ'ן וואסער. א צייט דער קוואל זאל זיינע וואַ־סערען לאזען בעהאלטען און א צייט, אז וואסער זאל זייער פלאץ פאר אנדערע אפשטראמען. א צייט צו טראכטען, א צייט צו רעדען,ביידע זענען פון גאט באשטימט”.

אזוי האט געזאגט קאנג־פו־טזא.

וואס געלעהרענטע זאגען:

ט ה א ל ע ס פ ו ן מ י ל ע ט. (געלעבט 545 — 625) לערנט אז אלץ שטאמט פון וואסער. זיין צייט פילאזאפי האט מען גערופען הילאזאאיזם, (גריכיש: הילא־מאטעריע, זאאן — וואס לעבט). טהאלעס זאגט אבער, אויב אלץ אין דער נאטור לעבט, דארף מען פריהער אויסגעפינען וואס איז דער פרינציפ פון לעבען אין דער נאטור, אלץ וואס לעבט שטאמט פון א „זאמען”, אבער יעדער „זאמען” מוז האבען פייכקייט אדער

וואַסער, כדי עס זאָל קענען וואַקסען, הייסט עס אַז דער הויפּט בעדינג פון לעבען איז וואַסער.

* * *

אנאקסימאנדער, טהאלעס'עם תלמיד, ערקלעהרט גאַנץ אַנדערש דעם וועלט פּראָבלעם. די וועלט, זאָגט ער, שטאַמט פון דעם „אַפּעיראָן" (אַפּעיראן מיינט אָן אַ גרענעץ), אין סוף דער אַפּעיראן לאָזט אַרויס פון זיך וועלטען און שלינגט זיי ווידער איין, פריהער איז אַרויס דאָס קאַלטע און דאָס וואַרימע און פון דאָס פייכטע — די גאַנצע וועלט, שפּעטער האָבען זיך ענטוויקעלט לעבעדיגע וועזענס אין פיש-אַרטיגע געשטאַלטען און ביים ווערען יבשה האָט זיך עס פערוואַנדעלט אין אַנדערע ברואים. לויט איהם איז די בריאה אַ פּראָדוקט פון ענטוויק-לונג. קומט נאָכהער זיין תלמיד:

* * *

אנאקסינעמעס (588 — 524) און לערנט אַז די לופט איז דער וועלט פּרינציפּ, וואָס איז אין קוואַליטי און קוואַנטיטי אונענדליך. ער איז ווי טהאלעס אַ הילאָזאָאיסט, אַז די גאַנצע נאַטור איז באַלעבט, דער פּרינציפּ פון לעבען אָבער איז דער אָטהעם אָדער די לופט, נשמה, נפש און רוח מיינט אויך אָטהעם, זעעלע, ווינד און לופט אין גריכיש רופט זיך עס „פּנעומא", נשמה מיינט עס, און אָטהעם ווערט נור אַ דאַנק די צוויי פּראָצעסען געשאַפען „פּיק נאזים", דאָס געדיכט ווערען און „מאַנאזים" — שיטער ווערען, ווען די לופט איז שיטער ווערט פון דעם פייער ווערט די לופט געדיכטער ווערען וואָלקען ווינד, וואַסער און ערד.

* * *

פּיטהאגארים און זיינע תלמידים לערנען אונז אַז דער וועלט פּרינציפּ ליגט ניט אין איכות, קוואַליטי, נור אין דער כמות, קוואַנטיטי, אַז דער מקור פון דער וועלט באַשטעהט אין אַזאַ ניט ממשות'דיגער זאַך ווי די צאָהל. פּיטאגאראס האָט די וועלט אַ נאָמען געגעבען „קאָסמאָס", צוליעב די שעהנקייט און

האַרמאָני וואָס הערשט אין איהר. די האַרמאָני פון דער וועלט אָבער באַשטעהט פון קאָנטראַסטען „אום" און „גראַד", נשמה און גוף, א. א. וו.

*   *   *

קסענאָפאַנעס דער שאַפער פון דער עלאַטישער שולע קומט אַרויס מיט'ן מאָנאָטעאיזם „עים טהעאָס", איין גאָט נור איז דאָ. ער איז אָבער פּאַנטעאיסט, גלויבט אין אַל־גאָטהייט, די וועלט איז איין איינציגע, גאָט פאַרנעהמט דעם גאַנצען וועלט רוים, אַזוי קומט ער צו די העכסטע מדרגה פון דער מעטאַפיזיק וואו זיינע פאָרגענגער האָבען ניט געקענט גרייכען.

*   *   *

הערקליט לערנט, אַז „דער קריג איז דער פאָטער און קעניג פון אַלע זאַכען", יעדע זאַך איז אַ פאַראייניגונג פון סתירות, וואַכען און שלאָפען, יוגענד און עלטער, לעבען און טויט זענען אין דער זעלבער צייט אי קאָנטראַסטען אי די זעלבע זאַך, ווי דער גאָט אַפּאָלאָן האַלט אין איין האַנד אַ לירע, אין דער צווייטער אַ פייל און בויגען. פון וואַנען, פרעגט ער, שטאַמט דאָס אייביגע ווערען, די פאַרענדערונגען און דער קאָנטראַסטען קאַמפף? פון דער וועלט סובסטאַנץ, זאָגט ער, ווערט עס, די וועלט סובסטאַנץ באַשטעהט פון פייער איטהער וועלכער מאַכט דורך אַפּאַראַציעס פון אַ לאַנגזאַמען אָפּשטאַרבען, עס ווערט פון איהם פריהער וואַסער נאַכהער ערד, אין זיין ערד צושטאַנד הייסט עס „האדאס קאטא", אַפּגעשטאָרבען אין גאַנצען, און נאַכהער הויבט ער וויטער אָן צו לעבען, „האָדאס אנאָ", אַזוי איז זיין און ניט זיין צונויפגעמישט. און דער עיקר אויפגאַבע פון מענשען לערנט ער איז צו לעבען ווי דער שכל דיקטירט. די הערקליטישע וועלט איז אַ אייביגער שטראָם פון פערענ־דערונגען און צוריק ניי ווערען. קיין רוה איז ניטאָ, אַלץ פליסט, „פּאַנטא רהיי", קיין זאַך בלייבט ניט דאָס וואָס איז געוועזן.

*   *   *

1) אין דאַנטעס „געטליכע קאָמעדי" זענען פאַרקערפערט

די פילאָזאָפי פון אַריסטאָטעל צו סכאָלאַסטיק פון אַקווינאַס, די געאָגראַפי פון היפּאַרקוס און אַסטראָנאָמי פון פּטאָלעמיי, ווייל אין זיין עפּאָכע איז געווען איין רעליגיאָן — קאַטאָליציזם, איין פילאָזאָפי—אַריסטאָטעל, איין קולטור שפּראַך—לאַטיין, איין וועלט אידעאַל — רוימישע אימפּעריע. דעריבער האָט דאַנטע געקענט זי אינגאַנצען אַריינעהמען און פאַרגליווערען אין זיך.

די „געטליכע קאָמעדיע" האָט 3 טהייל. דאָס ערשטע געזאַנג איז אַריינפיהר צו דער קאָמעדי, יעדער טהייל באַשטעהט פון 33 געזאַנגען. דער פערז איז די טריאַדע. בעאַטריצע איז ערשינען אין דער 9טער שעה, 9טען מאָנאַט, 9טען יאָהר, אין 9טען יאָהר-צענט פון דעם יאָהר-הונדערט. ביי דער ערשטער באַגעגעניש איז ער 9 יאָהר אַלט געווען, ביי דער צווייטער זי 18 א. א. וו. עס וועט קיינמאָהל ניט ערקלעהרט ווערען אויב בעאַטריצע איז געווען אַ שעהן מיידעל אָדער גאָר די טעאָלאָגי. די געטליכע קאָמעדי איז דאָס ליד פון קאַטאָליציזם, (ח' ליבער־מאַן), דער „לימבוס" נעהמט אַריין יענע הויכע גייסטער וואָס קיין גיהנם קומט זיי ניט, אין גן עדן קענען זיי ניט קומען, רוהען זיי אין לימבוס, צווישען גן עדן און גיהנם, אַזוי ווי: אַריסטאָ־טעל, פּלאַטאָ, סאָקראַטעס, הערעקליטוס, יוקליד און ווירגיל.

* * *

2) פּאָעזי און פילאָזאָפי, די ערשטע פליהט אין די הימ־לען, די אַנדערע צעהלט די טריט, איינע איז אינטואיצי, די אַנדערע שכל, איינע האַרץ די אַנדערע פערשטאַנד, אוןביידע טראַדיציאָנעלע שונאים.

* * *

3) קאַנט טענה'ט: די ראַציאָנאַליסטען זענען גערעכט אַז דער עמפּיריציזם בעווייזט גאָר ניט, און די עמפּיריקער זענען גערעכט אַז דער ראַציאָנאַליזם זאָגט גאָר ניט, ביידע קענען גאָט ניט גאַראַנטירען, אַז ער איז דאָ. איין זאַך איז אָבער זיכער דאָ, דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, וואָס דיקטירט אונז צו טאָהן מאָראַלישעס, עהרליכעס.

* * *

4) דאסטאַעווסקי זאָגט: מענשען איז געטהיילט אין 2: געוועהנליכע, וואָס מוזען אויספאָלגען געזעצען און אויסער־געוועהנליכע אַזוינע „פאַר וועלכע עס עקזיסטירט ניט קיין געזעץ".

* * *

5) דאסטאַעווסקי איז דער היפוך פון קאַנט: קאַנט האָט פון דער מאָראַל געזוכט אַ גאַראַנטי פאַר גאָט, דאסטאַעווסקי וויל פון גאָט ציהען אַ גאַראַנטי פאַר דער מאָראַל...

* * *

6) ארכימעדעס האָט געזוכט אַ פּינטעל אויסער דער וועלט, פון וועלכער, ער האָט געזאָגט, ער וואָלט די וועלט געקענט אומדרעהען. דאָס פּינטעל לאָזט זיך אָבער ניט געפינען.

* * *

7) אין שעקספּיר'ס „מאַקבעטה" געהט אַרום די מערדערין פון דעם אַלטען קעניג און מורמעלט: „ווער האָט זיך געקענט ריכטען, אַז דער אַלטער מאַן האָט אַזוי פיעל בלוט אין זיך"! טאָלסטאָי פרעגט: „ווער וואָלט זיך גערעכנט, אַז אין דעם מענשען ליגט אַזוי פיעל שלעכטס פאַרבאָרגען"? טאָלסטאָי קריטיקירט די קולטור, ניטשע — דעם מענשען. וויל מען טאָלסטאָען פאַרשטעהן, דאַרף מען ניטשען קענען. דער לעצטער איז אַ כעמישע שטאָף וואָס העלפט דעם קלאָרען בילד פון ערשטען זעהן. טאָלסטאָי האַלט פון סטאַטישען פּרינציפּ, אַז דער מענש איז אַ פאַרענדיגטע זאַך, ניטשע האַלט פון עוואָלוציאָניסטישען שטאַנדפּונקט. ניטשע זאָגט: דער מענש זאָל זיין אייגענער מייסטער ווערען. ביי טאָלסטאָען איז חתונה אַ זינד, ס'איז אונטערטעניגקייט פון גייסט צום קערפּער, ביי ניטשען איז עס הייליג, „די פאַראייניגונג פון צוויי מענשען מיט'ן צוועק צו באַשאַפען איינעם וואָס איז בעסער פון זיי". טאָלסטאָי: זייט גוט. האָט ליעב איינער דעם צווייטען, ווייל נור אין ליעבע צו אַנדערע וועט איהר אייער גליק געפינען! ניטשע: אַ מצוה

וואָס ווערט געטאָהן פאַר שכר איז קיין מצוה ניט, ער טרעט צו צו מאָראַל פון פיזאָלאָגישען שטאַנדפונקט.

* * *

8) ווילהעלם וואונדט דער גרינדער פון דער עקספערי־מענטאַלער פסיכאָלאָגי זאָגט, אַז דאָס נשמה פּראָבלעם איז דאָס פילאָזאָפישע פּראָבלעם „פאַר עקסעלאנס״.

* * *

9) „סיענטאַ סיענטארום״ — וויסענשאַפט פון אַלע ווי־סענשאַפטען, האָט זיך די פילאָזאָפי גערופען, אָבער פּאָזיטיוו האָט זי גאָר ניט פאַרענטפערט, פּראָבלעם נאָך פּראָבלעם איז פון איהר צוגענומען געוואָרען און זי איז געבליבען ביים פרעגען, ביים צווייפלען.

* * *

10) וואונדט וויל זאָגען: ס׳איז קיין נשמה אַלס סובס־טאַנץ ניטאָ, די נשמה איז נור אונזער אַקטיוויטעט, דאָס גייס־טיגע לעבען איז דורך און דורך פּראָצעס, פּאַסירונג, ניט רוה־ענדעם נור טהעטיגקייט, דער „איך״ איז דער נשמה אינהאַלט פון דער פסיכאָלאָגישער ערפאַהרונג. וואונדט צוברעכט די ביאָלאָגישע און פיזישע וויסענשאַפט פון דער קלאַסישער פילאָ־זאָפי וועלכע וויל האָבען אַז די נשמה איז אַ וועזען אין צענטער פון מארך...

* * *

11) אַ תלמיד האָט זיך געווענדעט צו בודהא: גרויסער נביא גיב מיר עפּעס. בודהא שווייגט. אַ צווייטען מאָהל, אַ דריטען מאָהל האָט דער תלמיד געבעטען, בודהא שמייכעלט און גיט איהם שווייגענדיג אַ בלום. טיעפקייט איז שטיל, די שפּראַך פון דער נשמה איז דבקות, שווייגען... טאגארי לערנט אויפשטעהן אין דער פריה און זיך פאַרטיפען און שווייגען...

חמר להטפה

בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. „את" לרבות מצוות שמימיות בין אדם למקום, „ואת" לרבות מצוות ארציות— בין אדם לחבירו.

* * *

וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד. טוב — מלאך החיים, מאד — מלאך המות, כי כל „מאד", „אולטרא", „מותרות" גורם את המות. וכן אמר שלמה: דבש מצאת אכל דיך פן תשבענו והקאתו; אץ להעשיר לא ינקה. או (בתלמוד) סעודה שהנאתך מרבה משוך ידך הימנה, כלומר: טוב להנות מן העולם, אבל לא „מאד", הכרחיות ולא מותרות, כי המותרות גורמות את המות...

* * *

עם לבן גרתי, פירש רש"י לא נעשיתי שר וחשוב אלא גר — אבי ברכני הוה גביר לאחיך ולא נתקימה ב י, כשתוציא האותיות ב י מן גביר, יצא גר, כלומר במקום גביר הריני גר.

* * *

מרגליות טובה היתה תלויה בצוארו של אברהם אבינו שכל חולה שהיה רואה אותה מתרפא, וכיון שמת תלאה בגלגל חמה, כלומר, המרגליות הן סמן הדרכה וחנוך באמונת ד', כנאמר „נר מצוה ותורה אור", וכל חולה במחלת הנפש בהסתכלו בה היה נרפא, וכשמת אברהם הדרכה זו והשפעתה פסקה, שלא היה מי שירפא את נפשות האנשים כמוהו תלאה בגלגל חמה ללמוד מהשמש מציאות ד', ככתוב השמים מספרים כבוד אל, ואברהם חמם כל לב קר באמונתו והוא יושב פתח האהל לחמם את לבבות הפוסחים „כחם היום" לאותה התועלת ישב גם הוא שם.

ויצא קין מלפני ד׳. פגע בו אדם הראשון, אמר לו: מה נשמע בדינך? אמר לו: עשיתי תשובה ונתפשרתי. התחיל אדם הראשון מטפח על פניו, אמר: כך היא כחה של תשובה. מיד עמד אדם הראשון ואמר: מזמור שיר ליום השבת, (מדרש). בכל ששת ימי המעשה האדם עובד להכנים טרף לביתו ואין עתותיו בידו לפשפש במעשיו, לדעת אם נמצא בו עון ושב ורפא לו, אך בשבת, ביום שנח מעבודתו, יכל לעשות חשבון הנפש ולתקן את אשר עות, כדברי חז״ל (שבת דף י״א): חייב אדם למשמש בגדיו ערב שבת עם חשכה, בהגיעה לו עת המנוחה יפשפש במעשיו, כדאיתא (ברכות נ״ה): כל הלן שבעה ימים בלא חלום נקרא רע, שנאמר: ושבע ילין בל יפקד רע, אל תקרא שבע אלא שבע, כי חיי האדם כחלום יעופו, ובימי המעשה אין לו שהות לחשוב רעיונות נעלים כאלו, לא כן בשבת, בו ביום יכול להבין את קוצר ימי האדם, וזהו „הלן שבעה ימים״, ובהם גם שבת בכלל, ואינו נותן לו כל חשבון הנפש נקרא רע, עליו להבין שחיי האנוש על האדמה כחלום יעוף, ואדם הראשון בשמעו שתשובה מועילה, הבין שהיום המסוגל לזה רק שבת, קם ואמר: „מזמור שיר ליום השבת״.

* * *

בגופו של אדם ישנם שלשה כחות: נפש, רוח ונשמה. הנפש היא במדרגה הראשונה, בהולד אדם מרכב הוא מנפש בהמית הרודפת אחרי אכילה ושתיה ושאר הנאות הגוף, וכשיגדל האדם גם הנפש מתפתחת וגדלה עמו, את הנפש הזאת צריכים לעדן ולזכך, לחנכה ולהרגילה שתהא מוגבלת בתאוותיה הבהמיות, נזדככה הנפש הבהמית נעשה האיש מוכשר למדרגה יותר רמה והוא „איש הרוח״, רוח האהבה לכל הנברא בצלם. נתפתחה הרוח בקרבו יגיע למדרגה יותר רמה „לנשמה״, נשמת שדי תחיהו, והשעורים של זוך הנפש, אצילות הרוח ועלית הנשמה הם קובעים את תכונותיו של אדם, ומבדילין בין אדם לאדם, וכשם שאין פרצופי בני אדם, דעותיהם וקולותיהם דומים כן אין שעוריהם של זוך הנפש, אצילות הרוח ועלית הנשמה דומים. וכן גם ביצירת התכונה העבריה יש שלשה שותפים: הגזע, התורה והארץ. ההכשרה הראשונה באה מאברהם,

„בשעתא דעאיל אברהם לארעא אתחזי ליה קודשא בריך הוא" ויבן שם מזבח. המצוות באו לזכך את הנפש הישראלית, „נתן תתן", „פתח תפתח", „טעינה ופריקה", והשפעת תורתנו לתקון נפשנו רוחנו ונשמתנו מתארים את שלשת הכחות שבאדם כעין דרגות זו על זו, הנפש דבוקה בגוף כאש השחורה בפתילה, הרוח דבוקה בנפש, כאש הלבנה באש שחורה, והנשמה דבוקה ברוח כנהורא סתימאה...

(מעובד לפי ניסנבוים)

* * *

את הכבש האחד תעשה בבקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים. בחיי האדם יש שתי תקופות, השחרות והזקנה. בימי השחרות האדם מלא כח עלומים ועבודתו משוכללה, אבל החכמה עוד נעלמה ממנו, כי החכמה ברוב ימים תמצא, וכן כשמזקין האדם יפתחו לפניו שערי החכמה, „כי בישישים חכמה וארך ימים תבונה" (איוב), אבל כחות גופו נחלשו, ואין בכחו לעבוד פיסי כבימי עלומיו, ובשתי התקופות האלה צריך האדם לעבוד את הבורא, בשחרותו יזכור, כי ד' נותן לו כח לעשות חיל, לכן יעשה רק הטוב בעיני ד', ובימי הזקנה לא יתרשל, לא יאמר הן זקנתי ושבתי וכח אין אתי לעבוד את ד' רק יעבוד ויאזור כגבר חלציו, לזה רמזו שני התמידים שהקריבו בביה"מ תמיד של שחר ושל בין הערבים, בימי השחרות כשמש החיים תתחיל לזרוח יזכור מה ד' דורש ממנו, ותמיד של בין הערבים— לזקנתו, כשמש החיים יורדת לא יתרשל בעבודת ד'. וזהו כונת הילקוט (וירא) אותו היום שהעלה אברהם אבינו את יצחק בנו על גבי המזבח תיקן הקב"ה שני כבשים אחד בשחר ואחד בין הערבים, שנאמר: את הכבש אחד תעשה בבקר וכו', כי אז במעשה העקדה נתבלט בשתי התקופות, השחרות והזקנה, חברו יחד לעשות רצון ד', מצד אחד היה יצחק במבחר שנותיו מלא כח עלומים, שהחיים שחקו לו, ומצד השני היה אברהם זקן ושבע ימים ושמשו נוטה לערוב, ושניהם הלכו בכל זאת, בעצה אחת לעשות רצון קונם, להקריב את נפשם על מזבח אהבתם לד', ולכן תיקן אז הש"י שני תמידין של שחר ושל בין הערבים להורות שגם הצעירים וגם הישישים יתאחדו לעשות רצון הבורא...

ואהרן וחור תמכו בידיו מזה אחד ומזה אחד ויהי ידיו אמונה עד בא השמש. במעשה העגל הראה אהרן סבלנות וחור — קנאות, ובשלה נהרג, כוונת הכתוב היא להדגיש ש„אהרן וחור תמכו את ידיו", התורה צריכה להשמר על ידי הקנאות והסבלנות ביחד אבל בחד לא סגי.

* * *

„כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך". שאל ר' חנינא בן עגיל את ר' חייא בר אבא: מפני מה בדברות הראשונות לא נאמר בהם טוב ובדברות האחרונות נאמר בהם טוב. אמר ליה: עד שאתה שואלני, למה נאמר בהם טוב, שאלני אם נאמר בהם טוב אם לאו, שאיני יודע אם נאמר בהם טוב אם לאו, כלך אצל ר' תנחום בר חנילאי שהיה רגיל אצל ר' יהושע בן לוי שהיה בקי באגדה אזל לגביה, א"ל: ממנו לא שמעתי אלא הואיל וסופן להשתבר, וכי סופן להשתבר מאי הוו? אמר רב אשי: חו"ש פסקה טובה מישראל, (ב"ק). להסביר את הרעיון המובא לעיל אפשר לכשנתבונן על השנוים העקריים בין הדברות הראשונות לאחרונות, לבין אלו מיתרו — מאלו שבואתחנן. בראשונות האות ט' אינו כלל ובאחרונות נמצאה האות ט' פעמים „בזרועך הנטויה,", „למען ייטב לך". גם כן באחרונות נתוספו ווין, בראשונות כתוב: לא תנאף, לא תגנב, לא תענה, ובאחרונות: ולא תנאף, ולא תגנב, ולא תענה. ועוד יש שנוי על חמוד הבית, בראשונות כתוב: לא תחמד בית רעך, לא תחמד אשת רעך, ובאחרונות: לא תחמד אשת רעך ולא תתאוה בית רעך, וכלל ר' חנינא שלשת השנוים האלה ונטרק אותן במלה „טוב" והיא — ט' ו' ב', אין ט' בראשונות, באחרונות נתוסף ו' ושנוי במלה „בית", ענהו, לא דקדקתי, רק הטעם הוא שהראשונות עמדו לשבירה לכן לא היו שלמות...

* * *

כבד את אביך, התורה אינה מצוה לאהב את האבות, כי זהו רגש טבעי מושרש עמוק בנפש האדם, כי אין מיטיב עמנו כאבות, מפני שעיר פרא אדם יולד והאבות סוככים עליו ומחנכים אותם, ישאו את תלאי החיים ופגעיהם, יסבלו מחסור אך בשביל

הבנים, לכן לא צותה לאהב רק לכבד, וכבוד כולל יותר מאהבת. כבוד האבות פירושו לכבד דעות האבות, להוקיר את המכובד בעיניהם, לקדש את השבת, כי „יש מאכיל לאביו פסיוני וטורדו מן העולם" (קדושין).

* * *

תנו רבנן בשעת פטירתו של רבי אמר לבני אני צריך, נכנסו בניו אצלו, אמר להם, הזהרו בכבוד אמכם, נר יהא דלוק במקומו, שלחן יהא ערוך במקומו, מטה תהא מוצעת במקומה— כל בי שמשי הוה אתי לביתיה, (כתובות ק"ג). על הפסוק „וימת תרח בחרן" מבאר רש"י בחרן „נון הפוכה", לומר לך עד אברהם חרון אף של מקום, כלומר, מאברהם נתפרסם המונוטי־איזם ופסק חרון אף של מקום, וקיימא לן, דמי שהניח בן כמותו לא נאמרה בו מיתה, שהרי הבן הוא עצם מעצמות אביו ובשר מבשרו, ולכן דוד שהניח בן כמותו כתוב בו שכיבה, וגבי תרח לא כתוב גויעה או שכיבה רק מיתה, כי אברהם לא היה כמוהו, וזהו נון הפוכה, מהמלה „חרן" רק ח' ר' מן השרש „חרה", ואברהם אבינו היה זהיר: א) שלחנו היה ערוך לרעבים. ב) למד את העם מצוות ד. ג) מטתו היתה מוצעת בצניעות. וכה אמר רבנו הקדוש, נר יהא דלוק במקומו (נר מצוה ותורה אור) שלחן יהא ערוך, כלומר, יכניסו רעבים ואורחים לשלחנם, מטה תהא מוצעת בצניעות כמעשה אביהם, ומדוע צוום כן? מפרש הגמרא כל בי שמשי הוי אתי לביתיה, כלומר, רבנו הקדוש רצה שרוחו יהיה תמיד בתוך בניו...

* * *

כל ערל וכל בן נכר לא יאכל בו, ודרשו חז"ל, בן נכר זה שנתנכרו מעשיו לאבינו שבשמים. לכאורה קשה, מדוע דחפה התורה איש כזה מפסח בעת שגם „חלבנה" נמצא בין סממני הקטרת? וגם ביום כפור אנו מרשים ואומרים „על דעת המקום והקהל אנו מתירין להתפלל עם העברינים"? רק הטעם הוא מפני שחלבנה טובה רק ע"י כתישה ושחיקה הדק היטב עם שאר הקטרת, ופושע ישראל יתמזג אם רוצה להיות אח לצרה והעברינים השבים בתשובה הרי כצדיקים גמורים הם. לא כן הבני נכר מאתנו, בכל קשי השעבוד אינם במחננו וכשפרעה

שאל „מי ומי ההולכים" עמדו מרחוק רק באים הם אל המוכן — לא יאכלו את הפסח...

* * *

ותקע כף ירך יעקב בהאבקו עמו. בדיני ספר תורה ותפילין איתא, אם נמחקה צורתה של אות מביאים תינוק דלא חכים ודלא טפש, אם קורא כראוי כשרה ואם לאו פסולה, אבל יכולים לתקן את הספר תורה ע"י העברת הקולמוס או לתקן את התבה הנפסדת, ועפ"י ספרי מוסר כל איש מישראל הוא ס"ת ברמ"ח אבריו ושס"ה גידיו עולה תרי"ג, וכשאדם מקיים את המצוות הרי הוא ס"ת שלם, ואם נמחקה צורתו היהודית הוא כמו ס"ת שנמחק, ואם תינוק שאינו חכים או טפש קורא כראוי, כלומר אם יוצאי חלציו עוד קוראים את אותיות היהדות אצל אביהם סימן הוא שיהודי הוא וכשר, אבל אם נמחקו ציוני היהדות כל כך הרבה עד שהתינוק אינו יודע לקראת כראוי אז הוא ס"ת פסול רק אפשר להכשירו ע"י העברת הקולמוס. והחילוק בין ספר תורה לתפילין הוא, בתפילין יש רק פרשיות אחדות בעוד שהס"ת שלם הוא, ואותו הוא החלוק בין יעקב ובין יוצאי ירכו, הדור הראשון המכונה יעקב למד כל התורה מן „בראשית עד לעיני כל ישראל", והיום? כאותו הכפרי הנכנס לחנות של ספרים ובקש לקנות סדור עב, מפני שאם בניו יקרעו מסדור דק דפים אחדים יחסר לו „אדון עולם", אבל מסדור עב יקרעו רק הפרושים ו„אדון עולם" ישאר...

* * *

ניקנור נעשו נסים לדלתותיו. תנו רבנן מה נסים נעשו לדלתותיו, אמרו, כשהלך נקנור להביא דלתות מאלכסנדריה של מצרים, בחזירתו עמד עליו נחשל שבים לטבעו, נטלו אחת מהן והטילוה לים ועדיין לא נח הים מזעפו, בקשו להטיל את חברתה, עמד הוא וכרכה (חבקה), א"ל, הטילוני עמה, מיד נח הים מזעפו, והיה מצטער על חברתה, כיון שהגיע לנמלה של עכו היתה מתבצבצת ויוצאת מתחת דופני הספינה, (יומא.) גם לנו יש שני שערים, שער התורה ושער העבודה, והיה הים סוער עלינו והטילו את שער העבודה לים, החריבו את בית מקדשנו, אבל

לא נח הים מזעפו ורוצים הם גם את שער התורה להשליך ברם אנו לא נעזבנה, וכנס ניקנור יעשה גם לנו שבקרוב נשיג את שער העבודה בארצנו.

* * *

משה התחיל באיש מצרי ונעשה איש אלקים, ונח התחיל בצדיק תמים ונעשה איש אדמה, אמנם בנו הבכור היה ראוי לברכה אבל מבנו הקטן סבל, יפת אלקים ליפת, אמר, וישכון באהלי שם, יפיפיתו של יפת תשכון באהלי שם, אבל לא להפך, שהעיקר הוא שיהיה יפיפיתו של יפת ותורתו של שם תהיה טפלה לה, ואותו הרעיון מביא הגמרא בסוטה.

* * *

שני חלומות ראה יוסף בנעוריו ושניהם נתקימו. בראשונה חלם לו על אלומות ואלומתו קמה וגם נצבה — הוא כלכל את כל בית אביו. והשני היה השמש, הירח והכוכבים, לא מאלומות שדי, רק מצבא השמים קנינים רוחניים, ובחלום הראשון כתוב „ותשתחוינה לאלומתי", ובשני כתוב „משתחוים לי", כי אם אחד יעלה על רעיו בשביל עשירותו אז מראים כבוד רק לאלומתו, אך אם אחד עולה בשביל ידיעותיו העמוקות ותורתו אז „משתחוים לו". כמסופר מפילוסוף שבא לקרעזוס העשיר, ובכל פעם שאחרון הראהו את עשרו היה מחוה קידה לפניו, ובאחרונה הראה קרעזוס לפילוסוף את מרבית צאנו ובקרו היה משתחוה לצאן, שאלהו קרעזוס: מה הוא עושה? ענהו: הלא סבת ההכנעה היא רק בשביל העשירות וזולת זאת עשיר ורש נשתוו, ואם הצאן הם הגורמים לעשירות ישתחוה לפניהם...

* * *

„צדק ילין בה ועתה מרצחים", כלומר, כשרוצים לתת צדקה אינם מזדרזים ומלינים את מעשה הצדקה, אבל בעשותם עול, ממהרים לעשותו „ועתה מרצחים" לרצוח עושים עתה, מיד ואינם דוחים העשיה הזו.

* * *

שלשת החגים, פסח, שבועות, סכות, הם כנגד שלש תקופות

בחיי האדם. פסח הוא כנגד תקופת האביב, „ימי עליה", והיא השחרות מחיי האדם. שבועות כנגד הימים שבין הבחרות והזקנה הם „ימי העמידה", הם ימי הבכורים שבתקופת חיי האדם. סכות — הם „ימי הירידה", ימי האסיף, התקופה שעל האדם לעשות חשבון למה שאסף במשך ימי חייו, ככתוב ושמחת לפני ד' אלהיך אתה ובנך ובתך וכו' במקום אשר יבחר ד' אלקיך לשכן שמו שם, והוא שהבנים יבואו לראות את פני ד' והאבות שבקו כבר חיים לכל חי, ואם האבות ישנם ובאים לראות את פני ד', אז הבנים אינם באים, והשמחה דלה ורזה היא...

* * *

קחו מאתכם תרומה לד', כלומר, העיקר של המצוה היא, כשאדם נותן בעת שדחוקה לו השעה, „קחו מאתכם", משלכם, גם בעת שעליכם לקמץ ולחשך מצרכיכם „מאתכם", כאמור (ב"ב), : שאלו לשלמה בן דוד : עד היכן כחה של צדקה? אמר : צאו וראו מה פירוש בה דוד אבי, כלומר, בימי שלמה היו עשירים ולא הבינו, אבל בימי דוד כשהארץ היתה נתדלדלה ע"י המלחמות והעם נתן צדקה, זוהי כחה...

* * *

מצא אשה מצא טוב. במספר חמשה ערך האיש גבוה מאשה, איש גמטריה 311, אשה גמטריה 306, וזהו מצא „אשה", אם היא פחותה מאיש אז מצא טוב, ומוצא אני מר ממות את „האשה", אבל כשמוסיפים לאשה ה' אז עולה מספרה למספרו וזו מר ממות, וזהו נחית דרגא ונסיב אתתא.

* * *

לא יהיה לך אלקים אחרים על פני, אחרים מלשון אחר, כלומר, המלאכים שבאו מאוחרים בבריאה לא יהיו לך לאלקים.

* * *

הוכח תוכיח את עמיתך. להוכיח תוכל רק לרעך ולא לאחר, כהלל שהיה עני וחייב את העניים, ר' אלעזר בן חרסם היה עשיר וחייב את העשירים.

CHARLES GOLDMAN JUDAICA LIBRARY
YM-YWHA OF NORTH JERSEY

ציון — לנשמות הטהורות נ"ע

יונגע און אַלטע טראַגעדיעס.

זיצט די יונגע מוטער מרים און איהר מאַן יהודה ראסעל. זי, אַן עניקעל פון של"ה הקדוש און שטאַמט פון די צפת'ער מיוחסים, און הייסע טרערען באַפייכטען איהרע על'געיעס ווען זי זאָגט זיי איבער דעם טויט פון איהר פריהצייטיג פאַר־שטאַרבענעם זוהן, דניאל דוד עה"ש, צו זיין 26 חדשים עלטער, אין אחרון של פסח תרפ"ט, און איהר טרייסט וועט זיין אין אַרבייט לטובת יאָנג איזראַעלס קינדער. דערין זאָלען זיי זייער טרייסט געפינען.

* * *

אמי מורתי הצנועה מרת ישפה בת ר' יהודה דוד שנפטרה כ"ה אדר.

אבות אשתי תחי', ר' שלום הכהן שנפטר ה' אדר ואשתו רחל בת ר' חיים שנפטרה כ"ד כסלו.

בן דודי האברך היקר והתמים אביעזר סאפירשטיין שנקטף בלא עת כ"ז טבת תרצ"ב נ"ע.

האשה הינדע בת ר' שלום הכהן שנפטרה ביום א' דראש השנה.

האשה חוה הצעירה שנקטפה באביב ימיה בכ"ג סיון.

* * *

ר' דוד קאולס, אַ איד אַ בעל צדקה און י"ש האָט אחרון של פסח תרצ"ג פאַרלאָרען אין יוראָפּ זיין גרייז גרויען פאָטער ר' מרדכי ליב קאוואלעסקי צו זיין 112טען יאָהר. אַ זקן נפטר געוואָרען, אָבער אַ פאָטער אַ הארציגער פאָטער. געטרייסט זאָלען זיי ווערען די זיהן ר' דוד, יצחק, נחמיה און פערל די טאָכטער, דורך צדקה אַרבייט זאָלען זיי געטרייסט ווערען.

* * *

מר זאב יוזדען י"ש ואוהב תורה ואחיו יעקב משה הנדבן מרדכי, דוד, והאחיות נעשי, שימקע וראשקע, והאם האומללה דבורה בשה מבכים את פטירת אביהם ובעלה ר' נתנאל צבי בר' דוד איש תם וישר א"צ, שנפטר כ"ז איר בשנת 67 לחייו.

ת נ צ ב " ה

אינהאַלט פערצייכנים

	זייטע
סליחות	21-14
ראש השנה	37-22
כל נדרי	40-38
יום כפור	47-41
סוכות	50-48
שמיני עצרת	52-51
פריינדליכקייט	54-53
די עקדה	58-56
וישלח	61-59
ויקרא	64-62
אַרבע פרשיות	68-65
מעות חטין	71-69
שבת הגדול	73-72
פסח	77-74
במה מדליקין	78
אהל יעקב	79
שבועות	89-80
תורה און עבודה	93-90
אידען און לבנה	95-94
לנגעים	97-96
ואתחנן	99-98
וילך	103-100
די רוימישע מלוכה	109-104
די אידישע פּאַרטייען	114-109
דער תלמוד	119-114
ר׳ סעדיה גאון	122-120
חסידישע שטריכען	123-122
דער פילאָזאָפישער שקלאַף	124-123
דער פילאָזאָפישער רעוואָלוציאָנער	126-125
קען זיך אַליין	127-126
פּאַר אַלעם אַ צייט	129-128
וואָס געלעהרענטע זאָגען	134-129
חמר להטפה	142-135